NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01111

# MEDINAS YISROEL UN ERETS YISROEL

Solomon Simon

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Shirley Isaacson Nadel*
*in memory of*
*Leah & Henschel Day*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה סיימאָן

# מדינת ישראל
# און
# ארץ ישראל

★

פארלאג „אונזער בוך" בוענאס-איירעס

יאָר פון באפרייען גענעראל סאַן־מארטין, 1950.

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN ARGENTINA
Copyright By
Dr. Solomón Simón, New York

SOLOMON SIMON

# "MEDINATH ISRAEL UN ERETZ ISRAEL"

Buenos Aires, 1950

AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTÍN

געווידמעט:

מיין ברודער בנימין,

מיין שוועגערן חנקע,

מיינע פּלימעניקלעך

בן ציון און אַביבה,

די תושבים פון רעננה, מדינת ישראל.

# אַרייַנפיר

עלף וואָכן און דריי טעג האָב איך פאַרבראַכט אין מדינת ישראל. איך האָב ניט באַזוכט די כנסת. איך האָב זיך ניט געזען מיט קיין מיניס־טאָרן, רעדאַקטאָרן פון גרויסע צייטונגען און בכלל מיט אָפיציעלע פּער־זענלעכקייטן. געציילטע מאָל האָב איך פאַרבראַכט מיט יונגעלייט, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער רעגירונג. אָבער די יונגעלייט זענען נישט באַוווסט דעם ברייטן עולם. איך האָב זיך געטראָפן מיט זיי נישט אין זייערע ביוראָס, נאָר ביי מיינע חברים אין די הייזער, ווו איך האָב געגעסן און געשלאָפן. די יונגעלייט זענען געווען די קינדער אָדער איי־דעמס פון מיינע חברים.

איך האָב זיך נישט געזען מיט די גרויסע שררות, נישט ווייל איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט. צוויי מאָל, נישט געבעטענערהייט, האָב איך געקראָגן איינלאַדונגען. אפילו איינער פון די מיניסטאָרן האָט מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן אים אין הויז. מיין פרוי האָט געחלשט צו זען ווי אַ יידישער מיניסטער לעבט. איך האָב אָבער גאַנץ איידל זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד. איך האָב מיט אַ כיוון נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט שררות. איך האָב נישט געוואָלט באַאיינפלוסט ווערן פון זייער אויטאָרי־טעט און גלאַנץ.

איך האָב אָבער געלייענט די גאַנצע טאָג־פּרעסע יעדן טאָג, צען־עלף צייטונגען אַ טאָג, חוץ וועכנטלעכע און חודשלעכע זשורנאַלן, און פאַר־בראַכט מיט עמך. איך האַלט, אַז די מיינונגען אַרויסגעזאָגט פון די „קליינע מענטשעלעך״ זענען וויכטיקער ווי די מיינונגען פון די געציילטע אויסדערוויילטע. איבערהויפּט וויכטיק זענען די מיינונגען, וואָס ווערן

איבערגעחזרט פון יעדן איינעם פון די „גרויע מענטשן", וואָס זענען סוף־כל־סוף מיט זייער צאָל דער אַנטשיידנדיקער כוח פון אַ לאַנד.

איך האָב פאַרבראַכט מיט די גרויע אַנאָנימען אין די אָנגעפּאַקטע אויטאָבוסן, אין די רוישיקע גאַסן, אין די רעסטאָראַנען, אין די קיבוצים און אין די מושבים. איך בין שעהען לאַנג געשטאַנען אויף די בירזשעס, ווו די באַלעגאָלעס און אַרבעטסלאָזע געפינען זיך. איך האָב פאַרבראַכט לאַנגע שעהען אין גזוז־קרעמלעך אין די אָוונטן, און בייטאָג אין ביכער־געשעפטן. איך בין געשטאַנען שעהען־לאַנג אויף די אויטאָבוסן־סטאַנציעס, ווו עס וואַרטן לאַנגע רייען מענער, פרויען און קינדער. איך האָב פאַר־בראַכט טעג אין די בתי־עולים; איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די שפּיל־פּלעצער פון די קינדער; אָוונטן גאַנצע האָב איך אָפּגעגעבן, געזעסן רו־איק און צוגעקוקט זיך צו די פעולות (אונטערנעמונגען), צו די קומזיצן (צוזאַמענקומען) פון דער יוגנט. איך האָב באַזוכט צענדליקער הייזער פון מושבניקעס, פון פּשוטע יידן פון די שטעט, שטעטלעך און דערפער פון ישראל.

איך האָב אָפט געפרעגט נישט קיין זייער טאַקטישע פראַגעס. נאָך אָפטער בין איך צוגעשטאַנען צו מענטשן און האָב זיי אויסגעפרעגט וועגן די אומוויכטיקסטע קלייניקייטן און פּערזענלעכסטע אָנגעלעגנהייטן. נישט זעלטן בין איך געווען ברוטאַל אָפּנהאַרציק און זייער נישט טאַקטיש מיט מיינע קריטישע באַמערקונגען. איך האָב עס געטון נישט כדי עמעצן ווייט צו טון, נאָר פּשוט ווייל איך האָב געוואָלט זען און הערן די רעאַקציע פון די טאָג־טעגלעכע פאַרהאָרעוועטע מענטשן צו מיינע מיינונגען.

זעלטן איז מען געווען צו מיר נישט העפלעך. קיין מאָל האָט מען מיך נישט באַליידיקט. אָבער גאָר אָפט האָבן זייערע אָפּנהאַרציקע ענט־פערס מיר ווי געטון ביזן ביין, ווייל איך האָב געזען ווי ווייט זיי דער־גרייכן.

איך האָב אויסגעפונען, אַז געוויסע מיינונגען זענען אָנגענומען ביים פאָלק אָן אונטערשיד פון שטאַנד. אויב די פירערס און די פרעסע זאָגן עס נישט אַרויס אָפן, איז עס בלויז צוליב טאַקטישע טעמים. אָבער דער זוכער האָט געקאָנט געפינען אָנדייטונגען אין די רייד פון די שררות און אין דעם שרייבן פון די וויכטיקסטע פּובליציסטן.

אָט דאָס געשריבענע איז אַ באַריכט פון מיינע איינדרוקן, וואָס איך האָב געקראָגן פונעם לאַנד און פון די מענטשן.

ס'איז נישט קיין באַריכט וועגן וויכטיקע געשעענישן און פּאָליטישע

און עקאָנאָמישע איינשטעלונגען. איך היט זיך נישט צו פּאָלעמיזירן וועגן טאַקטיק און מייד אוים קריטיק איבער צייטווייליקע שוועריקייטן. די גרויסע ליידן פון געוויסע שיכטן זענען פאַרבייגייענדיקע זאַכן. איך רעד דאָ און באַריכט וועגן עיקר זאַכן, גרונט-פּרינציפּן, וואָס זענען געוואָרן דער קנין פון פאָלק.

דער לייענער דאַרף פאַרשטיין, אַז איך לאָז בכיוון אוים אַ סך זאַכן, וואָס די פּרעסע איז מיט זיי פול. סקאַנדאַלן, אומאָרדענונג, נויט, עקאָנאָמישע שוועריקייטן, די גרויסע פּיין פון די נייע עולים, אוממאָראַלישע אויפפירונגען, פאַרברעכנס, שוואַרצער מאַרק — דאָס זענען בלויז די חבלי-לידה פון אַ יונגער מדינה. ישראל איז איבערגעקומען גרעסערע שוועריקייטן און אַרוים געשטאַרקט. ביי מיר איז וויכטיק דער עצם גאַנג פון דער מדינה. קאָן מדינת-ישראל לייזן די יידישע פראַגע און די יידן-פראַגע? איז די איצטיקע מדינה אַ פאַרזעצונג פון יידישער געשיכטע אָדער אַ טאָטאַלער איבערברוך מיט יידישן עבר און יידישן גאַנג אין דער וועלט? וואָס איז די באַציאונג פון מדינת-ישראל צום גלות? ווי נעמט אויף אַן אַמעריקאַנער ייד אָט די געשעעניש און דעם גרויסן אויפטו פון דעם ישוב?

איך וועל פּרווון געבן אַן ענטפער אויף די פראַגעס. איך וועל פּרווון געבן דעם ענטפער ניט מיט חקירות און מיינונגען, נאָר איך וועל מאָלן וואָס איך האָב געזען און געפילט. זאָל דער לייענער אַליין געבן דעם ענטפער.

ברוקלין, חשון תש״י

# קאַפּיטל איינס

# ווער וואָלט עס געגלויבט?

מי האמין לשמעתנו — ווער וואָלט גע־
גלייבט וואָס מיר האָבן געהערט?
(ישעיה נ"ג, א)

אין דריי טעג אַרום פֿאָר איך אָפּ קיין... איך ווייס נישט צי איך פֿאָר קיין ארץ־ישראל, אָדער קיין מדינת ישראל.

איך, אַ ניו־יאָרקער תושב, האָב געלעבט אין ארץ־ישראל די ערשטע פֿופֿצן יאָר פֿון מיין לעבן. געבוירן בין איך געוואָרן אין אַ קליין ליטוויש שטעטל און דאָרטן טאַקע געוווינט. אָבער לעבן האָב איך געלעבט, ווי אַלע יידי־שע קינדער, אין ארץ־ישראל. אַ תושב בין איך דאָרטן געווען. איך בין געווען, איינער פֿון די יידן פֿון יהודה און יעדער באַרג, יעדער טאָל איז מיר געווען באַ־קאַנט, נאָענט און טייער.

אוודאי האָב איך צונויפֿגעמישט דורות מיט דורות. די געצעלטן פֿון די אבות — אברהם, יצחק און יעקב — זענען געשטאַנען האַרט לעבן דעם העל־פֿאַנט־ביין פּאַלאַץ. וואָס אחאב האָט אויפֿגעבויט אין שומרון... בית־אל, באר־שבע, לוד, חברון און יבנה זענען ביי מיר געווען איין שטאָט. יצחק האָט זיך געקריגט מיט אבימלכן וועגן די ברונעמער אין איין עק שטאָט, און רבי עקיבא האָט געלערנט תורה מיט זיינע פֿיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים אין דעם אַנ־דערן עק שטאָט.

אָבער איך האָב געקענט פּערזענלעך אברהם אבינון און די מוטער שרה; איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי יעקב אבינו האָט באַגעגנט צום ערשטן מאָל די שיינע יונגע מוטער רחל. איך האָב גערעדט פּה אל פּה מיט רבי יוחנן בן־זכאי, געוווּסט וואָס פֿאַר אַ קאָליר באָרד עס האָט געהאַט רבי יהושע בן חנניה; און דעם מסדר פֿון משנה, רבי הקדוש, וואָלט איך דערקענט, ווען איך זע אים שפּאַצירן אין גאַס.

ווען דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן בין איך פאַרטריבן גע־וואָרן מיט די גולים. איך געדענק, ווי עס וואָלט געווען נעכטן: ירמיהון גייט געשמידט אין קייטן. אויף די פּלייצעס איז ביי אים געלעגן איינגעשנורעוועט אַ קליין פּעקעלע, געוויקלט אין עגיפּטישן פּאַפּירוס, — דאָס האָט ער געטראָגן פאַרשריבענע מגילות: די חמשה חומשי תורה און די רייד פון ישעיהן, עמוסן און הושען. אָט ווי איצט זע איך ווי די גולים זענען צוגעפאַלן מיט געוויין און געבעטן צו מוטער רחלס קבר. אין מיינע אויערן קלינגט נאָך איצט דאָס קול פון ירמיהון, ווי ער טרייסט די יידן און זאָגט צו זיי, אַז די מאַמע רחל בעט פאַר זיי, און אַז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר געבעט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

פאַרמייד דיין קול פון געוויין,
און דיינע אויגן פון טרערן.
דיין מיען זיך פאַר דיינע קינדער וועט באַלוינט ווערן.
זיי וועלן זיך אומקערן פון שונאס לאַנד.
ס'איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר די פאַרבליבענע:
זיי וועלן זיך אומקערן צו די גרענעצן פון זייער לאַנד.
און די גולים האָבן זיך אומגעקערט,
און איך האָב זיך אומגעקערט מיט זיי פון בבל.

חדשים לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט. איך געדענק קלאָר: ווי מיר זענען צוגעקומען צו די גרענעצן פון ארץ־ישראל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אַ הויכער מאַן, אָנגעטון אין פּערסישע מיליטער־קליידער, האָט אויסגערופן:

— יידן, זייט גרייט! אָט טרעטן מיר אַריבער די גרענעץ פון דעם הייליקן לאַנד! מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. אַ קליין דאַר יידעלע מיט אַ שניי־ווייסער באָרד און טונקעלע האָר האָט אויסגעזונגען מיט אַ מאָדנער הויכער שטים:

— אַז גאָט קערט אום די געפאַנגענשאַפט פון ציון,
זענען מיר דאָך ווי אין חלום...
גרויסע זאַכן האָט ער געטון מיט אונדז!
גרויסע זאַכן האָט ער געטון מיט אונדז!

זים און מעלאָדיש איז געווען דער ניגון. דאָס געזאַנג איז אויפגעכאַפּט גע־וואָרן פריער פון איינצלנע, און באַלד כמעט פון דער גאַנצער מחנה.

אָבער לעבן מיר איז געזעסן אַן אַלטער ייד און געבורטשעט:

— גרויסע זאַכן! וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן? גאָט אַליין האָט דאָך אונדז

געדאַרפט אויסלייזן, און זעט: מיר זענען דאָ מיט דעם חסד פון אַ גוי, אַ געצן־דינער — כורש, אַ ערל!

אָבער די שטימען פון די אומצופרידענע זענען געווען בלויז פון געציילטע אַלטע לייט. אַלע זענען געווען ווי באַטרונקענע: מיר קומען צוריק אויפצושטעלן גאַנץ קעניגרייך. מקוים וועלן ווערן די אַלע הבטחות פון ירמיהון און יחזקאלן, און די רייד פון דעם נייעם גלות־נביא, דעם גרויסן טרייסטער, וועלן פאַרווירקלעכט ווערן...

פאַר איך איצט זען דאָס לאַנד. הייַנטיקס מאָל האָב איך נישט זוכה געווען צו זיין פון די יסוד־המעלה. דריי מאָל בין איך געווען איינער פון די עולים. עפּעס ווי דורך אַ חלום געדענק איך די עליה מיט אברהם אבינון. איך בין געווען איינער פון די חניכים. ס'איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, אַז עס איז געבליבן אין זכרון ניט מער ווי אַ שאָטן פון אַ זכר. עפּעס מער געדענק איך פון דער עליה מיט יהושוען. גאַר קלאָר געדענק איך דעם יסוד־המעלה, די עליה פון בבל מיט עזראן. איך האָב באַשייַנפּערלעך געזען די קדושה, מיט וועלכער יידן זענען געקומען פון גלות. איך בין געווען אַן עדות, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט זייער האָב און גוטס. גיטער און כבוד האָבן זיי איבערגעלאָזט אין גלות און אַוועק בויען גאַנץ קעניגרייך.

אַ קורצע צייט זענען יידן געווען אין גלות, אָבער אין דער קורצער צייט האָבן זיי טיילן פון דער פרעמדער קולטור געמאַכט פאַר אייגנס. זיי האָבן געקאָנט עברית, אָבער גערעדט האָבן זיי אַראַמייאיש און געשריבן עברית מיט אַראַמייאישע אותיות. זיי האָבן געקאָנט עברית, ווייל גאַנץ וואָרט איז דאָך געזאָגט געוואָרן אויף דעם לשון. אָבער זיי האָבן זיך נישט געאייַלט אַרויסצורייסן די פרעמדע צונג, וואָס איז געוואָרן אייגנס. דער עיקר איז דאָך געווען גאַנץ קעניגרייך, וואָס איז אויסגעטרוימט געוואָרן אין בבל. ווען מען וועט עטאַבלירן די מלוכה פון קדושה, וועט מען דעמאָלט זען וואָס עס זאָל ווערן פון דעם פרעמדן גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס איז געוואָרן אייגנס. דערווייל האָט מען גאָרנישט אַרויסגעוואָרפן.

איצט פאָר איך זען דאָס לאַנד. וואָס וועל איך דאָרטן טרעפן? ארץ־ישראל, וואָס איז המשך, צי בלויז ישראל, וואָס איז בלויז מדינה? וועל איך דאָרטן זען אַ נייע עליה, אַ צוגאָב צו יענע דריי עליות, צי בלויז נאָך אַ מלוכה? זענען די נייע עולים געקומען עטאַבלירן אַ ניי גאַנץ קעניגרייך, אָדער זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן מער נישט געוואָלט זיין קיין אויסנאַמס־פאָלק?

ווייל זיי זענען מיד געוואָרן פון טראָגן דעם יאָך און ווילן ווערן אַ פאָלק ווי אַלע אַנדערע פעלקער?

מיין האַרץ ציטערט אין מיר. וועל איך דאָרטן געפינען דעם גייסט פון א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט געהאַט דעם מוט איבערצוברעכן זיין אייגן לעבן, און גע־וואָלט באַנייען די אַלטע יידישקייט; וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַרבעט אין קדושה, און קדושה האָט ער פאַרוואַנדלט אין טאָג־טעגלעכקייט? אָדער איך וועל געפי־נען דעם נייעם יידן, וואָס האָט זיך אָנגעליטן פון דער גוישער ביקס און גע־קראָגן אַ ביקס אין האַנט, און וויל לערנען בלק מיט דעם גוי?

איך ווייס נישט, איך ווייס נישט.

***

איך פאָר. איך פלי. עס געפעלט מיר נישט דער גאַנצער ענין פון פאָרן מיט אַן עראָפּלאַן. איר גייט אַריין, איר זעצט זיך אַוועק, און מען פאַרהאַקט די טיר הינטער אייך. איר זיצט און איר פליט. נישט מע זעט עפּעס, נישט מען הערט עפּעס, חוץ דאָס זשומען פון מאָטאָר.

דער עראָפּלאַן איז געווען אַ גרויסער, אָבער מען האָט אים אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז מען קאָן זיך קיין ריר **נישט טאָן**. שווער איז צו כאַפּן אַ שמועס מיט די מיט־פאָרערס. כאַפּן אַ שטיקל שפּאַציר איז נאָך שווערער. דאָס ווענטל פון שכנישן זיץ־פּלאַץ שפּאַרט אייך אין די אויגן, און מען פרווט לייענען אָדער כאַפּן אַ דרימל. אַ גליק וואָס די רייזע געדויערט נישט צו לאַנג — אין גאַנצן אַ זעקס און דרייסיק שעה פלי־צייט.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון רוים פיר פאַרטאָג. אין זעקס שעה אַרום וועלן מיר זיין אין מדינת ישראל. קיינער האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אַ מאָדנע אומרואיקייט איז אַלעמען באַפאַלן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ארץ־ישראל. פון לעצטן זיץ־פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ געזאַנג. באַלד האָט דער גאַנצער עראָפּלאַן געזונגען. מיטאַמאָל, האָט אַ ייד אָנגעהויבן לייענען פּסוקים פון ישעיה:

הייב אויף דיינע אויגן און קוק זיך אַרום:
אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן.
דיינע זין קומען פון דער ווייט,
און דיינע קליינע קינדער ווערן געטראָגן אויף די הענט.
וואָס זענען דאָס פאַר שיפן, וואָס פליען ווי וואָלקנס,
און ווי טויבן, וואָס פליען צו זייערע שטייגן?

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, און מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן: די פּסו־קים זענען דאָך געזאָגט געוואָרן אויף אונדז, אויף אונדז, וואָס פליען איצט קיין

מדינת־ישראל! אין עראָפּלאַן זיצן יידן פון אַלע עקן פון דער וועלט: יידן פון אייראָפּע, פון אַלע אַמעריקעס; ס'איז דאָ אַ ייד אַזש פון באָגאָטאַ, בריטיש קאָלומביע.

אַ ייד טענהט מיט תרעומות:

— איר לייענט נישט די פּסוקים ריכטיק. דאָרטן שטייט נישט דאָס וואָרט: שיפן.

דער לייענער ענטפערט אים:

— קוקט נאָך די מפרשים. דאָס איז דער ריכטיקער טייטש.

און איך האַלט נאָך אַלץ מיינע אויגן פאַרמאַכט און זע באַשיינפּערלעך, אַז דער נביא האָט עס געמיינט אונדז: דער עראָפּלאַן פליט ווי אַ וואָלקן; קליינע קינדער זיצן אויף טאַטע־מאַמעס הענט; אַ ליכטיק יינגעלע, מיטן נאָמען יואל, פּאַטשט מיט די הענטלעך: „באַלד, באַלד וועלן מיר זיין אין ירושלים!”

עס זעט זיך לאַנד! פאַרוואָס ציען זיך אַזוי לאַנג די מינוטן? פאַרוואָס נעמט אַזוי לאַנג דאָס אַראָפּלאָזן זיך? וואָס זיצט דאָרטן דער פּילאָט אַזוי רואיק?

יאָ, דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט! די טיר האָט זיך געעפנט. מיר זענען אַרויס.

צוויי באַאַמטע, אָנגעטון אין מיליטערישע קליידער, האָבן אונדז באַגריסט:

— שלום, יהודים, ברוכים הבאים!

איך הייב אויף מיינע אויגן. די בלוי־ווייסע פאָן פלאַטערט איבער דעם פּלי־פעלד. אויף די אַרבל ביי די מיליטער־לייט שטייט אָנגעשריבן: משטרה צבאית — מיליטערישע פּאָליציי.

יאָ, ס'איז אַן אמת! ס'איז טאַקע אַ יידישע מדינה! די פיר רבנים פון אונ־דזער גרופּע האָבן געמאַכט שהחינו בשם ומלכות. מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס איך האָב שוין אַזוי פיל יאָרן נישט געדאַוונט.

עס וואַרטן אויף אונדז קרובים. זיי פאָכען צו אונדז. מיר פאָכען צוריק מיט טיכעלעך. עס הערן זיך אויסגעשרייען:

— יאַנקל! דוד! שלמה!

מיר הייבן זיך אָן שטופּן צום אָפּגעצאַמטן אָרט. פיר פּאָליציי־לייט פאַר־שטעלן אונדז דעם וועג. דער פּאָליציאַנט מיט די שטרייפן אויפן אַרבל זאָגט גוטמוטיק אויף אַ ליטווישן יידיש:

— יידן, סטופּט זיך ניט! ס'וועט אייך ניט העלפן! די קרובים וועלן מוזן בלייבן סטיין און וואַרטן.

מע פירט אונדז צו רעווידירן די פּאַספּאָרטן. פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס רעדן אַ פיינעם העברעאיש. די באַאַמטע ענטפערן אויף העברעאיש. איך רעד

צו זיי יידיש. מען ענטפערט מיר אויף יידיש. דאָס לשון איז אין זייער מויל נאַ־טירלעך, אָן אָנשטעל.

די באַאַמטע זענען נישט שטרענג. נישטאָ קיין זכר פון „קאַזנאַ". ס'איז נישט קיין העפלעכע געשולטע באַמיאונג פון גוט־טרענירטע באַאַמטע. ס'איז דאָס אויפפירן זיך פון היימישע אייגענע מענטשן.

גאַר אינטערעסאַנט איז געווען, ווען ס'איז געקומען צום אָפּצאָל. מיין פרוי און איך האָבן אויסגעלייגט אויף דעם לאַנגן טיש אונדזערע זיבן וואַליזעס. אַ שמייכלענדיקער, גוטמוטיקער יונגערמאַן האָט אָפּנהאַרציק געפרעגט:

— פירט איר זאַכן, וואָס ס'קומט פאַר זיי אַן אָפּצאָל?

איך האָב געענטפערט:

— איך האָב געבראַכט טאַבאַק, איך בין אַ שווערער רויכערער, און זיל־בערנע גאָפּל־מעסער — אַ מתנה מיין שוועגערין און ברודער.

— פאַר אַזעלכע זאַכן איז דאָ אַ הויכער אָפּצאָל.

— מילא — האָב איך געענטפערט — וועט זיך מיר לוינען באַצאָלן, וועל איך באַצאָלן, אַניט וועל איך עס אייך איבערלאָזן.

איך האָב אַרויסגענומען דעם טאַבאַק און גאָפּל־מעסער. ער האָט באַקוקט מיין טאַבאַק.

— אַ שאַכטל ציגאַרן און צוויי פונט טאַבאַק. נו, און ווו זענען אייערע ליולקעס?

איך האָב פאַרשטאַנען די קאַפּוליער אָנצוהערעניש. איך האָב אַרויסגענו־מען מיינע צוויי ליולקעס. ער האָט זיי באַטראַכט און געזאָגט:

— פיינע ליולקעס! איר מעגט דעם טאַבאַק מיטנעמען, אָבער וועגן דעם זילבער דאַרף איך זיך מישב זיין.

ער האָט צוגערופן אַ העכערן באַאַמטן. יענער האָט באַטראַכט דאָס זילבער און געזאָגט:

— זייער פיין! איר האָט גענומען אייער אייגענעם גאַנג זילבער און גע־בראַכט דעם ברודער אַ מתנה. זייער אַ פיינע מתנה! הלוואי האָב איך אַזאַ ברו־דער! גייט און זאָל ער עס נוצן געזונטערהייט!

מיט בייטן געלט איז צוגעגאַנגען שווערלעך. דאָס צימערל איז געווען ענג, דאָס טישל — קליין און שמאָל. בלויז איינער איז געזעסן און האָט גערעכנט. דער עולם האָט זיך געוויצלט:

— די ישראל־רעגירונג האָט געמעגט האָבן איר באַנק נישט אין קיין היל־צערנעם קעסטל.

דער באַאַמטער האָט גענומען ערנסט דאָס וויצלען זיך און געענטפערט מיט האַרץ:

— קומט איבעראַיאַר, וועט איר זען ווו אונדזער באַנק וועט זיין. מיר וועלן זיין צעשפּרייט איבער פיר צימערן און מיר וועלן פאַר אייך האָבן ווייכע „קרע־סלעס" (שטולן). מיידלעך וועלן קלאַפּן אויף שרייב־מאַשינקעס, און אַ גרויסע חשבון־מאַשין וועט שטיין אין מיטן צימער. וואָס מיינט איר, מיר וועלן בלייבן אַט אין דעם לאַנד?

— אמן! — האָבן אַלע געענטפערט.

מיין ברודער האָט געוואַרט אויף אונדז מיט אַ טאַקסי. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט צו פאָרן קיין רעננה. מיין ברודער האָט גערעדט צו מיר. איך האָב ניט געהערט. מיין שוועגערין האָט, דאַכט זיך מיר, געוויינט: ענדלעך געקומען נאָך אַזוי פיל יאָרן וואַרטעניש! איך האָב אָבער געהערט נאָר מיט אַ שפּיץ אויער. אין די אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען:

— שלום, יהודים, ברוכים הבאים!

איך האָב אַלץ נאָך געזען פאַר זיך די יידיש־ריידנדיקע באַאַמטע.

— מיר זענען אין יידן־לאַנד, אין יידן־לאַנד! — האָט אין מיר געשריגן — דו ביסט געקומען און זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד! ווער וואָלט געגלייבט וואָס מען האָט געהערט?

## קאַפּיטל צוויי

# קינדער

דאָס יידישע ווערטל זאָגט:

— גאָט שיקט צו דעם שיכור זיין שנאַפּס, און דעם שפּינער — זיין פלאַקס.

גלייך אין דעם ערשטן פרימאָרגן האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט פיר הונ־דערט קינדער.

הארט ביי מיין ברודערס הויף געפינט זיך דער בית־ספר הכללי (די פאָלקס־שול) פון דעם שטעטל רעננה. נאָר די הינער־שטייגן און אַ ריי ביימער טיילן אָפּ מיין ברודערס הויף פון דעם שול־הויף. אינדערפרי האָבן מיך אויפגעוועקט קינ־דערשע אויסגעשרייען און אויסרופן. איך האָב זיך אויף גיך אָנגעטון, און בין ארויסגעגאַנגען אין דרויסן. ביים ברעג פון שול־הויף שטייט אַ ריי עקאַליפּטוס־ביימער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בערגל, פאַרשטעלט פון אַ בוים און האָב זיך צוגעקוקט צום געזעמל פון די קינדער.

זיי האָבן געשפּילט אַ מין פוס-באַל, בעסער געזאָגט, אַ מין קאָמבינאַציע פון פוסבאָל און קאָרב־באָל. איך האָב אָנגעשטעלט מיינע אויערן אויפצוכאַפּן זייערע אויסגעשרייען, צו פאַרשטיין זייערע אויסרופן, אָבער איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. עס האָט מיך אַ היבש ביסל פאַרדראָסן. הערט נאָר אַ מעשה: איוב פאַרשטיי איך, אַ שטיקל גמרא איז מיר נישט פרעמד, דער רמב"ם איז פאַר מיר נישט קיין צו שווערער ספר, און וואָס די צוציקעס שרייען, הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין.

אָבער עס ווייזט אויס, אַז קענען אַ שפּראַך איז איין זאַך, אָבער עס איז נאָר אַן אַנדערע זאַך זי צו פאַרשטיין, ווען מע רעדט זי גיך, שנעל, מיט אַן אויס־שפּראַך, וואָס דער אויער איז צו איר נישט צוגעוווינט. בין איך געזעסן און האָב זיך געזעטיקט מיט זייער פרייד.

זיי האָבן מיך לאַנג נישט געלאָזן זיצן רואיק. זיי האָבן מיך באַמערקט און אַ לאָז געטון זיך צו מיר. אַ דרייסיק־פערציק קינדער האָבן אויסגעשריגן אין איין קול:

— אַמריקאַי! אַן אַמעריקאַנער!

איך האָב אַרויסגענומען מיין ליולקע פון מויל און זיך אַ ווייל געטון:

— ירוק! (אַ גרינער).

הפנים, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין. איך האָב נישט געזאָגט: יאַראָק, נאָר יאַרויק. און אפשר האָבן זיי גלאַט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אויסדרוק „גרינער" מיינט. אַלע אין איין קול האָבן אויסגערופן:

— מה יש?

די פראַגע האָב איך שוין נישט פאַרשטאַנען. לויט ווי איך קען העברעאיש קאָן מען נישט זאָגן „מה יש" אָן אַ צוגאָב־וואָרט. איז וואָס מיינען זיי מיט „מה יש"? שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז אין מדינת־ישראל נוצט מען דעם אויסדרוק אַזוי אָפט ווי ביי אונדז אין אַמעריקע „אָלרייט". „מה יש" מיינט: וואָס מיינט עס? וואָס האָסטו דאָרט? וואָס ווילסטו? וואָס מאַכסטו? וואָס האָט פּאַסירט? פאַרוואָס? איז דאָ עפּעס נייס? און נאָך, און נאָך.

בין איך געזעסן און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. דערווייל זענען צוגעקומען נאָך און נאָך קינדער. אַלע אויף איין מאָל האָבן זיי אָנגעהויבן האַגלען מיט פראַגעס. אַנדערע האָבן געשריגן און געליאַרעמט. דער טומל האָט זיך געטראָגן ביזן הימל.

איך האָב פאַרמאַכט מיינע אויגן, און מיין האַרץ האָט געטאַנצט פאַר פרייד און פאַרדרוס. אָט שטייען פאַר מיר אַ פּאָר הונדערט יידישע קינדער מיט אַ נאַטירלעכן יידיש־לשון אין מויל, און אַזוי פול מיט נייגעריקייט וועגן אַנדערע יידן. אָבער אַ סך נענטער וואָלטן זיי געווען צו מיר, ווען זיי וואָלטן גערעדט מיין לשון, דאָס לשון פון מיין טאַטע־מאַמע און די שפּראַך, וואָס מיינע קינדער פאַרשטייען. און אויב שוין יאָ העברעאיש, פאַרוואָס מיט אַן אויסשפּראַך, וואָס דער העברעאיש קלינגט ווי איטאַליעניש אָדער אַראַביש? איז אונדזער לשון־קודשדיקע ירושה שוין גאַרנישט ווערט?

אַ פייפל האָט אַ פייף געטון, אַ פּייקל האָט אַ קלאַפּ געטון, און אַ שטים האָט אויסגעשריגן:

— אין די רייען! איבונגען!

דאָס פייפל האָט עטלעכע מאָל זיך געדאַרפט צעפייפן, איידער די קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט. די איבונגען האָבן זיי געמאַכט אָן חשק. די לערערין פון גימנאַסטיק האָט געדאַרפט איבערחזרן אירע באַפעלן עטלעכע מאָל. די קינדער האָבן געפאָלגט אָן חשק. נאָך די איבונגען האָבן די קינדער זיך ווידער אַ

לאָז געטון צו מיר. דאָס פּייפל האָט זיך געבייזערט, און איך האָב זיך געבעטן ביי זיי:

— גייט אין די קלאַסן אריין!

זיי האָבן געפּאָלגט, אָבער אוועקגייענדיק האָבן זיי געליאַרעמט:

— באַזוך דעם בית־הספר! קום אריין אין די קלאַסן! איך בין אין כיתה ז׳, איך בין אין כיתה ו׳, פאַרגעס ניט כיתה ט׳!

איך האָב אָפּגעגעסן פרישטיק און בין אוועק אין שול. דער מנהל (פּירער) האָט מיך אויפגענומען מיט גוטמוטיקער רוגזה:

— איר האָט מיר היינט איבערגעפירט די קינדער. זייער אָפט קומען אַהער געסט, אָבער די קינדער קוקן זיך נישט אום אויף זיי. פאַרוואָס קלעפּן זיי צו אייך?

איך האָב געענטפערט מיט שפּאַס:

— איר פאַרשטייט, איך בין דאָך באמת אַ לערער, און קינדער נעמען אויף זייער גוט אַ לערער, וואָס לערנט נישט מיט זיי.

— נו, מילא, לאָמיך אייך באַקענען מיט די לערערס.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין לערערס־צימער. נישט קיין צו גרויסער צימער, אָבער דערפאַר גוט באַזאָרגט מיט מאָפּעס און אַנדערע מכשירים, און גאָר־גאָר אַ פיינער קאָלעקציע פון פאַך־ביכער. איך האָב דאָרטן געטראָפן אפילו מאַנדלקערנס קאָנקאָרדאַנציע, און אַ תלמוד אין איין באַנד.

ס׳איז געווען איבעררייס־צייט, און די לערערס זענען געזעסן אַרום טיש און געטרונקען טיי. דאָס טיי טרינקען האָט מיר אויסגעזען מאָדנע, אָבער שפּע־טער האָב איך אויסגעפונען, אַז טיי טרינקען איז אַן איינגעשטעלטער מנהג אין ישראל. יעדע אינסטיטוציע סערווירט טיי עטלעכע מאָל אַ טאָג צו אירע אָנגע־שטעלטע.

איך האָב זיך באַקענט מיט די לערערס און גערעדט מיט זיי יידיש. יעדע־רער פון זיי האָט גערעדט אַ פיינעם זאַפטיקן יידיש. נאָר איין לערער, דער לע־רער פון ענגליש, האָט דווקא גערעדט מיט מיר העברעאיש. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז ער איז יאָרן־לאַנג געווען אין צפון־אַמעריקע און איז געווען אַ געשווירענער אַנטי־יידישיסט.

די לערערס האָבן זיך אַן עצה געהאַלטן. אַלע קינדער ווילן מיך זען. זאָל איך אַריין אין דער לעצטער כיתה. אין יענעם צימער וועט מען אַריינברענגען נאָך צוויי כיתות, וועל איך רעדן פאַר דריי כיתות קינדער.

איך בין אַריין אין צימער. אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט. ס׳איז אַ מנהג אַזאַ, ווען אַ לערער אָדער וועלכער ס׳איז אַנדערער חשובער גאַסט קומט

אריין אין קלאס־צימער, שטעלן זיך אלע קינדער אויף. דאָס איז מיר דווקא גע־פעלן געוואָרן.

איך האָב באַקוקט דעם צימער. אַ גרויסער שרייב־טאָוול, מאַפּעס, אַ וואַנט־צייטונג און בילדער פון ביאַליק, ש. בן־ציון, הערצל און שלום עליכם אויף די ווענט. שלום עליכם, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, האָט געקוקט אויף מיר און גע־זאָגט:

— זעסט: יידישע קינדערלעך! מיר זאָל זיין פאַר זייערע ביינדעלעך! רעדן רעדן זיי טאַקע אַ משונהדיק לשון, אַלץ מיט פּאַסאַכן, אָבער נישקשה, נישקשה, דאָס זענען טייערע משהלעך און שלמהלעך, רבקהלעך און שרהלעך.

דער לערער האָט מיך פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז אַ יידישער שרייבער פון אַמעריקע. ער וועט צו אייך רעדן עברית, העברעאיש, אָבער מיט דער גלות־אויסשפּראַך — הברה הגלותית.

איך האָב אָנגעהויבן רעדן, נאָכמאַכנדיק די ספרדישע הברה, אָבער זיי האָבן מיך נישט געלאָזט רעדן. יעדן צווייטן וואָרט האָבן זיי קאָרעגירט, און קאָ־רעגירן האָבן זיי קאָרעגירט אויפן קול, אַזוי אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו רעדן.

דער לערער האָט זיך גוטמוטיק אַ בייזער געטון:

— סאַבּרעלעך, האָט אַביסל דרך־ארץ! ער קאָן עברית בעסער פון אייך. איי, זיין אויסשפּראַך? נו, ער איז דאָך אפילו קיין טאָג נישט אין ישראל. ערשט נעכטן פינף אַזייגער פאַרנאַכט איז ער אַהער אָנגעקומען. זייט טאָלעראַנט! ער וועט זיך אויסלערנען צו רעדן מיט אונדזער הברה.

איך האָב ווידער אָנגעהויבן רעדן. ס'איז שטיל געוואָרן. עס האָט זיי אָנגע־הויבן צו פאַראינטערעסירן מיין אינפאָרמאַציע. ווען איך האָב זיך צעוואַרעמט, האָב איך אויפגעהערט נאָכמאַכן דעם פּאַסאַכדיקן העברעאיש און גערעדט אין גאַנצן מיט דער אשכנזישער הברה. חברה האָט הפנים פאַרשטאַנען מיין „גלות־לשון".

איך האָב זיי דערציילט וועגן די רעגירונגס־שולן, וואָס די יידישע קינדער באַזוכן, וועגן די נאָכמיטיק־שולן, וועגן די תלמוד־תורות, יידישע טאָג־שולן, ישי־בות און זונטיק־שולן. איך האָב זיי דערציילט וועגן די „באָי־סקאַוטס", הבונים, יוגנט־קלובן, „יאַנג איזראַעל" און קינדער־קלובן אַרום די שולן. דערנאָך האָב איך זיי דערציילט וועגן די יידישע צייטונגען, העברעאישן „הדואר" און וועגן די דריי קינדער־זשורנאַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

ווען איך האָב געענדיקט, האָבן זיי מיך פאַרשאָטן מיט פראַגעס. איך האָב זיי געבעטן רעדן פּאַמעלעך. דער לערער האָט צו זיי אַפּעלירט, אַז זיי זאָלן נישט

רעדן בשטף און בשותוף (אַ וואָרט־שפּיל: בשטף — שנעל און בשותוף — אין איינעם). טייל פראַגעס זענען געווען גאָר שאַרפע און אינטערעסאַנטע.

— פאַרוואָס קלייבן זיך נישט אַריבער די אַמעריקאַנער יידן קיין ישראל?

— ווייסן די אַמעריקאַנער יידישע קינדער ווי מיר האָבן דאָ געקעמפט קעגן זיבן פעלקער?

— צו וואָס דאַרף מען האָבן ספּעציעלע קינדער־זשורנאַלן, איבערהויפּט פאַר די קינדער, וואָס קאָנען העברעאיש, ווען ס'איז דאָ אַ פּאַרטיקער גוטער קינדער־זשורנאַל, ווי „דבר לילדים"?

איך האָב אָנגעהויבן ענטפערן אויף זייערע פראַגעס, אָבער עס זענען געקומען פראַגעס אויף די ענטפערס. צום ביישפּיל: איך האָב זיי דערקלערט, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן פינף מיליאָן יידן. די קינדער זענען נשתומם געוואָרן: וואָס, אַזוי פיל יידן זענען דאָ אין אַמעריקע? איך האָב פאַרגעזעצט: יאָ, פינף מיליאָן יידן זענען דאָ אין אַמעריקע. שטעלט זיך פאָר, ווען אַלע יידן פון אַמעריקע קומען אַריין קיין ישראל. ווו וואָלטן זיי זיך אַהינגעטון? נישט נאָר וואָלט נישט געווען קיין אָרט אין ישראל צו בויען הייזער, פלאַנצן גערטנער און פאַרזייען פעלדער. עס וואָלט נישט געווען קיין אָרט פאַר אַלעמען צו שטיין באַקוועם.

אַ ייִנגל האָט זיך אַ הייב געטון און אויסגעשריגן:

— און דער נגב?!

— אפילו דער נגב איז נישט גרויס גענוג אַריינצונעמען אַלע יידן פון אַמעריקע. אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף האָט זיך אָנגערופן:

— און דער עבר הירדן?

און נאָך אַ ייִנגל האָט אַ זאָג געטון:

— נישקשה, מיר וועלן זיך אַן עצה געבן. זיבן פעלקער האָבן מיר צעשלאָגן, ענגלאַנד האָבן מיר אַרויסגעטריבן, וועלן מיר זיך נישט קאָנען אַן עצה געבן מיט פינף מיליאָן יידן פון אַמעריקע? איר קאָנט אונדז נישט!

— נו, איך וועל זיי זאָגן — האָב איך צוגעזאָגט — אָבער וועלן זיי מיך פאָלגן?

— זוערשט בלייבט איר דאָ — האָט זיך אָנגערופן אַ ייִנגל מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך — צו וואָס זאָלט איר פאָרן צוריק קיין אַמעריקע? דאָרט וועט אויך קומען אַ היטלער, און אייער סוף וועט זיין דער זעלביקער ווי פון די דייטשישע יידן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט דעם פּזמון, אָבער נישט דאָס לעצטע מאָל.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט די קינדער־זשורנאַלן. איך האָב זיי דערקלערט אַז אַ יידישער קינדער־זשורנאַל אין אַמעריקע איז גאָר אַנדערש

פון אַ קינדער־זשורנאַל אין ישראל. אין אַמעריקע לייענען די יידישע קינדער אויך ענגלישע זשורנאַלן. דאָרטן לייענען זיי איבער נאַטור, מעכאַניק און נאָך ענלעכע זאַכן. די יידישע קינדער־זשורנאַלן שרייבן אויסשליסלעך איבער יידישע ענינים.

אַ יינגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טיר (קאַנטיק, אַז עס זענען אריין אַ סך קינדער פון אַנדערע קלאַסן) האָט זיך אָנגערופן:

— זייט אַזוי גוט און שרייבט אָן אויפן טאָוול דעם אינהאַלט פון לעצטן „קינדער־זשורנאַל".

איך האָב אָנגעשריבן אויפן טאָוול דעם אינהאַלט פון מאַי נומער „קינדער־זשורנאַל" און האָב איבערגעגעבן בקיצור יעדע מעשה.

אַ יינגל פון דער לעצטער באַנק האָט זיך אָנגערופן:

— סטייטש, ווי שרייבט אַ יידישער שרייבער פון לינקס צו רעכטס?

— וואָס? — האָב איך אויסגערופן — איך האָב געשריבן די יידישע אותיות פון לינקס צו רעכטס?

— נישט די אותיות — האָט דאָס יינגל געענטפערט — נאָר איר האָט די עמודים (קאָלומס) אויסגעשטעלט פון לינקס צו רעכטס.

איך האָב זיך פאַרענטפערט:

— איך בין געשטאַנען ביים לינקן ברעג פון טאָוול, און האָב אין אָנהייב געמיינט, אַז דער אינהאַלט וועט זיך אויסשטעלן אויף איין עמוד. איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט, האָב איך צוגעשטעלט נאָך אַן עמוד.

דאָס יינגל האָט נישט אָנגענומען מיין ענטפער:

— אפשר האָט איר עס געטון ווייל איר לייענט אַ גאַנצן טאָג ענגליש?

איך האָב עס נישט געוואָלט אָפּלייקענען.

נאָך אַ יינגל האָט אויפגעהויבן אַ האַנט:

— איר האָט דאָרטן אַ מעשה „הערשעלען לאָזט מען נישט אריין", פון פּ. ביזבערג. דער שרייבער דערציילט ווי אַ יינגל איז געפאָרן מיט זיין טאַטן קיין אַרגענטינע און מען האָט זיי נישט אריינגעלאָזט. צו וואָס דרוקן אַ נארישע מעשה וועגן אַ יינגל, וואָס וויל אויסבייטן איין גלות אויף אַ צווייטן? ישראל איז אָפן פאַר אַלע יידן, פאַרוואָס איז ער נישט געפאָרן קיין ישראל?

אַן אַנדער יינגל האָט באַמערקט:

— איר האָט געשריבן „אַרגעטינע" אַנשטאָט „אַרגענטינע".

איך האָב אָנגעהויבן ענטפערן, אָבער דאָס גלעקל האָט שוין געקלונגען צום דריטן מאָל. דער לערער האָט אויפגעהויבן די האַנט:

— גענוג פאַר היינט. מיר וועלן נאָך איינלאַדן דאָקטער סיימאָנען אַ צווייטן און דריטן מאָל.

דער גאַנצער קלאַס האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן אין איין קול:
— יופי, יופי!

ס'איז ווידער געווען פאַר מיר אַ ניי וואָרט. איך האָב דערנאָך אויסגעפונען, אַז אין ישראל זאָגט מען אויף אַ זאַך וואָס געפעלט: יופי, יופי (שיינקייט), און ניט: יפה (שיין).

דאָס איז געווען מיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט די קינדער פון ישראל, אָבער נישט דער לעצטער.

# קאַפּיטל דריי

# טאַטאַלע מלחמה

„וויסן דאַרף מען וויסן, אַז דאָ וועט זיין די אַנטשיידנ־דיקע מלחמה, אַ מלחמה איינגעטונקט אין בלוט. אין איר וועט אַנטשיידט ווערן דאָס געראַנגל צווישן די יידן און אַראַבער, וואָס איז צייטיק געוואָרן אין משך פון דרייסיק יאָר זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע".

(אורי אבנרי, בשדות פלשת, 1948,
יומן קרבי זייט 11)

„אויף די ברעגן פון ירדן און אין שרון, דאָרטן רוען מחנות אַראַבער. צו אונדז וועט געהערן דאָס לאַנד, און דו וועסט זיין איינער פון די בויער".

(ש. טשערניכאָווסקי, וויג־ליד 1897,
איבערזעצט אין פּראָזע)

„מיר וועלן אַרויף אויף דעם לאַנד און עס אַפּירשענען".

(פינפטער פּרינציפּ פון די צען פּרינציפּן,
וואָס די בילוצעס האָבן אָנגענומען).

איך האָב פאַרבראַכט אין רעננה קרוב צו אַ וואָך און זיך אָנגעזעטיקט מיט דעם ברודער, וואָס איך האָב אים נישט געזען זעקס און דרייסיק יאָר. איך בין טאַקע נישט געזעסן אין שטוב: ס'איז פאַראַן גענוג וואָס צו זען אין רעננה און אַרום רעננה. אָבער איך האָב זייער געוואָלט זיין אין תל־אביב, נאָר מיר האָט זיך נישט געוואָלט איינשטיין אין קיין האָטעל. ערשטנס בין איך בכלל נישט בקי בהלכות האָטעלן, און איך ווייס נישט ווי אַזוי אויסצוקלייבן אַ גוטן האָ־טעל, און צווייטנס האָב איך בעסער געוואָלט זיין ביי אַ געוויינטלעכן יידן אין שטוב: זען ווי ער וווינט, וואָס ער עסט, ווו ער שלאָפט, וואָס פאַר אַ צייטונ־גען ער לייענט, און בכלל באַקענען זיך מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַ יידן אין דער גרעסטער שטאָט פון יידן־לאַנד.

שבת האָט מיך באַזוכט אַ ייד פון תל־אביב, אַ שטיקל קרוב פון מיינעם אַ חבר. דער חבר האָט אים געשיקט אַ קליינע מתנה, איז דער תושב פון תל־אביב

געקומען זי אָפּנעמען, און דערווייל איינגעלאַדן מיך און די פאַמיליע צו זיך אין שטוב. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסע וווינונג און ער וועט אונדז אָפּגעבן אַ באַזונדער צימער, און מיר מעגן דאָרטן זיין ווי לאַנג מיר ווילן. איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג.

שפּעטער האָט מיך פאַרדראָסן וואָס איך האָב אָנגענומען זיין איינלאַדונג. די מענטשן דאָ זענען שוין צופיל גאַסטפריינטלעך. אָט בין איך און נאָך פיר מענטשן אַריינגעפאַלן צופעליק צו מיינעם אַ חבר. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן און אים באַזוכט. איך האָב געוואָלט מיט אים אָפּרעדן, ווען איך קאָן קומען צו אים אויף אַ פּאָר טעג. נו, האָט ער אונדז נישט אָפּגעלאָזט. מיר האָבן געמוזט טרינקען גזוז, זיסע געטראַנקען, און ביר, און דערנאָך צובייסן. שפּעטער האָט די באַלעבאָסטע פאַר אונדז געגרייט מיטאָג: אַ סאַלאָט, אייער און פליישׁ, און, פאַרשטייט זיך, פּודינג, וואָס מיינט געקאָכטע פרוכט אָדער „דזשעלאָ”, ווי איר ווילט, און צום סוף, רויע פרוכט און ווידער זיסע געטראַנקען. געדענקען דאַרף מען, אַז שפּייז, חוץ ברויט, איז דאָ בראַנד טייער, און נישט אַלץ קאָן מען קריגן. פלייש, אויב מען קריגט, איז נאָר צוויי מאָל אַ וואָך און אויף קאַרטן. אייער זע־נען גאָר נישט בנמצא — מ׳טיילט אויס צוויי אייער אַ וואָך אויף אַ מענטשן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן ווי מיר האָבן זיך געפילט. מיין חבר איז אַ לערער. זיין געהאַלט איז אַ באַשיידענער. מיר האָבן געגעסן און זיך געוואָרגן. מיר זענען געווען זיכער, אַז ער האָט אונדז אוועקגעגעבן זיינע פיר טעג עסן. אָבער אָפּזאָגן זיך האָט נישט געהאָלפן.

נאָך ערגער איז געווען מיטן יידן פון תל־אביב. ער האָט געהאַט צוויי קינ־דער — אַ פאַמיליע פון פיר מענטשן — און זיין גאַנצע „גרויסע” וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי און אַ האַלב צימערן. ער האָט אָפּגעטראָטן פאַר מיר, מיין פרוי און מיין טעכטערל דעם שענסטן צימער. נו, מילא, האָב איך געטראַכט, מיר וועלן שוין איבערשלאָפן דאָ די עטלעכע נעכט — פאַרפאַלן. איך קאָן זיך דאָך נישט אויפהייבן און אַוועקגיין אָן אַ תירוץ. ווי באַליידיקט מען אַ מענטשן? הפנים, אין זיינע אויגן איז דאָס אַ גרויסע דירה. אָבער מיר האָבן געמוזט ביי אים עסן. דאָס עסן האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיר עסן פון אַ סעודה שאינה מספקת את בעליה — אַ מאָלצייט, וואָס איז נישט גענוג פאַרן באַלעבאָס. צום גליק איז ער נישט געווען אַזאַ פאַרריסענער בעל־גאווה, ווי אַלע איינוווינער פון ישראל. ער האָט אָנגענומען מתנות. מיר האָבן אים געגעבן צוויי פּעקלעך שפּייז פון די שפּייז סערטיפיקאַטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, און געלאָזן מתנות פאַר די קינדער. אונדזער געוויסן איז געבליבן ריין: מיר האָבן געמיינט אַז מיר האָבן מער אָדער ווייניקער באַצאָלט פאַרן עסן. שפּעטער האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיר האָבן נאָך אַלץ געכאַפּט אַ מציאה.

אָבער ס'איז געווען גוט, וואָס מיר זענען איינגעשטאַנען ביי דעם יידן. ער איז געווען אַ באַרעדעוודיקער מענטש. די שטוב איז אויך אַלעמאָל געווען פול מיט באַזוכער. יעדער איינער האָט פאַר מיר געלויבט, אויף זיין אופן, דאָס לאַנד און דערציילט די ניסים פון דער לעצטער מלחמה. און גאַנץ ישראל איז אַזוי: יעדער ייד איז גרייט ביי דער ערשטער געלעגנהייט אייך צו דערציילן די וואונדער, וואָס די יוגנט האָט אויפגעטון, די העלדישקייט וואָס די סאַברעס האָבן אַרויסגעוויזן און ווי פאַרדאַרבן, ווילד און אכזריותדיק די אַראַבער זענען.

אָט דער ייד איז נישט געווען קיין אויסנאַם. באַלד ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן מיט מיר אַביסל היימיש, האָט ער גענומען רעדן וועגן דער מלחמה, פאַרשטייט זיך אויף יידיש.

— איר זעט, ס'איז רואיק און שטיל אין תל-אביב. טאַקסיס פאָרן און זוכן קונדן, פרויען גייען איינקויפן, קינדער שפּילן זיך אין די גאַסן. אָבער מיט איין יאָר צוריק איז דאָ געווען אַ גיהנום. אָט דאָ, ווו איר זיצט, גלייך אונטערן פענצטער, זענען געפאַלן באָמבעס. און וואָס נאָר באָמבעס? פון יאפע האָט מען נישט דערלאַנגט אַהער מיט פּראָסטע ביקסן?

זיין ווייב איז איז אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— קיין איין אַראַבער טאָר מען נישט געטרויען. דאַכט זיך, אַז ער איז אייער פריינד. איר קאָנט אים פון יאָרן. אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער אייך אַריינרוקן אַ מעסער אין רוקן.

— אָבער אונדזערע פּלמחניקעס האָבן זיי דערלאַנגט. די פּראַים וועלן אונדז געדענקען.

— איר זעט, ס'איז אַ רואיקע פיינע שטאָט, תל-אביב. אָבער כל-זמן יאפע איז געווען באַזעצט מיט די אַראַבער זענען מיר געווען אין סכנה. די אַראַבישע יאפע איז געווען אַ שפּיז קעגן דעם הארץ פון דער יידישער תל-אביב.

— דער, וואָס האָט דאָ נישט געלעבט ווען די פּראַים זענען דאָ געווען, קאָן נישט פאַרשטיין דאָס גליק פון דער איצטיקער שלוה.

אַ ייד, וואָס איז געקומען אָנקוקן די אַמעריקאַנער, פאַלט אַריין אין די רייד:

— נו, פעלט אונדז אוים פלייש! האָבן מיר נישט קיין פּוטער! זענען דאָ ווייניק אייער! איז מילך קוים מיט צרות גענוג פאַר די עופהלעך! נו, איז וואָס? אַלץ בעסער ווי פאַראיאָרן אין דער צייט. פּטור געוואָרן פון די ענגלענדער. אוים אַראַבער. מיר זענען אַליין פאַר זיך באַלעבאַטים, און מיר זענען זיכער מיטן לעבן. וואָס נאָך קאָנען מיר פאַרלאַנגען?

— ס'איז אונדז גוט און ס'וועט זיין נאָך בעסער. מיר וועלן ווייזן דער וועלט וואָס מיר קאָנען אויפטון.

דער ייד, וואָס איז געקומען אונדז אָנקוקן, האָט אַ לאַך געטון צו זיך און אָנגעהויבן:

— הערט נאָר עפּעס שיינס. אין יאפּע איז געווען אַן אַראַבער, אַ גרויסער סוחר, געוועןבאַקאַנט איבערן גאַנצן לאַנד, עפּעס אַ קליינינקייט, אַ — — —! נו, איז ער אַנטלאָפן. זיצט ער אין ביירוט מיט זיין בינטל שליסלען, און היט אָפּ די שליסלען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער האָט געדאַרפט איצט אַ קוק טון אויף זיינע שפּייכלערס, אויף זיינע קראָמען, אויף זיין שטוב און אויף זיין גרויסער פאַבריק! ס'איז קיין זכר נישט געבליבן. דער שוטה מיינט, אַז שלעסער האָבן אונדז געקאָנט אָפּהאַלטן.

איך האָב געשוויגן, זיך נישט אַריינגעמישט אין געשפּרעך און נישט געשטעלט קיין פראַגעס.

דער באַלעבאָס האָט מיר ווייטער גענומען דערקלערן די לאַגע:

— מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואָלט דורכקומען מיט די אַראַבער. זיי האָבן נישט געוואָלט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיר זענען געקומען ווי פאַרכאַפּער. דער אמת איז, אַז מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד. מיר האָבן געוואָלט בלויז באַזעצן זיך. ווען די ענגלענדער זענען אַרויס, האָבן די אַראַבער געמיינט, אַז איצט איז דער שעת הכושר אַריינצוטרייבן די יידן אין ים אַריין. איז עס פאַר אונדז געווען אַ גליק. מיר האָבן זיך אָפּן געקאָנט פאַרמעסטן מיט זיי. איר ווילט מלחמה, נו, איז אדרבה!

דאָס ווייב האָט זיך אַריינגעמישט:

— מען האָט זיי געזאָגט: אַנטלויפט!

— ווער האָט עס זיי געזאָגט? — האָב איך געפרעגט.

— די נאַרישע אַראַבישע פירער און די ענגלענדער האָבן געהאַלטן אין איין שרייען צו די אַראַבער: אַנטלויפט! וואָס איז געווען זייער אויסרעכענונג? ס'וועט זיין גרינגער אַריינצוטרייבן די יידן אין ים אַריין. האָבן מיר געזאָגט: לויפט נישט, שוטים, מיר וועלן אייך קיין שלעכטס נישט טון. האָבן זיי אָבער נישט געפאָלגט. האָבן מיר געטראַכט: איר ווילט לויפן, לויפט! מיר וועלן אייך נאָך צוהעלפן. מיר וועלן אייך אביסל אָנשרעקן. זאָלן די פּראַים טאַקע מיינען, אַז מיר וועלן נישט זיין בעסער פון זיי. און די אַצלניקעס האָבן זיי אונטערגעשטופּט מיט באַגנעטן.

דאָס יינגל פון באַלעבאָס האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך. ער האָט גערעדט העברעאיש:

— די אַראַבער האָבן צווישן זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיר האָבן אַ שטיקעלע פון דער אַטאָמישער באָמבע. מיר האָבן עס נישט אָפּגעלייקנט. זאָלן זיי אַזוי מיינען. נאָך „דיר יאסין" האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיר הרגענען

ווייבער, קינדער און אַלטע לייט. מיר האָבן עס נישט אָפּגעלייקנט. פאַרקערט, די אצלניקעס האָבן זיך נאָך בארימט און געסטראַשעט.

— דו מיט דיינע אצלניקעס און חרותניקעס — האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן מיט ביטול — גרויסע אויפטוערס!

— עס האָט געהאָלפן — האָט דער זון געענטפערט — די אַראַבער פאַרשטייען אַ סך בעסער דאָס לשון פון די רעוויזיאָניסטן, ווי אַלע פּלוידערייען (פּטפּוטים) פון אייך, אַלטע לייט, וועגן יושר און איינזעעניש. אדרבה, דו ווייזן בעסער דעם גאַסט ווי אַזוי מיר האָבן איינגענומען יאפע. זאָל ער זען. ער וועט שוין אַליין פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זענען אַנטלאָפן.

— זעסטו, דאָס איז טאַקע אַ פּלאַן. פאַרנאַכט צו, ווען עס וועט ווערן אַביסל קילער, וועלן מיר כאַפּן אַ שפּאַציר פון תּל־אָביב קיין יאפע.

**
*

פאַרנאַכט האָט דער בעל־דירה אונדז גענומען אויף אַ שפּאַציר. מיר זענען געגאַנגען פון תּל־אָביב קיין יאפע דורך דעם ים־ברעג. דער ייד האָט שפּאַצירט אויף דעם אַספאַלטענעם טראָטואַר און זיך געהאַלטן אין איין בארימען מיט דער שיינקייט פון דעם ים־ברעג. באמת, ס'איז געווען מיט וואָס זיך צו בארימען. דער טראָטואַר איז אין גאַנצן אויסגעגאָסן פון אַספאַלט און איז צוויי מאָל אַזוי די ברייט ווי דער קוני אייל־אַנדער טראָטואַר. ערטערווייז דריי און פיר מאָל אַזוי די ברייט. וווּ מ'טוט זיך אַ קער זענען אויסגעשטעלט פיין געפאַרבטע בענק. פון דער יבשה־זייט שטייען פּראַכטפולע האָטעלן, דריי און פיר שטאָקיקע געביידעס, מיט גרויסע וועראַנדעס, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג. די וועראַנדעס זענען די ים־ברעג קאַפעען. דער זאַמדיקער ברעג איז ריין, ציכטיק, מיט רייען שטולן און רעגן־שירעמס צו פאַרשטעלן די זון. ערטערווייז איז דער טראָטואַר אַזוי ברייט, אַז אין מיטן שטייט אַ קאַפע אָדער עס איז פאַרפלאַנצט אַ בלומען־גאָרטן.

דער ייד האָט געהאַלטן אין איין רעדן און דערציילן די געשיכטע פון יעדן האָטעל און יעדן בנין. ער האָט אויך נישט פאַרפעלט די געשעענישן פון דער לעצטער מלחמה.

— איר זעט די לעכער אין די ווענט? דאָס האָבן די באַנדיטן געשאָסן אויף דעם האָטעל. טוט אַ קוק אויף דער וואַנט פון דעם האָטעל מיט די ברוינע ווענט. איר זעט אַ לאָך? דאָ איז געפאַלן אַ באָמבע און דערהרגעט אַן אַלטע יידענע.

מיר קומען צו נענטער צו יאפע. מיין באַגלייטער ווערט נאָך מער באַרע־דעווידיק:

— אין דער געגנט האָט אַ ייד זיך נישט געקענט ווייזן. די פּראַים זענען געשטאַנען אויף די דעכער פון יאַפאַ און האָבן געשאָסן און געהרגעט מענטשן. נו, אונדזעריקע האָבן אויך נישט געשוויגן. אָבער נאָך וואָכן איבערשיסן זיך, האָבן מיר דערזען, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַן עק. זענען געקומען אונדזערע יינגלעך און מיידלעך, אַ טייל אצלניקעס, אָבער איבערהויפּט אונדזערע פּלמח־ניקעס, און זיי האָבן זיך דערטראַכט צו עפּעס רעכטס: אויפרייסן די הייזער פון די באַנדיטן. קיין קאַנאָנען האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער דינאַמיט איז ביי אונדז געווען מער ווי גענוג. האַנט־גראַנאַטן, רימונים, אויך. נו, האָבן מיר זיך דערנענטערט צו די הייזער מיט מסירות נפש און אויפגעריסן גאַנצע גאַסן. תל־אביב איז גערעטעוועט געוואָרן. איר וועט באַלד זען.

איך האָב געזען. פריער איינצלנע אויפגעריסענע הייזער, דערנאָך גאַנצע גאַסן מיט חורבות. פון ביידע זייטן גאַס קופּעס מיט צעמענט. דאָ און דאָרט אַ האַלב איינגעפאַלענע וואַנט, אַן אייזערנער באַלקאָן און טרעפּ פון אינעווייניק פון אַ הויז. די גאַס איז אָפּגעריייניקט געוואָרן פאַרן אויטאָמאָביל־פאַרקער, אָבער פון ביידע זייטן חורבות און חורבות.

— איר זעט אַ שטיקעלע אַרבעט? ס׳האָט געקאָסט קרבנות, אָבער תל־אביב איז געראַטעוועט געוואָרן. אָט זעט איר אַ פיינעם דיל אויסגעלייגט פון שיינע קאָלירטע קאַכלען? דאָ איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון די אַראַבישע מחנות. אונדזערע יינגלעך זענען ביינאַכט צוגעשווומען אַהער. מיט קיין אַנדערן וועג ווי דורכן ים האָט מען אַהער נישט געקאָנט צוקומען. זענען זיי צוגעשווומען, אונטערגעלייגט עטלעכע באָמבעטשקעס — פּיף־פּאַף — אויס געביידע און אויס באַנדיטישער שטאַב.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען היפּשע עטלעכע גאַסן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן האַלב־גאַנצע הייזער, באַוווינט מיט עולים. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז, וווּ אַ ייד איז געשטאַנען איבער אַן אויוון, געקאָכט „פאַלאַפּאַל" — אַ מין שפּייז, וואָס זעט אויס ווי געהאַקטע פליישן־קאָטלעטן, אָבער באמת געמאַכט פון גרינסן און געווירצן. ער האָט אויסגעשריגן זיין סחורה מיט דעם ניגון פון גאָלדפּאַדנס אָפּערעטע, פאַרשטייט זיך אויף יידיש:

— קויפט, יידעלעך, פאַלאַפּאַל, זיס ווי צוקער! צעגייט אין מויל! געפּעפּערט אַז עס דערלאַנגט אין נאָז!

איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיט דעם יידן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט פאַר אַ יידן אין ישראל? מ׳דאַרף האָבן אַרבעטער אויף די פעלדער, אויף די שאָסייען, און אַ ברייט־פּלייציקער ייד ווי איר האָט זיך גאָר גענומען פאַרקויפן פאַלאַפּאַל!

ער האָט מיר געענטפערט אויף אַ פיינעם זאַפּטיקן בעסאַראַבישן יידיש:

— איך בין דאָ בלויז זעקס חדשים. איך אַרבעט שוואַרצע אַרבעט ביים בויען הייזער. איך בין געזעסן אין בית־עולים נאָר צוויי חדשים. איך האָב פּיינט, אַז מען גיט מיר קיצבה. אָבער מ׳דאַרף דאָך קומען צו עפּעס אַ תכלית. נו, אין אָוונט פאַרקויף איך פאַלאַפעל, פּאַלן אַריין נאָך אַ פּאָר פּיאַסטערס. זיי וועלן צו־גוץ קומען. איך בין דאָך געקומען אַהער אָן שיך, אָן קליידער, אָן קיין שום באַ־לעבאַטישקייט. מיט אַ פאַמיליע אַ הוילע, אַ נאַקעטע, אָן אַ שטיקל מעבל. מען דאַרף און מען דאַרף. אדרבה, באַקוקט מיין וווינונג, וועט איר זען וואָס עס פעלט מיר.

איך בין אַריין אין די צימערן. אַ בעט, אַ פּאָר קעסטלעך אויף צו זיצן. און אַ פּאַס איבערגעדעקט מיט אַ ברעט פאַר אַ טיש. די ווענט האַלב צעשאָסן. איין האַלבע וואַנט פון נייע ציגל און שטיינער.

זיין פרוי האָט מיט שטאָלץ געוויזן אויף דער וואַנט:

— איר זעט? דאָס האָט מיין מאַן, אַ געזונט אויף אים, אַליין פאַרריכט. ער האָט דאָך צוויי גילדערנע הענט, און קיין אַרבעט איז אים נישט צו שווער. שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אַליין געמישט צעמענט און געלייגט די שטיינער. דאָ אין ווינקל בעטן מיר אויס אַ געלעגער פאַר אונדזער מיידעלע. אָבער עס איז שווער צו לעבן — האָט זי אַ זיפץ געטון.

מיין באַגלייטער, דער תושב פון תל־אביב, האָט זיך אָנגערופן מיט פאַר־דרוס:

— אונדז איז שווערער געווען צו לעבן. ווען מיר האָבן געקראָגן אַ צריף (אַ צימער צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער) זענען מיר געווען גליקלעך. איר האָט דאָך צוויי גרויסע צימערן, און אַז איר וועט זיי איינשטעלן, וועט איר דאָך לעבן ווי מאָנאַרכן.

די פרוי האָט צוגעגעבן:

— אוודאי איז אונדז בעסער ווי אין די לאַגערן. און, אַ דאַנק גאָט, מיר זענען איצט אין יידן־לאַנד. נישטאָ קיין מורא פאַרן גוי. אָבער ווען איך דער־מאָן זיך אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען מיר האָבן געלעבט ווי מענטשן, נו, רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ פון האַרצן.

— נישקשה, עס וועט אונדז זיין גוט! — האָט דער תושב געענטפערט — מיר זענען איבערגעקומען ערגערע צרות.

— אמן — האָט די פרוי געענטפערט און איז אַרויס צו איר „געשעפט”. מיר זענען אַוועק ווייטער.

די הייזער אויף די גאַסן זענען שוין נישט געווען אַזוינע חרובע. ס׳האָבן געפעלט בלויז דאָ און דאָרטן פענצטער, טירן און בלויז אַ האַלבער דאָך איז גע־ווען אַראָפּגעריסן. אָבער די שטיבער זענען געווען באַוווינט. קיין צימער איז

נישט געווען ליידיק. א פיבערישע טעטיקייט איז אָנגעגאַנגען אומעטום. כמעט ארום יעדער קראָם האָט עמעצער געקלאַפּט טשוועקעס, אַריינגעשטעלט טירן, צורעכט געמאַכט די סטעליע אָדער פאַרריכט דעם טראָטואַר.

מיין באַגלייטער דערקלערט מיר:

— באַלד נאָך די שלאַכטן האָט מען גענומען שלעפּן. מען האָט געשלעפּט וואָס מען האָט נאָר געפונען. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שלעפּן טירן, פענצ־טער. מען האָט אפילו אַראָפּגעריסן דעכער.

די שטאָט איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און די הייזער גאַנצער. אין מיטן איז די שטאָט נישט געווען באַרירט. די שוי־פענצטער באַלויכטן, די קראָמען באַפּוצט, די קאַפעען פול, און די אויטאָבוסן געפּאַקט. מען האָט גערעדט אַלער־ליי לשונות, אָבער מייסטנס יידיש און העברעאיש. מען האָט געטומלט, גע־שפּאַסט, געשריגן און אָנגעפירט דעבאַטעס.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער און ווייטער. די שטאָט האָט געקאָכט און גע־טומלט פריידיק. איך האָב געזאָגט צו מיין באַגלייטער:

— זיי האָבן דאָך דאָ געקענט קעמפן און קעמפן. עס וואָלט דאָך גענומען חדשים אָפּצורייניקן די שטאָט.

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער נס — האָט מיין באַגלייטער געענטפערט.

צוריק זענען מיר געפאָרן. דער אויטאָבוס איז געווען געפּאַקט מיט יוגנט, וואָס האָט געזונגען און זיך געוויצלט. איך בין געזעסן אויף דער הינטערשטער באַנק, די אויגן פאַרמאַכט, און האָב געטראַכט:

— מיר האָבן פאַרנומען אַ לאַנד, עס באַזיגט מיט דער שווערד, דער שונא איז אַנטלאָפן. און באַלד איז מיר געקומען אַ פּסוק אויפן זינען. אין ישראל פאַלן אָפט אַריין פּסוקים אין מויל אַריין. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ פּסוק אין דברים:

„גאָט וועט איבערגעבן דיינע פיינט, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דיר. זיי וועלן צעשלאָגן ווערן פון דיר. אויף איין וועג וועלן זיי אַרויסגיין קעגן דיר, און אויף זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן פאַר דיר".

מיר זענען אָנגעקומען צוריק קיין תל־אביב, ווען עס איז געווען גוט פינצטער. די גאַסן זענען געווען באַלויכטן און פול מיט אַ פריידיקער באַ־פעלקערונג. איך האָב אַראָפּגעשטיגן פון דעם אויטאָבוס. אויף אַ ליידיקן מגרש (נישט פאַרבויטן שטיקל פּלאַץ) האָבן קינדער געזונגען און געטאַנצט.

ווער עס האָט נישט געזען ווי יידישע קינדער טאַנצן אויף די גאַסן פון ישראל, האָט קיין פרייד נישט געזען. אין זייער טאַנצן איז דאָ ריטם און סדר, און דאָס געזאַנג איז אַ געשולטס און האַרמאָנישעס. די קינדער שטייען אין אַ

ראַד, און זינגען און קלאַפּן צו מיט די הענט. אַ יינגל און אַ מיידל וואַלצן אין מיטן פון קרייז. נאָך אַ ווײַלע טאַנצן טאַנצט דאָס יינגל אַוועק פון דעם מיידל און רירט אָן אַ מיידל וואָס שטייט און זינגט. זיי טאַנצן אַ ווײַלע, און דאָס מיידל קלייבט אויס אַ ניי יינגל. אַזוי בייט מען זיך מיט די טענצער, ביז יעדעס קינד האָט זיך אָנגעטאַנצט.

ווידער איז מיר אַרײַנגעפאַלן אַ פּסוק אין מויל, דאָס מאָל פון זכריה:

„און די גאַסן פון שטאָט וועלן זיין פול מיט מיידלעך
און יינגלעך, וואָס שפּילן זיך אין דרויסן".

איך האָב געקוקט אויף די קינדער און געטראַכט מיט שרעק:

— עס האָט דאָך געקענט זיין פאַרקערט!...

מיין אויער האָט זיך צוגעוווינט צום געזאַנג, און האָט אָנגעהויבן אויפכאַפּן די ווערטער. די קינדער האָבן געזונגען אַ מלחמה־לידל:

— גייט אַרויס און זעט, איר טעכטער, זעלנער זענען אין דער מושבה! גייט אַרויס, גייט אַרויס און זעט, טעכטער, יעדער בראַוווער יונג איז אַ זעלנער!

איך האָב ווייטער געטראַכט: יידישע קינדער זינגען ווידער מלחמה־לידער, אָט ווי אין שאולס צייטן. צוריק צו דער שווערד! קאָנען מיר פאַרלייקענען די לעצטע פאַר טויזנט יאָר און צוריקקערן זיך צום אַמאָל? מיר, די טרעגער פון יושר, גערעכטיקייט און רחמנות, קאָנען זיך אומקערן צוריק צו דעם לאַגער, ווו עס געפינען זיך די, צו וועמען מען קאָן האָבן טענות און תביעות?

הפנים, איך האָב אַרויסגערעדט מיין טראַכטן הויך אויפן קול, ווייל איך האָב געהערט ווי מיין באַגלייטערס זון ענטפערט מיר:

— נישקשה, מיר דאַרפן נישט זיין אַלעמאָל די, וואָס האָבן טענות צו דער וועלט. זאָל מען אין אַ נאָוױנע האָבן טענות צו אונדז.

יענע נאַכט האָב איך געלייענט אורי אבנרים בוך „בשדות פלשת", וואָס איז געשריבן אין דעם סטיל פון אַ מלחמה טאָג־בוך. ער, ווי די גאַנצע יוגנט פון ישראל, האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער מלחמה. נישט מער, ער האָט אַ טעות געמאַכט, וואָס ער זאָגט, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע... די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער. דער געראַנגל צווישן די יידן און אַראַבער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אָנקום פון די בילוצעס, און אפשר נאָך פריער.

יידן האָבן געזיגט אין אָט דער מלחמה, און זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם וועג, אויף דעם וועג פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

ווייניק פון אונדז פאַרשטייען עס. נאָך ווייניקער ווילן עס צוגעבן. עס איז אָבער וויכטיק, אַז מיר זאָלן עס פאַרשטיין און באַנעמען.

## קאַפּיטל פּיר

# עולים און תושבים

איך בין געווען בלויז פיר טעג אין תל־אביב. אויף שבת בין איך צוריק־געפאָרן צו מיין ברודער. דערווייל, האָב איך געטראַכט, וועל איך באַזוכן דעם בית־עולם, דעם לאַגער, וווהין מ׳ברענגט די פריש־אַריבערגעבראַכטע, וואָס גע־פינט זיך נעבן רעננה.

קרוב צו אַ פערטל מיליאָן עולים האָט מען אַריבערגעבראַכט אין לעצטן יאָר קיין ישראל. אין אַבסטראַקט וועט יעדערער פאַרשטיין די גרויסקייט פון דעם אויפטו. יעדער בר־דעת וועט צוגעבן, אַז איינשטעלן לאַגערן פאַר אַזוי פיל מענטשן וואָלט נישט געווען קיין גרינגע זאַך אפילו פאַר אַ רייך און עקאָנאָמיש הויך אַנטוויקלט לאַנד. ווען אָן אָרעם לאַנד ווי ישראל נעמט אַריין אַזויפיל נייע אימיגראַנטן — אַ דריטל פון איר באַפעלקערונג — קאָן מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלן די שוועריקייטן. דערצו איז די אימיגראַציע נישט געווען קיין סעלעקטיווע. מען האָט אַריינגענומען אַלעמען: געזונטע און קראַנקע, יונגע און אַלטע, פּסיכיש נאָרמאַלע און נישט קיין נאָרמאַלע מענטשן; מענטשן צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן און מענטשן צעבראָ־כענע, וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט צופּאַסן צו אַ נאָרמאַלן געזונטן לעבן. דאַרף דאָך אַ באַזוכער פון אַ לאַגער פאַרשטיין אַז עס איז טאַקע נישט קיין זייער אָנגענעמער אָרט צו באַקוקן. אָבער דערשיטערט ווערן איז נישטאָ פון וואָס.

נאָר טעאָריע איז איין זאַך און ווירקלעכקייט איז עפּעס אַנדערש. ווען דער דורכשניטלעכער מענטש באַזוכט אַ לאַגער, גייט ער אַוועק אַ צעבראָכענער, אַ דערשיטערטער. קיינעם קאָן מען נישט באַשולדיקן. אָבער געבורט איז נישט

קיין זייער אנגענעמע דערשיינונג. דער, וואָס האָט נישט קיין שטאַרקע נערוון, זאָל נישט באַזוכן קיין געבורט־צימער.

איך ווייס נישט וויפל שטח עס פאַרנעמט דער לאַגער פון די עולים נעבן רעננה. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס זענען דאָרט געווען אַ סך מער מענטשן ווי אין רעננה. איך בין אַריין אין דעם אָפּגעצוימטן לאַגער (דער טויער איז שטענדיק אָפן און קיינער היט נישט), און איך האָב דערזען, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן, צריפים, שטיבלעך צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער, מיט לע־כער פאַר פענצטער, און אוהלים, געצעלטן.

איך בין געגאַנגען מיט מיין טאָכטער מרים, אַ דרייצן יאָריק מיידל. מיר האָבן זיך שטום אָפּגעשטעלט נעבן די צריפים און אוהלים, און געקוקט. די צרי־פים — לאַנגע רייען, איין־צימערדיקע. אין יעדן צימער זענען אָנגעשטעלט בעטן, איינס נעבן אַנדערן, צוועלף מענטשן אין אַ צריף. אין די געצעלטן איז טונקל. בעטן אָנגעשטעלט, אויך קאַסטנס. אין אַ געצעלט וווינען זעקס מענטשן.

ס'איז געווען שווער פאַר מיר אָנצוהייבן רעדן מיט די מענטשן. אָט קום איך אַ זאַטער, אַ פרייער פון דרויסן, און גיי, גריבל זיך אין יענעמס צרות.

די עולים אין יענעם לאַגער זענען געווען אונדזערע יידן, וואָס זענען גע־קומען פון די דייטשישע און עסטרייכישע לאַגערן. אַ קליינער טייל — פון שאַנכיי. אַ גרויסער פּראָצענט איז געווען איבער פערציק יאָר אַלט. דאָ און דאָרטן — אַ זקן און אַ זקנה. נישט קיין קליינע צאָל האָט געהאַט נומערן אויס־געטאַטואירט אויף די הענט. זיי האָבן אָבער גערעדט גערן. איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז געשטאַנען אַ רעדל אַרום מיר. אַ ייד מיט אַ נומער אויף דער האַנט האָט אין מיר אַריינגעטענהט:

— איך ווייס נישט ווער איר זענט, אָבער וואָס מער מענטשן עס וועלן וויסן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונדז. דער קולאַק הערשט נאָך אַלץ. ווער מיינט איר, איז געזעסן ביי אונדז אין די ביוראָס אין די לאַגערן? די זעלביקע קאַפּאָס. פריער האָבן זיי איבער אונדז געשאַלטעוועט און געוואַלטעוועט אין די קאַצעטן, און דערנאָך אין די לאַגערן. האָט איר געהערט וועגן דעם גרויסן גרינ־באַאומס זון?

אַ בחור האָט זיך אַריינגעמישט:

— איר האָט זיך שוין צעדרשנט? און אַלע מאָל מיט דעם זעלביקן פזמון — גרינבאַאומס זון. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן אין קאַמף פאַר ישראל. ער האָט אויסגעקויפט זיינע זינד!

— איך וועל דרשענען און דרשענען, ביז מע וועט מיך דערהערן. נו, האָט ער אויסגעלייזט זיינע זינד. אָבער די איבעריקע? קומען קאָמיסיעס פון אַמע־

ריקע, כלומרשט באקוקן, אויספארשן, און וואס ווערט פון דעם? גארנישט. פאר־וואס? ווייל שטענדיק באגלייט זיי עמעצער. אפילו לייוויק און אפרת זענען גע־קומען אנגעטון ווי יענעראלן שטענדיק באגלייט פון יוצר משרתים און אשר משרתים.

איך האב אים איבערגעשלאגן:

— זיי האבן געמוזט זיין אנגעטון אין מונדירן. אנדערש וואלטן זיי נישט געקאנט באזוכן די לאגערן.

— ווער וואלט זיי נישט געלאזט זיך ארייננגנבענען אין די לאגערן שפעט ביינאכט אדער גאנץ פרי, אן מונדירן, זעצן זיך ביים ברעג פון בעט און אויס־הערן אונדזער צער און ווייטיק, אויפדעקן די שווינדלערייען און סקאנדאלן?

אן אנדער יונגערמאן מיט א נומער אויף דער האנט האט זיך א קער געטון צו מיר:

— איך זאג אייך, דער ייד קריכט אויף די גלייכע ווענט. וואס פאר א טענות קאן מען האבן צו לייוויקן? ער האט געפרעגט, געפארשט, גערעדט מיט א סך פון אונדז. ער האט גענוג זיך אנגעהערט מיט בארעכטיקטע טענות און מיט נישט קיין בארעכטיקטע. צו לייוויקן קאן מען קיין טענות נישט האבן. הלוואי אויף אלע קאמיסיעס געזאגט געווארן.

א קורץ יידל, א געפאקטס, מיט א פנים פול מיט זומער־שפרענקלעך, האט אנגעהויבן רעדן גיך, ווי ער וואלט מורא געהאט מע זאל אים נישט אויסהערן:

— און איך זאג אייך, אז לייוויק האט אויך נישט געשריבן דעם גאנצן אמת. ער איז אויך געווען מיט די פקידים (באאמטע). ער האט געדארפט שרייבן, אז מען האט געשיקט העמדער פון אמעריקע, און נאטשאלסטווא האט זיי גע־טראגן. מען האט געשיקט פלייש און נאטשאלסטווא האט געגעסן. האט איר עפעס א סך געקראגן פון די פושקעס שפייז? האט מען אין ציפערן נישט חרוב געמאכט א גאנצן סקלאד אמעריקאנער סחורה, וואס די נאטשאלסטווא האט באהאלטן פאר זיך, צו ספעקולירן?

— אבער מיר זענען נישט געווען אין ציפערן, און לייוויק אויך נישט — האט זיך ארייננגעמישט דער ערשטער בחור — ס'זענען אלץ קלאנגען. ווי האט ער געקאנט שרייבן וועגן זאכן, וואס זענען געווען א סך שפעטער?

— שפעטער, פריער — האט גערעדט דער ערשטער מאן — קיינער איז נישט געקומען צו אונדז ווי אן אייגענער. אלע ווי שליחים, אפיציעלע מענטשן. אט דער ייד — האט ער אנגעוויזן אויף מיר — איז מיר געפעלן. איר זעט דאך, אז ער איז אן אמעריקאנער. איך וואלט געשווירן, אז ער איז א יידישער שרייבער. ער האט באלד געוווסט, ווער לייוויק איז, און געוווסט וועגן גרינ־באום זון. יא, ער איז א שרייבער. איז ווי איז ער געקומען צו אונדז? אליין.

מיט זיין טעבטערל, נישט באגלייט פון פקידים. ער וויל וויסן דעם אמתן אמת. דערציילט אים, יידן, אייערע גליקן.

ס'איז געוואָרן שוין אַ היפּש רעדל אַרום מיר. אַ יונג ווייבל האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס טויג מיר אים דערציילן מעשות? זאָל ער זען מיט זיינע אייגענע אויגן. קומט און קוקט אָן מיין צריף: אַ לאָך דריי אויף דריי, און דאָרטן וווינען עלף מענטשן. דריי פאַרהייראַטע פּאָרלעך — זעקס מענטשן, און — זי ציילט אויף אירע פינגער: צוויי קינדערלעך — אַכט, און דריי בחורים — עלף מענטשן. נו, אין דעם לאָך שלאָפן דאָס אַלע אין איינעם. די בעטן פאַרנעמען דעם גאַנצן חדר. נישטאָ ווו אַ קער צו טון זיך. אונטער די בעטן אונדזערע — קאָרפּערטן, קעסטלעך און וואַליזקעס. ווי ריין קאָן שוין זיין? פליגן, שמוץ, בלאָטע. אונדזערע פּקידים, די גרויסע קאָפּ־מענטשן, האָבן אַנדערש נישט געקאָנט איינשטעלן נאָר פאַרהייראַטע און נישט־פאַרהייראַטע אין איין צימער. אָבער אַז מען האָט פּראָטעקציע, וויטאָמין „פּיי״?!

— נו, אין דייטשלאַנד האָט איר געהאַט בעסער? — האָט זיך ווידער איינגעשטעלט יענער יונגערמאַן.

— אוודאי בעסער, דאָרט האָט מען געקאָנט האַנדלען, עפּעס טון, מאַכן אַ גרינגן גראָשן.

— אייערע גרינגע גראָשנס — האָט דער יונגערמאַן גערעדט מיט ביטול — האָט איר געקאָנט בלייבן אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד?

— מיר האָבן נאָך געקאָנט בלייבן יאָרן. דערווייל האָט מען געקאָנט קריגן אַ וויזע קיין אַמעריקע, אַרגענטינע. אָבער ניין! מען איז געקומען צו אונדז: יידן, פאָרט קיין ישראל! דאָס לאַנד וואַרט אויף אייך! מיר דאַרפן אייך האָבן! אייערע קינדער וועלן האָבן אַ צוקונפט!

אַ צווייטער איז אַריינגעפאַלן אין די רייד, ווי אַ סאָליסט פון אַ גוט איינגעשטודירטן כאָר:

— זענען מיר געקומען, צוליב אונדזערע קינדער. נאַט, זעט דאָס עסן! ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ שיסל מיט עסן.

— קוקט, אַביסל קאַשע צונויפגעמישט פון גאָט ווייס אַליין וואָס, אַ פּיצעלע מאַרגאַרין, אַ שטיקל קעז, אַ האַלב ברעטל כאַלוואַ און אָנגעבראָקטע שטיקלעך אוגערקעס און טאָמאַטן. מען קאָן עס אין מויל נישט נעמען. טרוקן, אָן אַ טעם. אין אַזאַ היץ! יאָ, ברויט גיט מען גענוג. גאַנצע לוסטעס. מילא פאַר או.דז אַרט אונדז נישט. אָבער איז עס עסן פאַר קינדער?

— זיי שטאַרבן ווי די פליגן, די קינדער אונדזערע. ס'איז נישטאָ קיין שפּיטאָל. אַ דאָקטאָר איז דאָ, נאָר ווען מען דאַרף אים נישט. גיט מען שוין אַ

גלאָז מילך אַ טאָג, איז ווו האַלט מען עס? אין דער היץ ווערט עס זויער, גוט פאַר אַ בויך־ווייטיק.

— מען האָט אונדז געבראַכט אַהער ווי משה די יידן אין מדבר, מיר זאָלן אויסשטאַרבן, אַ טייל פון די קינדער זאָלן בלייבן צו בויען דאָס לאַנד.

— וואָלט די שיף, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער, בעסער אויפגעריסן און אונדז אַלעמען דערטרונקען.

— אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, כלומרשט, און לאָזט קיינעם נישט אַרויס פון לאַנד.

— זאָלן זיי עפענען די טויערן פון לאַנד, וועלן זיי זען וויפל פון אונדז וועלן בלייבן דאָ צו הונגערן.

— גוטע גויים וואָלטן אונדז בעסער באַהאַנדלט. רשעים זענען זיי! רשעים!

— קיין וואָרט פון טרייסט, אַלץ קאַלטע רייד פון פקידים, און הונגער!

אַ יונגער בחור איז אויפגעשפרונגען מיט כעס:

— שעמען מעגט איר זיך! ליגנס זאָגט איר! איר הונגערט נישט! די מיסט־קאַסטנס זענען פול מיט ברויט! אַז מען וואַרפט אַרויס ברויט, הונגערט מען נישט. ווען מיר זענען געווען ביי די רוסן, וואָלטן מיר די ליאַפּטשעס ביים פויער געקושט פאַר דעם ברויט, וואָס וואַלגערט זיך דאָ אין די מיסט־קאַסטנס. ווי לאַנג זענט איר דאָ? קיינער איז נאָך נישט אין לאַגער מער ווי זעקס חדשים. הונדערטער טויזנטער יידן זענען אָנגעקומען קיין ישראל. דאָס לאַנד איז אָרעם, אָבער ווו זענען די יידן, וואָס זענען דאָ מער ווי זיבן חדשים? זיי זענען שוין באַזאָרגט. איר וועט אויך באַזאָרגט ווערן. שטעלט זיך פאָר ווען פופציק מיליאָן מענטשן קומען אַריין קיין אַמעריקע. ס׳וואָלט געווען דאָס זעלביקע ווי דאָ אַ פערטל מיליאָן, אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. איר זענט נישט גערעכט. איר...

— אַהאַ, שוין אויך געקריגן אַביסעלע שוחד — האָט זיך אָנגערופן דער ייד מיט די זומער־שפּרענקלעך — מ׳האָט אייך שוין אונטערגעקויפט? שוין אַ פקידל געוואָרן? דאָ טוט מען ווי דאָרט אין דייטשלאַנד. באַקלאָגט זיך איינער, פאַרשטאָפּט מען אים דאָס מויל מיט אַ שטעלע.

— וואָס רעדט איר, יידן? — האָט דער בחור געטענהט — איר קאָנט דאָך מיך יאָרן. האָב איך זיך געשטופּט אויבן־אָן? איך בין דאָך מיט אַ נומער. גע־בליבן אַליין, אָן קינד און רינד, דאָ שלאָף איך, דאָ עס איך. לעב איך בעסער פון אייך?

— נו, טאָ זאָגט אונדז, ווו איז דאָס געלט וואָס מען שיקט פון אַמעריקע? אייך איז גוט: איר זענט יונג, און געבליבן געזונט און שטאַרק. איר קאָנט לעבן אויף אַזאַ עסן. אָבער די קינדער, וואָס האָבן זיי געזינדיקט? פאַרוואָס לערנט

מען נישט מיט זיי? פאַרוואָס גיט מען נישט אַכטונג אויף זיי? זיי זענען דאָך די צוקונפט. זיי וועלן דאָך בויען דאָס לאַנד. זאָל מען אונדז געבן אַרבעט.

— ווי איז צו אונדז! נאָך זיך נישט געוואַלגערט געגנוג. צדקה און צדקה, מיר ווילן נישט לעבן אויף צדקה. מיר ווילן געבן צדקה.

מענטשן האָבן זיך גענומען שטופּן פון אַלע זייטן. ס'איז געוואָרן צו גע־דיכט און צו טומלדיק. איך האָב זיך אַרויסגערוקט, אַוועק זוכן די קיך. אויפן וועג האָבן מיר אַריינגעקוקט אין די צריפים און געצעלטן. יעדער צימער, יעדער גע־צעלט איבערגעפּאַקט. ענג, דערשטיקט צו ווערן. זיי האָבן נישט איבערגעטריבן. קינדער בלייבע, אָן טומל, האָבן זיך געוואַלגערט איבערן גאַנצן לאַגער. ס'איז נישט געווען קיין סימן פון אַ סיסטעמאַטישער פאַראינטערעסירונג מיט די קינדער.

מיין טעכטערל און איך זענען אַריין אין קיך. אַ ריח פון איבערגעשטאַנענע געקעכץ האָט אונדז אַ שלאָג געטון אין פּנים, אַזש דער אָטעם האָט אונדז פאַר־כאַפּט. דער דיל ווייט נישט קיין ריינער. פליגן פון גאָר דער וועלט. לאַנגע טישן, אַביסל פאַרשמאַלצעוועט, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען אין דער ברייט פון צימער, מיט בענק נעבן יעדן טיש. אַ הונדערט מענטשן זענען געזעסן אַרום די טישן. נעבן קיך־פענצטער זענען געשטאַנענע עולים און האָבן געוואַרט אויף זייער ריי מיט טעלער אין די הענט.

מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ פענצטערל. אונטן האָט זיך געפונען די קיך. מענטשן זענען געווען פאַרטון, פאַרנומען, געפּאָרעט זיך אַרום די גרויסע קעס־לען־טעפּ. צוויי פרויען האָבן דערלאַנגט דאָס עסן צו יעדן איינעם, וואָס איז צוגעקומען מיט אַ צעטעלע.

מען האָט דערלאַנגט דאָס צעטעלע, און איינע פון די פרויען האָט אַרויס־געגעבן אַ פּאָר שטיקלעך געקאַכטע פיש, מאַרגאַרין, אָנגעשניטענע אוגערקעס, אַביסל קאַשע און אַ שטיקל כאַלוואַ. ברויט — היפשע עטלעכע פענעצן. חוץ דעם געקאָכטן עסן, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין טעלער, האָט מען דעם מאַרגאַרין, כאַלוואַ און ברויט אַוועקגעלייגט אויף דער הילצער ברעט פון פענצ־טער, וואָס איז געווען פול מיט ברעקלעך פון עסן. שנעל, שנעל האָט מען דערלאַנגט דאָס עסן. די איינציקע פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב גע־הערט פון דער דערלאַנגערין, זענען געווען: „ווילט איר נאָך ברויט?"

אַ פרוי איז צוגעקומען מיט דריי צעטעלעך, פאַר דרייען אין דער משפחה. זי האָט געבעטן מען זאָל דאָס עסן אַריינלייגן אין איין טעלער. די דערלאַנגערין האָט דערפילט איר פאַרלאַנג. די פרוי איז נאָך געבליבן שטיין: זי וויל נאָך אַ פּאָר שטיקלעך פיש. די דערלאַנגערין האָט, נישט קוקנדיק אויף דער פרוי, אַרויס־גערעדט:

— איר ווייסט, איר וואָלט באַצאָלט אין שוק (מאַרק) פאַר אַזאַ פּאָרציע עסן זעכציק גרושים (זעכציק פּיאַסטערס, אַרום אַ טאָלער מיט אַכציק).

די פרוי איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענע.

— איר גיט מיר אייערס? וואָס בעט איך ביי אייך? מאַרצעפּאַנעס? וואָסי, איר גיט מיר צדקה?

זי האָט באַמערקט מיך און מיין טעכטערל, האָט זי זיך אַ קער געטון צו מיר און געזאָגט שטילערהייט:

— אַ, דאָס זענט איר דער פּאָרזיצער פון דער געהיימער קאָמיסיע פון אַמעריקע? (איך בין שוין געוואָרן דער פּאָרזיצער פון אַ געהיימער קאָמיסיע) נאָט, זעט ווי מען באַהאַנדלט אונדז.

זי האָט זיך אַ קער געטון צום עולם:

— דערציילט אים דעם אמת. ווידער קיצבה, ווידער צדקה. ווידער באַהאַנדלט מען אונדז ווי שנאָרערס, שלעפּערס. מען טיילט אונדז דאָס עסן דורך אַ פענצטערל. מען גיט אונדז אַפילו נישט קיין גאָפּל-מעסער!

— דערציילט זיי ווּהין עס האָבן זיך אַהינגעטון די גאָפּל-מעסער, וואָס זענען דאָ געווען — האָט געענטפערט אַ שטים פון קיך.

— איר האָט זיי צעגנבעט, איר! — האָט די פרוי געענטפערט.

איך האָב זיך צוגעזעצט צו אַ טיש. באַלד איז געוואָרן אַ רעדל אַרום מיר, און ווידער די זעלביקע טענות וואָס פריער, און מעשות וועגן זעלבסטמאָרדן, וועגן מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט צוריק קיין אייראָפּע, וועגן פאַלשע צוזאָגן, און איבער אַלץ איין הויפּט-טענה:

— פאַרוואָס האָבן זיי אונדז נישט דערציילט דעם אמת? פאַרוואָס האָט מען געבראַכט אַהער די אַלטע און קראַנקע? פאַרוואָס האָט מען אונדז נישט געלאָזן צו רו?

אַ ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל און אַן אויסערגעוויינלעך רויִקן פּנים האָט זיך צוגערוקט צו מיר און אָנגעהויבן רעדן געלאַסן:

— איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ שרייבער, געשיקט פון אַמעריקע גלייך צו אונדז. געקומען אַהער אָן פּקידים. איז שרייבט דעם אמת, וואָרט אין וואָרט וואָס איך זאָג אייך: איך האָב זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז דער שריד-הפּליטה וועט וועלן אַרבעטן און זיין פעאיק צו אַרבעטן. אָבער איך זאָג אייך, אַז מיר ווילן אַרבעטן. די וואָס זענען אַרויס פון דאַנען פאַרדינען כשר זייער שטיקל ברויט. אָבער ס'איז שווער, און איבערהויפּט פאַרדריסט וואָס מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. אונדז צוגעזאָגט הרים וגבעות. נישט דערציילט דעם אמת. זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ יאוש. אונטער די אומשטענדן איז די לאַגע דאָ

גאָרנישט אַזוי שלעכט. איר זעט דאָך — מען הונגערט חלילה נישט, און אַ דאַך איבערן קאָפּ איז אויך דאָ. נאָר וואָס זשע? ס'איז אונדז שוין מיאוס געוואָרן שלאָפן צוועלף אין אַ צימער. מיר בענקען נאָך אַביסל היימישקייט. ס'קריכט שוין פון האַלדז קריגן דאָס עסן פון אַ פענצטערל, און עסן אַלע אין איינעם אויף הוילע נאַקעטע טישן, אָן גאָפּל־מעסער. מיר בענקען נאָך אַ סערוועטקע.

— אָבער איך האָב געהערט — האָב איך געזאָגט — אַז לענגער ווי זעקס חדשים זיצט מען דאָ נישט. דערנאָך באַזעצט מען די עולים אין די פאַרלאָזענע אַראַבישע דערפער, אין שטעט. דער וואָס וויל קאָן גיין אין אַ קיבוץ, אָדער זיך איינשטעלן אין אַ מושב עובדים.

— דאָס איז אַלץ געווען ביז איצט — האָט דער ייִד געענטפערט — איצט ווערט די לאַגע שווערער. אַרבעט ווערט ווייניקער. די עולים פאַרלירן דעם צו־טרוי. אין קיבוצים ווילן מיר נישט גיין. מיר ווילן נישט קיין קאָלכאָזן, גענוג געלעבט אין קהל, איז אונדז שלעכט.

— וווּ וועט מען אונדז אַהינטון? — האָט איינער געזאָגט — ווו? אַז מען זאָל מיר אַפילו געבן אַ וווינונג, פון וואָס וועל איך לעבן? איך וועל דאָך שטאַרבן פון הונגער.

נאָך אַ ייִד האָט זיך אַריינגעמישט, נאָך אַ ייִד. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַז איך האָב שוין קיינעם נישט געקאָנט הערן. איך האָב זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרויסגיין. מיין טעכטערל האָט מיך געהאַלטן שטאַרק ביי דער האַנט און איז געווען בלייך ווי קאַלך.

מיר האָבן געשוויגן דעם גאַנצן וועג וואָס מיר זענען געגאַנגען אַהיים. ווען מיר זענען געקומען צו מיין ברודער, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע אינגאַנצן אַ דערשיטערטער. מיין טעכטערל איז אַריין אין שטוב, זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט, מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן, און האָט זיך ביטער צעוויינט. איך האָב זי געלאָזן וויינען. איך האָב איר באמת מקנא געווען. הלוואי וואָלט איך זיך געקאָנט גוט אויסוויינען. עס וואָלט מיר גרינגער געוואָרן.

⁂

פּרייטיק־צו־נאַכטס האָט אַן אַלטער תושב, אַ ייִד, וואָס לעבט שוין אין ארץ ישראל קרוב צו דרייסיק יאָר, אונדז איינגעלאַדן אויף אָוונט־ברויט. נאָכן עסן זענען אַריינגעקומען שכנים און קרובים פון דעם תושב צו באַקענען זיך מיט די אַמעריקאַנער. שפּעטער אין אָוונט איז אַרויפגעקומען דער געשפּרעך אויף די בתי־עולים. איך האָב גערעדט מיט ביטערקייט וועגן דער לאַגע פון די נייַ־אַריבערגעקומענע. צו מיין איבעראַשונג האָבן די תושבים זיך נישט שטאַרק

געגומען צום הארצן די ליידן פון די עולים. פארקערט, יעדער איינער האט א מאך געטון מיט דער האנט און בפה אחד געזאגט:

— זיי ווייסן נישט ווי גוט עס איז זיי.

איך האב אנגעשטעלט מויל און אויערן:

— וואס איז זיי אזוי גוט? אז אך און וויי צו אזא גוטסקייט.

דער עלטסטער האט מיר אנגעהויבן צו דערקלערן:

— אין פארגלייך מיט דעם, וואס מיר האבן זיך געדארפט אנליידן, איידער מיר האבן זיך צו עפעס וואס דערשלאגן, איז זייער לאגע א וווּנדערבארע. זיי קריגן עסן און טרינקען און א דאך איבערן קאפ. אמת, שלעכט עסן און טרינקען, אבער זיי הונגערן נישט ווי מיר האבן געהונגערט. זיי האבן א צריף און א געצעלט. מיר האבן אפט געדארפט שלאפן אונטערן פרייען הימל. דער חילוק נאר איז, וואס מיר זענען געקומען בויען א לאנד. זיי זענען געקומען, ווייל מען האט זיי געשלאגן, און ווען זיי בלייבן דארטן, וואלט מען זיי ווידער געשלאגן.

— איר האט אונדז דערציילט, אז מען גיט זיי עסן אן גאפל־מעסער. פרעגט זיי, וואס ס'איז געווארן פון די גאפל־מעסער, וואס מען האט זיי די ערשטע טעג געגעבן? איך וואלט אייך געקאנט דערציילן מעשיות, וואס אייערע האר וואלטן זיך פון זיי געשטעלט קאפויר. אבער ס'איז נישט נייטיק. איר האט אליין געזען דעם מענטשן־מאטעריאל. אט איז איין ביישפיל: די מעשה וואס פארהייראטע און נישט־פארהייראטע ווינען אין איין צריף אדער געצעלט. יא, דאס איז שוידערלעך. מיר האבן אבער געמאכט אלערליי פרווון, באזעצן זיי משפחותווייז, האבן זיי נישט געפאלגט. דער האט פארכאפט פריער אן ארט אין צריף, גיי ווארף אים ארויס מיט פאליציי. דא האבן זיי אריינגענומען א קרוב, א באקאנטן פון די לאגערן. זיי האבן אונדז אזוי צעטומלט, אז די באאמטע האבן א מאך געטון מיט דער האנט. אין די נייע לאגערן פרווון מיר אנדערש איינצושטעלן.

— וועגן די קינדער. מיר האבן געברענטע צרות פון דעם. ווייסט איר, אז זיי לאזן נישט אפ די קינדער פון די אויגן? אט זענען עטלעכע קינדער קראנק געווארן אויף מאזלען. נו, מען האט געמוזט זיי צונעמען אין שפיטאל. ס'איז כמעט געקומען צו ראיאטן. מיר האבן פארמיטן א פאניק נאר ווייל מיר האבן דערלויבט די מאמעס צו שלאפן אין שפיטאל. אבער דער לאגער איז דאך גלייך לעבן שטאט. מען קאן ארויסרופן א דאקטער ווען מ'דארף, און מ'טוט עס טאקע.

— מיר האבן זיי צוגעזאגט גליקן? יא, האבן מיר זיי אפשר אביסל אפגענארט. צוליב צוויי טעמים האבן מיר עס געטון: זיי האבן געמוזט פארלאזן די לענדער, ווו זיי זענען געוועזן, און מיר מוזן זיי דא האבן. מיר דארפן באזעצן די

פאַרלאָזטע דערפער און שטעט. מיר מוזן באַזעצן דעם פאַרלאָזטן באָדן. דער נגב מוז ווערן יידיש. אָניט... איך וויל עס גאָר פון מויל נישט אַרויסלאָזן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי קאָנען נישט בלייבן אין דייטשלאַנד, אפילו אויב זייער לאַגע דאָרטן איז איצט נישט אַזוי שלעכט. מיר זעען אַביסל ווייטער. זיי פאַרשטייען נישט, זעען נאָר וואָס עס טוט זיך איצט. נו, האָבן מיר זיי אָפּגענאַרט אַביסל. נישט דערציילט די גאַנצע שוועריקייטן, וואָס זיי וועלן דאָ האָבן. מיר זענען נישט אַנטוישט מיט זיי. מיר האָבן געוווסט, אַז מיר וועלן האָבן מיט זיי קאָלטס און ווארעמס. אָבער זיי וועלן סוף־כל־סוף זיך איינאָרדענען. נו, וועלן פאַלן קרבנות. „קיינער קריגט נישט קיין לאַנד דערלאַנגט אויף אַ זילבערנער טאַץ" — האָט געזאָגט בן־גוריון.

— אָבער כדי איר זאָלט האָבן אַ גאַנץ בילד וועגן דער פּראָבלעם פון די עולים, וואָלט כדאי געווען, אַז איר זאָלט באַזוכן אַ פאַרלאָזט דאָרף, וואָס איז באַזעצט געוואָרן פון די נייע עולים. דאָרטן וועט איר הערן גאָר אַן אַנדער ליד.

שבת בייטאָג בין איך אוועק צו באַזוכן „חרבת עזון", אַן אַראַביש דערפל, לעבן רעננה, וואָס יידן האָבן באַזעצט מיט די עולים. דער תושב פון רעננה איז מיטגעגאַנגען מיט מיר.

באַלד ווי מיר זענען אַרויס פון רעננה האָט דער תושב אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָנגעוויזן אויף די פיר זייטן פון פעלד:

— דאָס אַלץ איז געווען אַראַבישער באָדן. יידן, וואָס זענען דאָ פאַרביי־געגאַנגען זענען קיינמאָל נישט געווען זיכער מיטן לעבן. מ'זאָגט, אַז דאָס אַראַבישע פאָלק וואָלט געלעבט מיט אונדז בשלום, ווען די עפענדים און די ענגלענדער וואָלטן זיי נישט אָנגערייצט. איך ווייס נישט צי דאָס איז אמת. אַ ייד איז קיינמאָל נישט געווען זיכער אין אַראַבישער טעריטאָריע. בכלל האָט אַ ייד נישט געקאָנט געטרויען דעם אַראַבער. דאַכט זיך, גוטע פריינד, שכנים. אָבער איר האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיין זיכער, אַז ער וועט אייך נישט אַריינרוקן קיין מעסער אין רוקן (דאָס ווערטל האָב איך געהערט אומעטום אין ישראל און פון אַלעמען). דאָס שטיקל לאַנד, ווו מיר גייען, האָט געהערט צו אַ רייכן אַראַבער. אַ שונא ישראל, אַ רשע. דער קרן קימת האָט אים געוואָלט באַצאָלן צען מאָל אַזוי פיל וויפיל דער באָדן איז ווערט געווען. אָבער ער פאַרקויפט נישט צו קיין יידן. איצט שטייט זיין גרויסער פּרדס פאַרלאָזן און טריקנט, זיין פיין הויז איז פאַרשלאָסן, די פעלדער פאַרדאַרט. ער איז אַנטלאָפן, זיצט ערגעץ אין דמשק אָדער ביירוט, און האַלט זיך מיט די שליסלען. מיליאָנען אַזעלכע דונאַם לאַנד זענען אויסגעלייזט געוואָרן אָן די בלויע פּושקעס.

— דאָס דערפל „חרבת עזון" איז געווען אַן אָרעם דאָרף. איר וועט זען, די הייזער וואָס זענען געבליבן זענען קיין סך נישט ווערט. די איבעריקע האָט מען געדאַרפט צעוואָרפן. זיי האָבן צו גאָרנישט געטויגט, און מען האָט געדאַרפט מאַכן גאַסן. אַן אַראַביש דאָרף האָט נישט קיין גאַסן. היינט, וועט איר זען אַ ברונעם. דאָס האָבן שוין די ענגלענדער פאַר זיי געמאַכט. אַזאַ יאָר אויף זיי ביידן. מיר ווילן אַהער אַריינציען וואַסער פון רעננה. האַרט לעבן רעננה שטייט נאָך אַזאַ צאַצקעדיקער ברונעם. ווילן מיר אים מאָדערניזירן און פאַראייניקן מיט אונדזער וואַסער־ליימונג. מ'וועט נישט דאַרפן ציטערן איבער אַן עמערל וואַסער.

אין מיטן פעלד איז אַרויסגעוואַקסן אַ האַלב־אויפגעבויט הויז אַ יונגער־מאַן איז געשטאַנען און געלייגט דעם דאַך. איך האָב זיך געוווּנדערט: שבת?! מיין תושב האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען: קיין גרעסערע עבירות זאָל ער נישט טון. ער איז אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט. אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער מיט מיר ביי דער וואַסער־לייטונג. אין אָוונט בויט ער זיך אַ הויז. שבת איז דאָך אַ פרייער טאָג ביי אים, כאַפּט ער אַריין.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער און ווייטער. די פיס זענען געזונקען אין זאַמד איבער די קנעכלעך. דעם תושבס מויל האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— נו, זעט אַ פאָלק ביים רבונו־של־עולם! הונדערטער יאָרן זענען זיי דאָ געזעסן און קיין וועג נישט אויסגעלייגט. מיר אין רעננה זענען בלויז עטלעכע און צוואַנציק יאָר, און זעט אונדזערע כבישים (שאָסייען)! איז דען אַ וווּנדער וואָס אונדזערע סאַברעלעך האָבן זיי צעקנאַקט איינס און צוויי? ס'איז באמת געווען אַ מלחמה צווישן דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און דעם זעכצנטן.

— ווער האָט פאַרזעצט אָט די קאַקטוסן ביי דיביידע זייטן פון וועג? — האָב איך געפרעגט.

— דאָ הייבט זיך באַלד אָן דער דאָרף — האָט מיין באַגלייטער געענט־פערט — ווו אַן אַראַביש דאָרף האָט עס אַ קאַקטוס־צוים. מיר האַקן אויס די צברות. זיי ציען אַרויס צופיל די זאַפט פון דער ערד. מיר פאַרפלאַנצן ברושים — בוקסן ביימער, אָדער אַן אַנדער גדר־חי, אַ לעבעדיקן פלויט. אָט הייבט זיך אָן דאָס דאָרף.

מיר זענען אַרויף אויף אַ בערגל, ווו אַ ברונעם איז געשטאַנען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. אַביסל ווייטער פון ברונעם זענען געווען אָנגעוואָרפן שטיינער פון די חורבות. מיר זענען צוגעקומען צו אַביסל אָפּגערייניקטן באָדן. דאָרטן איז געשטאַנען זייער אַ פיינע הינער־שטייג מיט אַ הון און אַ האָן פאַרשלאָסן אין

שטייג. דער האָן אַ ראַבער מיט אַ גרויסן רויטן קאַם, די הון אײנגאַנצן אַ ווײסע. און איי האָט געגלאַנצט מיט זיין ווײסקייט אין זייט פון שטייג. צו אַן אריינגער־קלאַפּטן שטעקן זענען געווען צוגעבונדן צוויי ציגן. אַ ייד איז געשטאַנען לעבן דער הינער־שטייג און געקוקט אויף דעם איי.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געפרעגט דעם יידן:

— ס'איז אייערס?

— יאָ, מיינס — האָט ער געענטפערט — פאַרשטייט מיך, מ'גיט אונדז זעכציק פונט, (ארום הונדערט און אכציק דאָלאַר) ווען מ'באַזעצט אונדז אויפן לאַנד. האָב איך געקויפט דעם לול (הינער־שטייג), די הון און דעם האָן, און די צוויי ציגן. מיר איז נאָך געבליבן זעקס פונט. דאָס איז דאָס ערשטע איי.

— און די ציגן געבן מילך? — האָב איך געפרעגט.

— אַ קילאָ און אַ האַלב.

— און מיט דעם קאָנט איר אויסקומען?

— נו, איך אַרבעט אויפן כביש (שאָסיי). אָבער דעם הויף דאַרף מען אויס־גלייכן, די הייזקע ווו איך וווין איז אַ רעשעטע. מ'דאַרף עס „רעמאָנטעווען" איידער די רעגנס וועלן זיך אַ לאָז טון. אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ. איך ווייס נישט צו וואָס איך זאָל זיך כאַפּן פריער. שטיי איך און קוק אויף דעם ערשטן איי. ס'איז דאָך שבת.

מיר זענען אַראָפּ פונעם בערגל. אַ ייד האָט געדרייט דראָט אַרום הויכע סלופּעס, געמאַכט אַ צוים אַרום זיין נחלה. מיר זענען ווידער אַרויף אויף אַ בערגל. דאָרטן זענען געשטאַנען עטלעכע הייזער, האַרט איינס לעבן אַנדערן, גוט אַרומגעטינקעוועט און מיט נייע פענצטער. אַ וווּנדער־שיין יינגעלע איז געלעגן אין אַ היימיש־צונויפגעקלאַפּטן קינדער־וועגעלע, און האָט זיך געשפּילט מיט זיינע ראָזעווע פיסלעך. אַן עלטערע פרוי האָט אונדז מקבל־פּנים געווען:

— נו, געקומען אָנקוקן אונדזער פּאַלאַץ? ס'איז ניטאָ וואָס אָנצוקוקן.

דער תושב האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב געבראַכט אַ גאַסט אַהער, אַן אַמעריקאַנער. ער האָט געוואָלט זען ווי יידן האָבן זיך באַזעצט אין אַ פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף.

אַ יונג ווייבל, אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, איז אַרויסגעקומען פון שטוב. נאָך איר אַ יונגערמאַן, אַ בלאָנדער, אַ הויכער, שיין ווי אַ סינעמאַ־אַקטיאָר. דאָס ווייבל האָט מיט פרייד גערעדט:

— געקומען אונדז אָנקוקן? פריער טוט נאָר אַ קוק אויף אונדזער אוצרל. איר ווייסט, ער איז דאָך געבוירן געוואָרן דאָ, אין ישראל. ער איז דאָך אַ סאַב־רעלע. ער וועט נישט ליידן ווי מיר האָבן געליטן. ער איז דאָך שוין אין דער היים, אין יידן־לאַנד.

דער הויף איז געווען אָפּגעראַמט פון שטיינער. אין מיטן הויף איז געשטאַנען עלנט אַ קליין ביימעלע.

— איר האָט פאַרפלאַנצט דאָס ביימעלע? — האָב איך געפרעגט דעם יונגנמאַן.

— ניין — האָט ער געענטפערט — ווען איך האָב אָפּגערייניקט דעם באָדן, האָב איך געפונען אונטער אַ שטיין אַן איינגעבויגן ביימעלע. האָב איך עס אויסגעגלייכט, ארומגעגראָבן, באַוואַסערט, און זעט, עס רייסט זיך צום הימל.

די פרוי האָט זיך אַ קער געטון צו אונדז:

— קומט, איך וועל אייך פריער ווייזן אונדזער קיך. ס'איז אַ קליין_צימערל, אָבער דערפאַר איז די קיך בלויז פאַר צווייען. איר קאָנט נישט פאַרשטיין די פרייד פון האָבן אַ האַלבע קיך פאַר זיך אַליין.

מיר זענען אַריין אַ קוק טון, אָבער מער ווי איינער פון אונדז האָט דאָרטן נישט געקענט שטיין. פיר הוילע ווענט, אַ פּאָר פּאָליצעס, אַן ערדענער דיל, אַ פּאָר קעסטלעך. אויף צוויי קעסטלעך זענען געשטאַנען פּרימוס-אייוועלעך. מיטאַמאָל האָט זיך די יונגע באַלעבאָסטע צעלאַכט. איך האָב זי אָנגעקוקט. זי האָט פאַרשטאַנען מיין פאַרוווּנדערונג, און געזאָגט צו מיר:

— פאַרשטייט מיך, איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין מאַמע פלעגט זיך אויספּיינען מיט דעם דיל פון איר קיך, אין יאַסי. דער דיל איז געווען אַ געוועקסטער. ווען די שכנות פלעגן באַזוכן מיין מאַמע, האָט זי זיך אויסגעפּיינט מיט איר קיך. אַז זיי זענען אַוועק, האָט די דינסט געדאַרפט אויפסניי אָפּפּאָלירן דעם דיל, וויל די שכנות האָבן געלאָזן סימנים פון זייערע אָפּצאַסן. ווען די מאַמע טוט איצט אַ קוק אויף מיין קיך, וואָלט זי זיך מסתמא גוט צעוויינט.

זי האָט אונדז דערנאָך אַריינגעפירט אין איר וווינונג. איין צימער כמעט אָן פענצטער. איין וואַנט אָבער איז געווען באַפּוצט מיט אַ טעפּיך. אַ קליין שטיקל טעפּיך איז געלעגן לעבן בעט. דער דיל אַן ערדענער, אָבער ריין. אין ווינקל איז געהאָנגען אַ גרויסע חתונה-פאָטאָגראַפיע.

— ס'איז אונדזער גן־עדן — האָט דאָס יונגע ווייבל געהאַלטן אין איין ריידן — ווען איך וויל שפּיל איך זיך מיטן קינד אויפן דיל. ווען איך וויל, לייג איך זיך צו שלאָפן. אַ צימער פאַר מיר, מיין מאַן און מיין קינד. קיינער שטעקט נישט אַריין זיין נאָז, סיידן איך לאָז אים אַריין. ס'איז מיינס! נאָך די לאַגערן איז עס דאָך אַ גן-עדן!

דער תושב האָט זיך אַ קער געטון צו די עולים:

— יידן, נעמט פאָטאָגראַפיעס פון די חורבות. אין פינף יאָר אַרום וועלן דאָ שטיין שיינע הייזער, און ביימער וועלן זיין פאַרפלאַנצט אַרום די הייזער.

קינדער וועלן זיך דאָ שפּילן און טומלען. לעבן יעדער הויז וועט זיין אַ גרויסער גאָרטן מיט גרינס און בלומען. איר וועט עס מאַכן שנעלער ווי מיר אין רעננה. מיר האָבן נישט געהאַט קיין יידישע רעגירונג. עס האָט אונדז געפעלט באָדן. מיר האָבן געדאַרפט צאָלן פאַר יעדן מעטער ערד. איר זייט אין אַ בעסערער לאַגע. ס'איז דאָ אַ יידישע רעגירונג. ס'איז פאַראַן ווער עס זאָל זאָרגן פאַר אייך. און ערד איז דאָ, אַבי באַאַרבעט זי. ס'איז דאָ גענוג לאַנד נאָכן נצחון.

די אַלטע פרוי האָט זיך אַריינגעמישט:

— גרויסע פאַרזאָרגערס! דערווייל האָבן מיר שוין נישט קיין וואַסער גאַנצע דריי טעג. מיר דאַרפן שלעפּן וואַסער מיט קאַנען. און אַז מ'ברענגט וואַסער מיט אַ לאַסט־וואָגן, טיילט מען אונדז אויס מיט אַ מאָס, ווי ס'וואָלט געווען וויין.

— נישקשה, נישט געזאָרגט — האָט דער תושב געזאָגט — ס'וועט זיין וואַסער. מיר אַרבעטן אויף אַ נייעם ברונעם. באַלד אין אַ וואָך אַרום וועט איר האָבן גענוג וואַסער צו נעמען דריי מאָל אַ טאָג אַ מקלחת (אַ שפּריץ).

— אויב איר זייט שוין יאָ אַ פּקיד פון וואַסער — האָט די אַלטע געזאָגט — זעט, אַז ס'זאָל זיין גענוג וואַסער אויסצוואַשן די קינדערשע ווינדעלעך.

די יונגע פרוי האָט אַ זיפץ געטון:

— זי איז אַביסל גערעכט.

דער יונגערמאַן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— נאָר אַביסל גערעכט? — ער האָט זיך אַ קער געטון צו אונדז: מיין ווייב איז אַזוי גליקלעך, וואָס זי איז פּטור געוואָרן פון די לאַגערן און האָט פאַר זיך אַ ווינקל, אַז זי שטעלט זיך צופרידן מיט גאָרנישט. אַרבעטן אַרבעט איך נאָר צוויי טעג אַ וואָך. קיין באָדן האָט מען אונדז דערווייל נישט געגעבן, און אין מיין לעבן בין איך נישט געווען קיין פּויער. פון אונדז ביז'ן שטאָט איז דריי קילאָמעטער. דער וועג איז זאַמדיק. ס'איז שווער צו גיין איינצוקויפן. דאָס פלעשל מילך פאַרן קינד גראָבן מיר איין אין דער ערד, עס צו האַלטן קיל. חוץ דעם עסן און שלאָפן איז דאָ גאָר נישטאָ. מיר לעבן ווי בהמות. די שטיבלעך, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, שטייען אויף הינערשע פיסלעך. וואָס וועט זיין ווען די רעגנס וועלן אָנקומען?

— דאָס איז נישט קיין לעבן פאַר יידן — האָט די אַלטע זיך אָנגערופן — די יונגע ציג האָט דאָ איר מאַן און קינד, איז זי צופרידן.

די יונגע פרוי האָט זיך געשטעלט טראָציק:

— אַלץ בעסער ווי אין די לאַגערן, ווו מיר האָבן געדאַרפט אָנקומען צו צדקה. און אַז ס'ווילט זיך וויינען צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, וויין איך זיך אויס ביי מיר אין פּאַלאַץ און קיינער דאַרף נישט זען און הערן.

זי האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קינד און איז אַוועק אין צימער. די אַלטע האָט אַ זיפץ געטון:

— אַ געזונט אויף איר, זי איז די איינציקע, וואָס זינגט נאָך אַמאָל, אָבער זי איז אַלע מאָל געווען אַ ציוניסטקע.

מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין רעננה. מיין תושב האָט אין מיר אריינגע־טענהט, איצט דווקא אויף העברעאיש:

— איצט האָט איר געזען די צווייטע זייט פון דער מטבע. נאָך אַלץ נישט אַזוי שיין ווי איר האָט געוואָלט. אָבער דאָך נישט אַזוי שרעקלעך. זיי זענען שוין אויפן וועג צו ווערן תושבים. מיר האָבן פאַרנומען אַ לאַנד און מיר דאַרפן עס באַזעצן, אַניט וועט דער שונא קומען צוריק. מיר דאַרפן שאַפן אַ ניי פאָלק, אויפבויען אַ פאַרוויסט לאַנד. מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרנעמען דאָס לאַנד מיט דער שווערד, אָבער נישט אַלע מאָל לאָזט זיך אויס ווי מ'וויל. מיר, די תוש־בים, האָבן פאַרגאָסן בלוט אריינצוקריגן דאָס לאַנד. די עולים פאַרגיסן טרערן צו באַזעצן עס. און ווי שטייט דאָרטן: אין בלוט און פייער איז יהודה געפאַלן, און מיט בלוט און פייער וועט זי אויפגעשטעלט ווערן. שטעלט צו: אויך מיט טרערן!

## קאַפּיטל פינף

# אַ טיול אין נגב

ווען איך בין געווען אין ישראל, זענען קיין באַנען נישט געלאָפן. דער איינציקער וועג פון טראַנספּאָרטאַציע איז געווען דער אויטאָבוס. עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם פאַרקער פון לאַנד. די אויטאָבוסן זענען געלאָפן נישט זייער אָפט. דערצו זענען זיי געווען נישט גאָר קיין נייע. די וועגן זענען שמאָלע און שלעכטע. דאָך קומען אָן און פאָרן אָפּ די אויטאָבוסן כמעט אין צייט. אַ ניו־יאָרקער, וואָס איז צוגעוווינט צו דער סאָובעי, (אונטערערדישע באַן) צו די פּינקטלעכע באַנען און גרויסע באַקוועמע אויטאָבוסן, וואָס פאָרן אָפּ און קומען אָן צו דער מינוט, דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן נישט צו פאַרלירן זיין געדולד, וואַרטנדיק אויף די אויטאָבוסן. און אַז דער אויטאָבוס קומט שוין אָן, איז אָפט נישטאָ קיין אָרט צו זיצן און מ׳דאַרף שטיין דעם גאַנצן וועג.

אָבער מ׳דאַרף געדענקען, אַז מדינת־ישראל איז ערשט איין יאָר אַלט, און קיין אויטאָמאָבילן ווערן אין לאַנד נישט אויסגעאַרבעט. צו קריגן נייע מאַשינעס, דאַרף מען האָבן דאָלאַרן, און עס זענען פאַראַן בילכערע זאַכן צו קויפן פאַר די דאָלאַרן. אויך דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די באַנען אין לאַנד זענען רואינירט געוואָרן, און אין יאָר איז די באַפעלקערונג פאַרמערט געוואָרן אויף מער ווי אַ דריטל.

די יידן פון ישראל זענען רייף גענוג דאָס אַלץ צו פאַרשטיין. חוץ דעם איז די זיכערקייט פון לאַנד נאָך ניי און פריש. די באַפעלקערונג האַלט אין איין דערציילן אייך:

— איר זעט דאָס שטיקל וועג אויף וועלכן מיר פאָרן? מיט איין יאָר צוריק

האָט מען דאָ נישט געקאָנט דורכפאָרן. פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען אַראַבישע דערפער. איצט פאָרן מיר פריי און קאָנען פייפן מיטן אויטאָ־פייפער וויפיל דאָס האַרץ גלוסט.

— איר זעט די חורבות? דאָס זענען געווען הייזער פון ימח־שמוניקעס. ווער האָט געוואַגט זיך דאָ צו ווייזן?

דערפאַר באַקלאָגט זיך קיינער נישט אויף דער ענגשאַפט, אויף די לאַנגע רייען, אויף דער וואַרטעניש און אויפן טרייסלען פון די אַלטע „דזשאַלאַפּיס"

אָבער פאַר אַ טוריסט, וואָס האָט נישט מער ווי אַ דריי חדשים צו זען דאָס לאַנד, איז די טראַנספּאָרטאַציע אַ גרויסע פּראָבלעם. דינגען אַ טאַקסי איז נישט פאַרן געוויינטלעכן טוריסטס קעשענע. מ'דערציילט דאָ אַן אַנעקדאָט וועגן דעם יקרות פון דינגען אַ טאַקסי. עס זענען פאַראַן אַ סך וואַריאַנטן פון דעם אַנעקדאָט, אָבער אָט איז דער אָפּטסטער נוסח:

אַ טוריסט איז אַריין צו אַ טאַקסי־קאָמפּאַניע און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט דינגען אַ טאַקסי אויף דריי טעג.

— בבקשה, ביטע — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס — אָט שטייען דריי טאַקסיס, קלייבט אויס.

דער טוריסט קלייבט אויס אַ טאַקסי און דערקלערט:

— פאַרשטייט מיך, איך וויל אַליין טרייבן די מאַשין און באַזאָרגן גאַז און אייל.

— גוט, עס וועט אייך קאָסטן אַזויפיל און אַזויפיל.

דער טוריסט ענטפערט:

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך וויל נישט קויפן אייער טאַקסי. איך וויל זי בלויז דינגען.

דער וויץ טרייבט גאַרנישט איבער דעם הויכן קאָסט פון פאָרן מיט טאַקסיס.

נו, איידער איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט זען דאָס לאַנד, האָב איך געוואָלט זען דעם נגב. לאָזן זיך אַליין אין נגב איז אויסערגעוויינטלעך שווער, איבערהויפּט וואָלט עס אַוועקגענומען צופיל צייט. די ישובים זענען ווייט איינער פון אַנדערן. אַליין דינגען אַ טאַקסי איז געווען נישט פאַר מיין קעשענע. האָב איך באַשטימט צו פאָרן מיט מיין פאַמיליע אויף איין טאָג אויף אַן אָרגאַניזירטן אַרויספאָר.

שטאַרק צום האַרצן איז עס מיר נישט געווען. מ'נעמט אייך נאָר ווו זיי מיינען, אַז עס איז אינטערעסאַנט. מ'קאָן זיך אין ערגעץ נישט אָפּשטעלן. מ'קאָן נישט אַ קוק טון ווו מ'דאַרף נישט. אָבער אונטער די אומשטענדן איז עס בע־

סער ווי גאָרנישט. אפילו אַט דער פון פריער צוגעגרייטער אַרויספּאָר האָט מיך געקאָסט אין איין טאָג מער פון זיבעציק דאָלאַר פאַר פיר מענטשן, חוץ עסן.

דעם אַרויספּאָר האָט אַראַנזשירט די הסתדרות. מיר זענען אַריין אין ביוראָ איינצוצאָלן. דער אָנגעשטעלטער האָט מיך געפרעגט צי איך בין אַ מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

איך האָב איך געפרעגט:

— מה ענין שמיטה להר סיני? וואָס האָט איינס צו טון מיטן אַנדערן?

— אויב איר זייט אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד, זייט איר דאָך אַ מיטגליד פון דער הסתדרות, רעכענען מיר אייך דערפאַר מיט צען פּראָצענט ווייניקער. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשנדיקע אַנגענעמע שטיקל נייס, און איך האָב געשפּאָרט איבער פינף דאָלאַר.

הייסן האָט מען אונדז געהייסן קומען זעקס אַזייגער. נו, האָב איך גערונגען אַ טאַקסי צוצופאָרן פון רעננה קיין תל־אביב, אַ מרחק פון אַ זיבעצן מייל, דאָס האָט מיך געקאָסט צוועלף דאָלאַר. אָבער דער „טיול" האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַכט אַזייגער, און מיר האָבן געקאָנט רואיק קומען מיטן אויטאָבוס. און דאָך האָט איינער פאַרשפּעטיקט און אונדז דעריאָגט מיט אַ טאַקסי אַ צוואַנציק מייל נאָך תל־אביב.

מיר זענען געפאָרן אין צוויי אויטאָבוסן. אין איינעם זענען געזעסן די העברעער, און אין צווייטן — די, וואָס האָבן נישט געקענט קיין העברעאיש. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָבוס פון די „עם־הארצים".

באַלד ווי מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב, און אונדזער וועגווייזער האָט אָנגעהויבן אָנווייזן אויף די היסטאָרישע און וויכטיקע ערטער פון ישוב, האָבן מיר געהאַט צרות מיט אים. ער האָט גערעדט ענגליש, אַ שלעכטן ענגליש, און דערצו נאָך מיט אַ בריטישן אַקצענט. דער עולם האָט אים ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, און מיר האָבן אים אָנגעהויבן בעטן, אַז ער זאָל ריידן יידיש. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז קיין יידיש קאָן ער נישט; אָדער ענגליש, אָניט העברעאיש. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, האָבן מיר זיך באַקלאָגט פאַר דעם אָנפירער. ער האָט אים געהייסן רעדן יידיש. נו, האָט ער גערעדט יידיש צו אונדז. זיין יידיש איז געווען נישט ערגער פון זיין ענגליש. און ווען ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער „קען קיין יידיש נישט", האָט ער גערעדט גאַנץ גלאַט. האָט ער זיך פאַרהאַקט מיט אַ וואָרט, האָט ער געזוצט אַן ענגליש וואָרט, נישט אַלע־מאָל דעם ריכטיקן, אָדער אַ העברעאיש וואָרט אַלעמאָל דעם ריכטיקן, און דער־עולם האָט אים אַרויסגעהאָלפן, און עס איז געווען פריילעך.

אַ צוויי שעה האָט זיך געצויגן דער וועג דורך אַלטע ישובים, און אַלע מאָל

האָבן מיר געהערט דעם זעלביקן שפּרוך: „דאָ איז געװען אַן אַראַבישער ישוב. ס'איז געװען אַ סכנה דורכצופאָרן פאַר דער מלחמה. אין דעם און אין דעם יאָר זענען געהרגעט געװאָרן אַזױפיל און אַזױפיל. אין דער צײַט פון דער מלחמה זענען אױף דעם אָרט געפאַלן אונדזערע בחורים אין די צענדליקער". מיר זענען געקומען צו אַ שײד־װעג. בײדע אױטאָבוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַלע זענען אַרױס אױפן פרײַען פעלד. דער הױפּט װעגװײַזער האָט אַ פײַף געטון אױף זײַן פײַפל. עס איז געװאָרן שטיל, און ער האָט אָנגעהױבן רײדן, פאַרשטײט זיך אױף ייִדיש, כדי אַלע זאָלן פאַרשטײן:

— קוקט זיך צו צום װעג. דאָ האָבן זיך אונדזערע קעמפער אײַנגעגראָבן װי פעלד־מײַז. דעם װעג האָט מען געמוזט האַלטן און נישט דורכלאָזן די מיצרים. אונדזערע בחורים האָבן נישט געהאַט קײן אַנטי־טאַנק ביקסן, נישט קײן מאַ־שין־געװער, בלױז האַנט־גראַנאַטן און מאָלאָטאָװ־פלעשלעך. די מיצרים האָבן זיך נישט דורכגעריסן.

— און זעט און קוקט (זײַן לשון) — דער װעג איז נאָך באַרימט פון גאָר פאַרצײַטנס. דער װעג איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ צװײ שטעט: עפרה און שפיר (אפרא און שאַפיר). אין מיכה, קאַפּיטל אײנס, פּסוקים י' און י"א, שטײט:

— אין גת זאָלט איר נישט דערצײלן, װײנען זאָלט איר נישט װײנען. אין די הײַזער פון עפרה קײקלט זיך אין שטױב. גײ דיר אַװעק (אין גלות), דו אײַנ־װױנערין פון שפיר.

— אין חזקיהוס צײַטן איז סנחריב אָנגעקומען מיט דעם װעג. ער איז גע־גאַנגען אױף ירושלים. נישט װײַט דערבײַ זענען די פּלישתימשע שטעט: גת, אשקלון. איר פילט, אַז דאָ איז קיל, אַפילו אין דער היץ פון טאָג, װײַל דאָ איז אַ שטענדיק װינטל. עס בלאָזט פון מיטללענדישן ים. איר געדענקט װי ישעיה מאָלט דעם שנעלן גאַנג פון די אשורישע חילות?

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ ייִד אין די הױכע זעכציקער. זײַן קאָפּ, באָרד און װאָנצעס זענען געװען אָפּגעגאָלט. קײן ברעמען און װיעם האָט ער אױך נישט געהאַט. זײַנע אױגן זענען געװען גרױסע און האָבן אַרױסגעשפּאַרט פון די לע־בער. ער האָט גערעדט צו זײַן װײַב אױף אַ משונהדיקן זשאַרגאָן:

— װאָס האַקט ער אַ טשײַניק? „הו איז אינטערעסטעד אין די בײַבל"? (װער אינטערעסירט זיך מיט דער ביבל?) דאָס זענען דאָך „פּוליש סטאָריס" (נאַרישע מעשות), „שאו מי לעבן, איצטיקן פּאַלעסטײַן". װאָס מײנט ער: „װי אַר עי בײַבל־קלעס"? (מיר זענען אין אַ ביבל־קלאַס?)

איך בין אַװעק אין אַ זײַט, דערװײַטערט זיך פון דעם עולם און באַקוקט דאָס פעלד. װי װײַט דאָס אױג האָט געקענט זען — פלאַך לאַנד. קײן בײמעלע,

קיין קוסט, קיין בערגל. דאָ און דאָרט אַ פֿריש פֿאַרשאָטענער גראָבן און אַ פֿאַר־בליבענע רעד אַריינגעשטעקט ווי אַ שטאַנג אין דער ערד מיט אַ דראָט פֿון אויבן, וואָס וויגט זיך אין ווינט. איך האָב אויף אַ רגע פֿאַרמאַכט די אויגן. איך האָב געזען: יידישע בחורים ליגן אין די גראָבנס און וואַרטן אויף די אַרמייען, וואָס דאַרפֿן אָנקומען פֿון האָריזאָנט. מיטאַמאָל הער איך אַ טופּען פֿון פֿערד, אַ קלאַפּן פֿון רייטוועגנער. אויסגעשרייען הער איך: די פּיילנשיסערס פֿון סנחריב זענען אָנגעקומען. און איבער אַלץ הער איך קלאָר אַ שטים:

„ער איז געקומען אין ענת,
ער איז דורכגעגאַנגען מגרון,
אין מכמש האָט ער איבערגעלאָזן זיין געפּעק.
זיי זענען אַריבער דעם באַרג־שטעג,
אין גבע האָבן זיי גענעכטיקט,
רמה האָט געציטערט...
ער פּאַכעט מיט זיין האַנט קעגן ציון,
קעגן דעם הויכן אָרט — ירושלים".

ווער האָט עס גערעדט? האָב איך געהערט אַן אַלטע שטים, וואָס דער אָפּ־הילך אירער איז געבליבן אין אָט דער דורכזיכטיקער לופֿט פֿון דעם פֿאַרוואַר־לאָזטן פֿעלד? אָדער האָט עס דער וועגווייזער אזוי שיין און קלאָר ציטירט ישעיהן?

דער אָנפֿירער האָט געפּייפֿט איינגעשפּאַרט אויף זיין פּייפֿל. קאָנטיק איך בין צו ווייט פֿאַרקראָכן אינעם פֿעלד און ס'איז צייט אַריין אין די אויטאָבוסן. לעבן מיר איז ווידער געשטאַנען דער ייד מיטן נאַקעטן קאָפּ און גערעדט צו זיין ווייב:

— וואָס באַלעבעשעט ער? פּעסט! אפשר וועלן מיר באַלד קומען צו אַ קיר־בוץ און מיר וועלן קריגן אַ „קאַלד דרינק אָף וואַטער"? (אַ קאַלטן טרינק וואַ־סער) עס הונגערט מיך. האָסט עפּעס געבראַכט גוטע סאַנדוויטשן פֿון דעם האָטעל?

מיר זענען געפֿאָרן ווייטער. דער נגב האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן פֿאַר אונדז. פֿאַר מיילן ווייט האָבן אַרבעטער געאַרבעט ביי די זייטן פֿון וועג — געלייגט וואַסער־רערן. איך ווייס נישט פֿון וואַנען מ'ציט די רערן און וווּ־הין מ'ציט זיי, אָבער דער פֿאַרמעסט איז אַ גרויסער.

דער נגב זעט אויס גאָר אַנדערש ווי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. איך האָב געמיינט, אַז דער נגב איז אַ מדבר: זאַמד און הימל. אָבער דער נגב ביז

באר־שבע (ווייטער האָט מען אונדז נישט געפירט) איז באַדעקט מיט הויכע גראָזן. די גראָזן זענען פאַרטריקנט פון דער זון, אָבער ס׳איז פאָרט נישט זאַמד אזן הימל. דאָ און דאָרטן גרינט אפילו דאָס גראָז. נישט זעלטן זעט מען אין מיטן פאַרברענטן גראָז ווי עס שטייט אַ גרינער פאַרצווייגטער בוים. דער וועג־ווייזער האָט אונדז דערקלערט:

— אָט דעם גרינעם בוים רופט מען „אשל", ווי עס שטייט געשריבן אין חומש: „און אברהם האָט פאַרפלאַנצט אַ טאַמאַריסקנבוים — אַן אשל — אין באר־שבע". דאָרטן שטייט ער ביזן היינטיקן טאָג און איך וועל אייך פירן צו אים. אָבער דערווייל זעט ווי מאָדנע דער בוים וואַקסט: נישט איבעריק הויך, אָבער זייער פאַרצווייגט אין דער ברייט. און געדענקט: וווּ אַן אשל שטייט דאָרט איז דאָ וואַסער.

לעבן מיר איז געזעסן אַ ייד פון ברוקלין, פון אונדזערע יידן. ער האָט זיך אַ קער געטון צו מיר:

— מאָדנע, מאָדנע, מיר פאָרן אויף בלעטלעך חומש און נביאים.

ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ פּאַפּיראָס. ווי עס זעט אויס, האָט ער מיך ערשט גוט אָנגעקוקט. ער האָט מיך דערקענט און געזאָגט:

— אַן איינפאַל, איר זייט דאָ מיט אונדז אין אויטאָבוס, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט. ס׳איז גוט וואָס איך האָב אייך דאָ באַגעגנט. אפשר וועט איר מיר קענען אויפקלערן עטלעכע זאַכן דאָ אין לאַנד?

איך האָב אים געענטפערט:

— איך בין דאָ ערשט די צווייטע וואָך. וואָס קען איך וויסן בעסער פון אייך?

— דאָ גייט נישט אין צייט. איר פאַרשטייט זאַכן בעסער פון מיר. איך בין דריי וואָכן אין לאַנד. ווי איר זעט מיך, פאָר איך אַרום. איך נעם אַזעלכע „טיולים" וווהין מ׳פירט מיך אַרום. דעם אמת וועל איך אייך זאָגן: דאָס לאַנד איז וווּנדערבאַר. קליין אָבער שיין. אונדזערע יידן וועלן מאַכן אַ לייט פון דעם; אָבער איבערהויפּט איז מיר מאָדנע, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אין איין איינרעדן אונדז, אַז ס׳איז נישטאָ וווהין זיך אַהינצוטון. ס׳איז אַ ליגן. וווהין איך פאָר, זע איך אַלץ פּוסטע פעלדער און וויסטע בערג. דאָס לאַנד איז דאָך פּוסט! אונדזערע יידן, וואָס האָבן אויפגעבויט בראָנקס, בראַנזוויל, באַרא־פּאַרק, איסט־פלאַטבוש, פלאַטבוש און קווינס וועלן זיך אַ נעם טון צו ישראל, וועט דאָס לאַנד אויפגעבויט ווערן און אויפגעלעבט ווערן.

— נו, איז דאָך גוט. איז וואָס קוועטשט אייך אונטערן לעפעלע?

— יאָ, דאָס איז גוט. די ערשטע פּאָר טעג האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דאָ פאַרברענגען אַ דריי חדשים. איך בין דאָ בלויז דריי וואָכן, און איך פאָר צוריק.

— פאַרוואָס?

— איך שעם זיך אייך צו זאָגן. איך, אַ ציוניסט, פיל זיך דאָ ווי אַ פרעמ־דער. איך בין נאָך גאָר נישט אַזאַ אַלטער ייד. איך האָב ליב צו גיין אויף אסיפות, צו אַלערליי פייערונגען, אין טעאַטער, צו קאָנצערטן. דאָ בין איך אַ שטומער. אין גאַס, אין אויטאָבוס, אין האָטעל, אפילו אין פּאָסט־ביוראָ וועט מען צו אייך טאָקע רעדן יידיש, אָבער צו וועלכער ס׳איז אסיפה, פאַרשטעלונג — אַלץ עברית. און איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. איך האָב דאָ נישט אפילו קיין יידישע צייטונג. יאָ, אַן ענגלישע צייטונג דרוקן זיי, אָבער איך בין נישט אַזאַ קענער פון ענגליש. איך וויל אַ יידישע צייטונג.

— וואָסי, איר זייט אַ יידישיסט? — האָב איך אים געפרעגט.

— חלילה, קיינמאָל נישט געווען. אָבער זיין אין יידן־לאַנד און זען אויף די „סטענדס״ צייטונגען אויף אַלערליי לשונות: ענגליש, דייטש, פּויליש, רו־מעניש, און אויף יידיש נישט — איז מיר פריקרע. פאַרשטייט מיך אַקוראַט: איך זאָג נישט, אַז מ׳זאָל דאָ מאַכן אוים העברעאיש. אָבער לאָזט יידיש. אפילו זייער העברעאיש איז מיר עפּעס פריקרע. איך קאָן אַ פּרשה חומש, אפילו אַ שטיקל רש״י, אָבער עס האָט גאָר נישט וואָס צו טון מיט דעם לשון, וואָס זיי רעדן. פון „אברהם״ איז געוואָרן „אווראהאם״, פון „שרה״ איז געוואָרן „סאַ־ראַ״. ס׳איז עפּעס גאָר אַ מין אַראַביש.

— נו, דאָס איז שוין אַן אַלטע זאַך — האָב איך געענטפערט.

— איר ווייסט דאָך דעם וויץ — האָט דער ייד געשמייכלט — איך האָב עס ערשט אויסגעפונען. איך האָב געהערט און געוווסט, אַז מ׳רעדט דאָ העב־רעאיש, אָבער איך בין דאָ אין לאַנד צום ערשטן מאָל. איז זאָגט מיר: עס זע־נען דאָך נאָך דאָ אַזויפיל יידן, וואָס רעדן יידיש, פאַרוואָס פאַרזאָרגט מען זיי נישט מיט קיין צייטונג און פאַרווײַלונג?

איך האָב זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן מיט אים אין קיין וויכוח, און איך האָב געענטפערט:

איך בין דאָ ערשט צוויי וואָכן, קאָן איך נישט זאָגן קיין מיינונג. חוץ דעם, בין איך אַ יידישיסט און בין פּסול ווי אַן עדות.

— איר דרייט זיך אַרויס — האָט דער ייד געזאָגט.

— אפשר — האָב איך געענטפערט.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער וועגווייזער האָט אויסגערופן:

— מיר זענען אין „נגבה"! מיר בלייבן דאָ אויף אַ האַלבער שעה!

נגבה. וועגן דעם קיבוץ האָט מען געשריבן און געשריבן. אַנטקעגן דעם קיבוץ איז געווען אַ פעסטונג. פון אָט דער פעסטונג האָט מען געקענט זען דעם קיבוץ, ווי אויסגעלייגט אויף אַ טעלער. די מיצרים האָבן באַשאָסן דעם קיבוץ טאָג און נאַכט. דאָך האָט נגבה זיך נישט אונטערגעגעבן. די קיבוצניקעס האָבן אָפּגעשטעלט די מיצרישע אַרמיי. דער וועג קיין תל-אביב איז געבליבן פאַר־שטעלט.

די העראָאישקייט און העלדישקייט פון נגבה איז באַשריבן געוואָרן פון פובליציסטן און דערציילער, און באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן. נגבה איז גע־וואָרן דער סימבאָל פון לעצטער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער טיול האָט אַריינגענומען אַ באַזוך אין נגבה.

אַלע מיטפאָרערס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם וועגווייזער. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— אונדזער נהג (שאָפער) האָט גאַנץ אָפט געבראַכט אַהער אַמוניציע און שפּייז. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אייך דערציילן וועגן די אויפטו־אונגען פון די העלדן פון נגבה. אָבער איך זע, אַז מאָטל גייט אַהער. ער איז דער בעקער פון קיבוץ. ער איז געווען דער מפקד, דער קאָמאַנדיר. אפשר וועט ער אייך דערציילן וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון.

דער מנהיג האָט אַ רוף געטון:

— מאָטל, קום נאָר אַהער. אפשר וועסטו דערציילן מיינע אַמעריקאַנער וועגן נגבה. אָבער דו וועסט דאַרפן רעדן יידיש. העבער העלפט פון זיי פאַר־שטייען נישט קיין עברית.

— נו, יידיש איז יידיש. איך האָב נאָך נישט פאַרגעסן מיין בעסאַראַבער יידיש — האָט מאָטל געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ בערגל זאַמד, וואָס איז געווען לעבן אַן אויסגעגראָבענער טראַנשיי, און האָט אָנגע־הויבן רעדן.

איך בין אַוועק באַקוקן דעם ישוב. וועגן די העלדישקייטן פון נגבה האָב איך זיך געגנוג אָנגעלייענט. איך האָב אין דער האַלבער שעה בעסער געוואָלט זיך באַקענען מיט די מענטשן און רעדן מיט זיי.

דער וואַסער־טורעם איז געשטאַנען, אָבער איינגאַנצן אַ צעשאָסענער, דורכ־געלעכערט ווי אַ זיפּ. עס זענען געווען דאָרטן לעכער, וואָס מען האָט גע־קאָנט דורך זיי דורכשפּאַרן דעם קאָפּ. אונטן איז דער וואַסער-טויער געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ געלן ברעזענט. איך בין אַריין אין דעם געצעלט.

אַרום דעם וואַסער־טויער איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מין ערד־וואַל, די

הייך ביז א מענטשנס גארטל. דאָס זאַמד איז אויפגעהאַלטן מיט א הילצערנעם צאָם. א בחורל, בלוט און מילך, איז געשטאַנען און געאַרבעט. ער האָט געאַרבעט אויף א דיאַגראַמע מיט פיגורן, ווי דער קיבוץ האָט אויסגעזען פאַר דער מלחמה. אַרבעטן האָט ער געאַרבעט מיט פרימיטיווער געצייג: א גאָל־מעסערל, א קעשענע־מעסערל, א לעפל אויפצוגראָבן דאָס זאַמד און א קעסטעלע פאַרב. די פיגורן פון שטאָלן, הייזער, קי, פעלדער זענען געלעגן אָנגעלייגט אין א קעסטל, וואָס מ'פּאַקט אין דעם ציטרוס־פרוכט. ער האָט געמאָסטן, גערעכנט און אויסגעשטעלט איין „געביידע" נאָך דער אַנדערער אויף דעם ערד־וואַל.

איך האָב מיט אים פאַרפירט א געשפּרעך:

— יאָ, ער איז דאָ געווען די גאַנצע צייט פון דער באַלאַגערונג. א וואונדער וואָס מען האָט אויסגעהאַלטן? נו, מען האָט געמוזט אויסהאַלטן, אַניט זענען מיר געווען גרייט דאָ צו פאַלן און צעפּערטלט ווערן פון די פּראַים. קיין שפּילעכל איז עס נישט געווען. קיין זיכערקייט, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן, איז נישט געווען. צום גליק איז געקומען דער ערשטער וואָפן־שטילשטאַנד. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט. דער צווייטער וואָפן־שטילשטאַנד האָט געראַטעוועט די אַראַבער.

— וואָס איז געבליבן פון קיבוץ? איר קאָנט עס זען אין אַן אַנדער געצעלט. איך שטעל אויף ווי דער קיבוץ האָט אויסגעזען פאַר דער מלחמה. נאָך צוויי אויסשטעלונגען זענען פאַראַן אין אַנדערע געצעלטן: ווי עס זעט אויס דער קיבוץ נאָכן חורבן און ווי ער וועט אויסזען נאָך דעם ווי מיר וועלן אים איבערבויען. בלויז דער צעשאָסענער וואַסער־טויער וועט בלייבן אויף זיין אָרט פאַר אַן אָנדענק לדורות.

— עס איז פאַראַן אַרבעט איבערן קאָפּ. אוודאי וואָלט געווען גוט ווען מיר קריגן אַריין א דריי הונדערט נייע עולים: אָבער זיי קומען נישט. זיי ווילן זיך נישט באַזעצן אויף א קיבוץ, און נאָך אויף א קיבוץ אַזוי ווייט פון שטאָט. איז אונדז נישט גוט. מיר דאַרפן דינגען טאָג־אַרבעטער. דאָס טויג נישט.

— ניין, די קינדער זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. ס'איז נישטאָ וווּ זיי צו האַלטן. אָבער אין א פּאָר חדשים אַרום וועלן די בנינים זיין פאַרטיק. מיר האָבן געקראָגן אַן הלוואה.

צוליב וואָס א הלוואה? זעט דאָך, דער קיבוץ איז כמעט אין גאַנצן צעשטערט. איבערבויען קאָסט א מטמון מיט געלט. מיר האָבן דאָ געהאַט געגונגעהויבענע געסט, אפילו אייער מאָרגנטוי און פּריש זענען דאָ געווען. אַלע האָבן געזען דעם חורבן און באַוווּנדערט אונדזער העלדישקייט, און אונדז צוגעזאָגט הרים וגבעות. איר האָט עפּעס געזען? מיר נים. נו, האָבן מיר געקראָגן א הלוואה.

— זאָגט זשע מיר, יונגערמאַן, — האָב איך געפרעגט — די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. איר דאַרפט דינגען לוין-אַרבעטער, און דאָ גרייט איר צו אַן אויסשטעלונג, וואָס שלינגט איין אַזוי פיל אַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר האָבן אַ שמחה, איר האָט איינגעלאַדן מענטשן פון גאַנצן לאַנד. דאָס קאָסט דאָך געלט. ווו איז דער שכל?

— וואָס מיינט איר? — האָט דער בחור געענטפערט — מיר זענען ראָ־באָטן? נאָר שלאָגן זיך און אַרבעטן? אַביסל קולטור איז אויך אַ נויטווענדי־קייט.

דער וועגווייזער האָט געפייפט. איך בין אַרויס פון געצעלט. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

מיר זענען אָנגעקומען, קיין באר־שבע. אַ שיינע שטאָט. ווייניק חורבות. דער גרויסער מעטשעט נישט באַרירט. לעבן מעטשעט אַ פיינער, גרויסער רעס־טאָראַן פול מיט מיליטערלייט.

באַלד ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן האָט אונדז דער וועגווייזער גענומען ווייזן די שטאָט. פריער האָט ער אונדז געפירט זען אברהמס ברונעם, וואָס אברהם האָט געגראָבן און די קנעכט פון אבימלכן האָבן אַוועקגעגזלט. איבערן ברונעם איז אויפגעבויט אַ דאַך, אָדער אַ מין געצעלט פון שווערע שטיינער. אויבן אין דעכל איז דאָ אַ לאָך, פון וואַנען מען קאָן זען דאָס וואַסער אין ברונעם. אַ ראָד מיט אַ לאַנגער קייט, צו וועלכער עס זענען צוגעלייגט אייזערנע עמערלעך, איז גלייך איבער דער עפענונג. אַזוי שעפּט מען דאָרטן וואַסער.

די טוריסטן האָבן זיך אַ לאָז געטון, אַרויפגעקלעטערט אויפן דעכל, נאָך העכער אויפן דערבייאיקן שטיינערנעם בויגן. די ווייבער האָבן געקוויטשעט. די קינדער האָבן געשריגן און די מענער האָבן גענומען פאָטאָגראַפיעס.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט פון אַ האַלב איינגעפאַלע־נעם הויז, אַביסל ווייטלעך פון דעם ברונעם, און געקוקט אויף די טומלענדיקע טוריסטן, און בשום אופן האָב איך זיי נישט געקאָנט פאַרבינדן מיט אברהם אבינון. וויפיל איך האָב זיך נישט געמאַטערט, האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די מענער און פרויען וואָס זעען אויס ווי אַלע אַנדערע אַמערי־קאַנער זענען אור־אור־אור־אייניקלעך פון אברהם אבינון, וואָס האָט גע־גראָבן דעם ברונעם אין באר־שבע.

דער וועגווייזער האָט אַ פייף געטון: ער נעמט מיט אַלעמען צו זען דעם שענסטן בנין פון באר־שבע. די יידישע אַרמיי האָט אים איבערגענומען. פריער איז דאָרטן געווען אַ געריכט, נאָך פריער — אַ פּענסיאָן פאַר די מיידלעך פון די געהויבענע אַראַבער. איצט איז דאָס הויז אַן אָפּרו־קלוב פאַר די סאָלדאַטן. עס וועט דאָרטן זיין וואָס צו זען.

איך בין געבליבן אליין. איך האָב געקוקט און געקוקט אויפן ברונעם. א דאמף האָט זיך געהויבן פון דעם וואסער. די שטילקייט האָט אזש געטומלט אין די אויערן. די ליכטיקייט פון דער זון איז געווען אזוי העל, אז מען האָט זי געקאָנט אָנטאָפּן. צו מיין רעכטער האנט איז געשטאנען א שילד: „ווײַטער גיין אין נגב איז פארבאָטן”.

איך בין געשטאנען און געקוקט אויף דעם ברונעם, אויף דעם דאמף און אויף דער ליכטיקייט. מיטאמאָל האָב איך דערהערט קולות. קולות לאנג-פאר־געסענע. מיין מלמד, שלום „דאָס קרומע הענטל” לערנט מיט אונדז חומש:

— ויהי בעת ההיא — און עס איז געווען אין יענער צייט, ויאמר אבימלך ופיכל שר צבאו אל אברהם לאמר — האָט אבימלך און פיכל, זיין פעלדמאר־שאל, געזאָגט צו אברהמען אזוי צו זאָגן: אלהים עמך בכל אשר אתה עושה — גאָט איז מיט דיר אין אלץ, וואָס דו טוסט.

און אָט איז פארשוואונדן דער שטיינערנער אוהל איבערן ברונעם. בלויז א ראנד פון פיר-קאנטיקע שטיינער איז געבליבן. אברהם און אבימלך און פיכל זענען אָנגעקומען. אבימלך, א הויכער, א דארער, א שווארצער אראבישער שייך. לעבן אים פיכל, דער פעלדמארשאל, א קורצער, א גראָבער, מיט קלוגינקע איי־געלעך. קנעכט און זיבן געבונדענע שעפסן. נישט ווייט איז דער אשל פון אב־רהמען.

— ווי קומען זיי צוזאמען? — טראכט איך — דער אשל איז דאָך גע־פלאנצט געוואָרן שפּעטער.

אָבער אָט שטייט אברהם אליין און איך פרעג אים:

— טאטע אברהם, האָסטו גאָר נישט געבענקט נאָך חרון, און דער טאטע דיינער — נאָך אור־כשדים? ברידער און שוועסטער זענען דאָרטן געבליבן. אויך דאָרטן זענעןביימער געווען פארפלאנצט. און דאָ האָסטו מיט אבימלכן זיך געדארפט קריגן און קעמפן מיט מלכים. דו האָסט דאָך דאָרטן אויך דער־קענט גאָט?! טאטע אברהם, דאָרטן היים און דאָ היים. ווי אזוי?

אברהם האָט נישט געענטפערט. אַן אנדער קול האָט מיך אויפגעוועקט:

— שלום! וואָס שטייט איר דאָ איינער אליין. זיי אלע קלייבן זיך דאָך שוין אָפּצופאָרן.

איך טו א קוק: א מעם-צאדיק (משטרה צבאות — מיליטערישער פאָלי־ציימאן) שטייט לעבן מיר און שמייכלט.

— איר רעדט גאָר יידיש? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין א קנאפער קענער פון עברית. איך בין ערשט צוויי יאָר אין לאנד.

— ווי אזוי זענט איר געוואָרן א פּאָליציימאַן?

— די ארמיי פרעגט נישט.

— וואָס היט איר?

— איר זעט נישט? ווייטער פון שילד טאָר מען נישט גיין.

איך האָב געפילט, אז עס שווינדלט מיר אין די אויגן — הפנים די היץ. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן. ער האָט מיר געבראַכט א קאַלטן טרונק וואַסער. דערנאָך האָבן מיר זיך פונאנדערגערעדט. אן אַלטע מעשה. ער איז געבליבן אַליין, איינער פון א גאַנצער משפּחה.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און געהערט. באַלד האָט זיך אריינגעמישט נאָך א שטים. אברהם אבינו האָט מיר געגעבן דעם פּערספּעקטיקטן ענטפער:

— וואָלטן די אבימלכס דאָ געבליבן, ווו וואָלט ער זיך אהינגעטון? קשיות פרעגן איז ווייניק, אַמאָל מוז מען אויך געפינען א תירוץ.

דער יונגערמאַן האָט מיך צוגעפירט צום אויטאָבוס. מען האָט געוואַרט אויף מיר. אין פינף מינוטן אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט פאָרן צוריק קיין תל־אביב.

צוריקוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין עטלעכע קיבוצים. מיר האָבן באַזוכט יד מרדכי, וואָס איז געוואָרן פאַרנומען פון די עגיפּטער. מיר האָבן געזען דעם ברודער קבר פון די געפאַלענע. אונדזערע טוריסטן האָבן זיך פאָטאָגראַפירט לעבן קבר. אביסל שפּעטער האָבן אַלע זיך א לאָז געטון אונטן אין טאָל, ווו דער נייער עס־צימער געפינט זיך. מען האָט געהאַלטן אין מיטן עסן, און אונדזערע טוריסטן זענען אריין מיט א טומל, קרוב צו זיבעציק מענטשן. א קיבוצניק האָט פאַרלוירן זיין געדולד און געפרעגט:

— ביי אייך אין אַמעריקע לאָזט מען זיך אריין צו יענעם אין הויז אין מיטן עסן?

נישט אַלע זענען באַלד אַרויס.

א שעה שפּעטער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אן אנדערן קיבוץ, א יונגער קיבוץ: ניר עם. צענדליקער בחורים און מיידלעך. די בחורים אין יאַר־מעלקעס. די מיידלעך אָנגעטון ווי אין אַלע קיבוצים.

די יונגע חברה האָט אונדז סערווירט טיי. מיר האָט זיך נישט אויסגע־לייגט אין קאָפּ, פאַרוואָס זיי סערווירן מיט אַזאַ חשק הייסע טיי צו זיבעציק פרעמדע מענטשן. זיי אַנטשולדיקן זיך נאָך פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין צו־בייסן.

איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ צו טרינקען די דערלאַנגטע טיי. איך

בין געזעסן אין א ווינקל און האָב זיך פונאנדערגערעדט מיט א בחור. ער האָט מיר דערציילט פון דער מלחמה־צייט, און ווי זיי זענען אהער אָנגעקומען צו פארנעמען דעם וויסטן באָדן. יאָ, חוץ ארבעטן האָבן זיי א חברה משניות, א חברה ש״ס, די מיידלעך לערנען אויך, מ׳דאַוונט דריי מאָל א טאָג, די מיידלעך זיצן ביים דאַוונען אויף דער לינקער זייט. די בחורים — אויף די בענק אויף דער רעכטער זייט. שידוכים ווערן געשלאָסן. זיי האָפן צו האָבן א געמישטע ווירטשאפט. דערווייל איז שווער. איבערהויפט פאַלט שווער, וואָס ס׳איז אזוי ווייט פון א ישוב. מען איז צופרידן ווען ס׳ווייזט זיך א פרעמדער מענטש.

און אין נאָך קיבוצים האָבן מיר זיך אָפגעשטעלט, אָבער קיבוצים וועל איך באַשרייבן שפעטער.

מיר זענען געפאָרן צוריק קיין תל־אביב. דער עולם איז געווען מיד. מ׳איז אָבער נישט איינגעזעסן שטיל. מיר זענען פארבייגעפאָרן א שטאָט. א מעם־צאַדיק האָט אונדז אָפגעשטעלט: „דאָ איז די אַראבישע געטאָ״. ניין, נישט קיין אָפגעצאַמטע, אָבער דאָך האָט מען געדאַרפט עפענען א טויער אונדז דורכצולאָזן. די גאַס האָט געקישעט פון אַראַבער: פרויען, מענער, אַלטע לייט און קינדער. זיי האָבן נישט געקוקט אויף אונדז. עטלעכע יונגע בחורים זענען געזעסן אויפן טראָטואר און געריבערט טראַציק.

אונדזערע טוריסטן זענען אַביסל צעטומלט געוואָרן. אייניקע האָבן גערעדט שטיל: „פע, דאָס איז נישט שיין״. אַנדערע האָבן געענטפערט: „נו, ס׳איז דאָך נאָך מלחמה־צייט. וואָס זאָל מען טון? מ׳קאָן זיי דאָך נישט לאָזן פראַנק און פריי. וואָסי, ס׳איז פאַרצאַמט, נאָר סאָלדאַטן היטן״. געווען אָבער צווישן אונדז אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגערופן מיט פרייד: „דאַנקען גאָט, זיך דערלעבט! נישט זיי אונדז פאַרצאַמען, נאָר מיר פאַרשפאַרן זיי״

מיר זענען צוגעפאָרן צום אַרויסגאַנג, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט פעסער. די זעלנער האָבן אונדז דורכגעלאָזן און געפאָכעט צו אונדז מיט די הענט. דער אויטאָבוס איז געגאַנגען פאַמעלעך. עטלעכע יידן האָבן אויסגערופן:

— היט זיי גוט! היט זיי!

מיר זענען אָנגעקומען קיין תל־אביב האַלב נאָך ניין אין אָוונט. מיר האָבן פאַרשפעטיקט דעם לעצטן אויטאָבוס, וואָס גייט קיין רעננה. איך בין אַוועק זוכן א טאַקסי. די שטאָט, א באַלויכטענע, האָט גערוישט און געטומלט. קינדער האָב געהאַט א פעולה אין נאָענטסטן פאַרק. קאָנטיק, דער „נוער עובד״, זוויל איך האָב געזען אַ מדריך (אָנפירער), וואָס האָט אָנגעפירט דאָס זינגען און טאַנצן. איך האָב זיך אָפגעשטעלט צו הערן וואָס זיי זינגען. זיי האָבן געזונגען דאָס שלום־ליד, מולדת:

„מוטער־לאַנד, מוטער־לאַנד. מירן דיך בויען.
מוטער־לאַנד, ס'איז אונדזער לאַנד...
מיר בויען דיך, מוטער־לאַנד,
דאָס איז דער געבאָט פון אונדזער בלוט,
דער געבאָט פון דורות.
אַ סוף צו פאַרשאָלטענער קנעכטשאַפט!
דער אָפּגלאַנץ פון אַ ליכטיקער האָפענונג
שטורעמט אויף אונדזערע בלוטן...

די קינדער האָבן געענדיקט און זיך צעשאָטן מיט פרייד. דער אָנפירער האָט אָנגעהויבן אונטערצואיילן די, וואָס זענען נאָך געבליבן שטיין אין רעד־לעך:

— צייט אַהיימגיין!

איך האָב געפונען אַ טאַקסי. מיין פרוי האָט געפרעגט מיט פאַרדרוס:

— וואָס האָט עס דיר גענומען אַזוי לאַנג?

איך בין געווען מיד, זייער מיד פון דעם פאָרן. פון אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט. די משפחה איז אַריין אין טאַקסי. איך האָב זיך אָוועקגע־זעצט לעבן שאָפער און פאַרמאַכט די אויגן. די מאַשין האָט זיך גענומען טראָגן. דער שאָפער האָט געברומט די מעלאָדיע פון דעם לידל, וואָס די קינדער האָבן געזונגען.

## קאַפּיטל זעקס

# ירושלים

פאַראַן ווערטער אין יעדער שפּראַך, וואָס זענען אַלע מאָל אָנגעלאָדן מיט עמאָציעס און בילדלעכקייט; ווערטער, וואָס ווערן קיינמאָל נישט אָפּגענוצט; ווערטער, וואָס ווערן נישט שאַבלאָן. אין יידיש איז „ירושלים" אַזאַ וואָרט.

יעדעס יידיש קינד, וואָס האָט זיך געוויקסט אין תורה, געלערנט אין ישיבה, אָדער אפילו געגאַנגען בלויז אין חדר, קען ירושלים. יעדער יידישער מענטש האָט אַ פאַראויסגעשטעלט בילד ביי זיך וועגן דער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בילד איז געשאַפן געוואָרן ביי אים פון פסוקים, מאמרים פון תל־מוד און מדרש, אָפּגעריסענע שילדערונגען פון פאָלקס־מעשות — אַ געמיש פון רעאַליטעט און פאַנטאַזיע פון ווייטן עבר און רעאַלן היינט.

מיר זענען געפאָרן באַזוכן ירושלים. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין תל־אביב אויף דער צענטראַלער אויטאָבוס־סטאַנציע, און איך האָב דערזען אָנגע־קלאַפּט דאָס שילדל „ירושלים" האָט מיר אַ צופּ געטון ביים הארצן. ווען דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען מיטן וואָרט „ירושלים" אין פענצטערל, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אילוסטראַציע צו אַ מעשה. אפילו ווען איך בין געזעסן אין אויטאָבוס, האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיין פאַ־מיליע און איך פאָרן קיין ירושלים:

— דאָס שרייב איך אַ מעשה פאַר קינדער — האָב איך געטראַכט — אַ מעשה וועגן יידן, וואָס פאָרן קיין ירושלים.

דער אויטאָבוס פאָרט אויפן וועג קיין ירושלים. דאָס לאַנד אַרום איז וויסט, פאַרוואַקסן מיט פאַרטריקנטע גראָזן און דערנער. עס שטימט מיט מיין

פאַרשטעלונג, וואָס איז אויסגעלייגט ביי מיר אין קאָפּ: ירושלים און פאַרוויסטונג. אַן אָפּגעבראָכענער זאַץ קריכט מיר אין גדאַנק און איך קאָן פון אים נישט פּטור ווערן:

„יעדע שטאָט שטייט אויף איר אָרט, און ירושלים איז וויסט".

לעבן מיר זיצט אַ סאָלדאַט. איידער איך האָב זיך אַרומגעזען, האָט ער צו מיר גערעדט ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און ווי אַלע יידן אין לאַנד איז ער נאָך נישט געקומען צו זיך פון דעם גרויסן נצחון. יעדע פינף־צען מינוט ווייזט ער מיר אָן מיטן פינגער:

— איר זעט, דאָ האָט מען נישט געקאָנט דורכפאָרן: די ימח־שמוניקעס זענען דאָ געווען די באַלעבאַטים. איצט אָבער קאָן דער שאָפער נישט נאָר פאָרן, נאָר אפילו פייפן אויף זיין „פייפער" וויפיל ער וויל. ער האָט קיין מורא נישט טאָמער וועט ער אויפוועקן ערגעץ אַ באַהאַלטענעם אַראַבער, וואָס לויערט מיט אַן אַנגעלאָדענער ביקס. מיר דערנענטערן זיך צו ירושלים, איך האָב, דאַכט זיך, געוווסט פון דער גרויזאַמער באַלאַגערונג און וועגן דעם מסירת־נפש פון די פירער פון די טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך אַ האָגל פון קוילן אין פייער, וואָס די אַראַבער האָבן אַראָפּגעלאָזט אויף זיי פון די בערג. דאָך איז מיר געוואָרן זייער אומהיימלעך פון די בילדער, וואָס איך האָב געזען, און פון די רייד פון דעם זעלנער:

— איר זעט די אַלע איבערגעקערטע לאָורים (קאַמיאָנען)? יעדע מאַשין איז געפירט געוואָרן פון מענטשן, וואָס האָבן געוווסט די גרויסע סכנה פון דעם וועג קיין ירושלים. אָבער מען האָט געמוזט ברענגען אַמוניציע און שפּייז צו די באַלאַגערטע... ליגן די אויפגעריסענע לאַסט־אויטאָס ווי עדות פון דעם, וואָס די אַראַבער האָבן געטון צו אונדז.

— די לאַסט־אויטאָמאָבילן זענען אויפגעריסן געוואָרן מיט מאַשין־געווער און אָפּט פון אונטערגעלייגטע מינעס. אויף די בערג, פון ביידע זייטן וועג, האָבן זיך די טייוואָלים באַפעסטיקט. ס'איז געווען אַ גאַנץ שווער שטיקל אַרבעט אַרויסצוטרייבן זיי פון דאָרטן. זעט, כמעט יעדע צוויי הונדערט מעטער ליגט אַ טויטער לאַסט־אויטאָמאָביל. מען האָט פריער געוואָלט זיי צונעמען פון דאַנען. זאָל דער וועג אויסקוקן שיין. אָבער דערנאָך האָט מען זיך באַטראַכט, אַז מען זאָל זיי לאָזן ליגן. זאָלן די טויטע מאַשינען בלייבן אַן אָנדענק. זאָלן מענטשן זען ווי איינגעהאַמעוועט מיר זענען געווען פון שונא. זיי וועלן דעמאָלט פאַרשטיין די גבורה פון ישוב.

מיר האָבן זיך אָפּגעקירעוועט פון דעם הויפּט־שליאַך. אַ שטיקל וועג ווערט נאָך געהאַלטן פון די אַראַבער, האָט זיך דער אויטאָבוס פאַרנומען אויף דעם

ניי־אויסגעבויטן שאָסיי. דער וועג איז געמאַכט געוואָרן אין אייַלעניש, און דאָ און דאָרט זענען פאַראַן גריבער, אַראָפּגעשווענקטער אַספאַלט. גרופּעס אַרבעטער שטייען און אַרבעטן. פון ביידע זייטן פון דעם נייעם וועג — „דער בורמאַ־וועג" — איז די לאַנדשאַפט נאָך מער פאַרלאָזן און וויסט. קיין גראָז, קיין ביימעלע. נישט ווילנדיק קומט אַ פּסוק אויף דער צונג:

— די וועגן פון ציון זענען טרויעריק אָן די וואָס גייען אויף יום־טוב. אַלע אירע טויערן זענען וויסט.

מיר גייען אַרויף צוריק אויף דעם אַלטן וועג. בערג קומען אָן אַנטקעגן און הייבן זיך העכער און העכער, ביז זיי רינגלען אונדז אַרום. פון דער גאַנצער לאַנדשאַפט שפּאַרן זיך בערג פון אַלע זייטן גלייך צום הימל. וויסט זענען די בערג — פאַרדאַרטער שטיין. דאָ און דאָרט זעט זיך אַ קוסט, אַ ביימל, און נאָך זעלטענער — אַ לאַטע גראָז. דאָס מאַכט די וויסטקייט נאָך בילטער.

אפשר דוכט זיך עס מיר, אָבער איך זע סימנים פון טעראַסן אויף די נידער פון די בערג. אין דער צייט פון פאַרן צווייטן חורבן זענען די נידערן פון די בערג געווען פרוכטבאַר. יעדער באַרג האָט געהאַט טעראַסן, און אויף זיי האָט מען געזייט און געפלאַנצט. אָבער אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן די רעגנס אַראָפּגעשווענקט דעם פרוכטבאַרן באָדן, אָפּגעוווישט די טעראַסן, און עס זענען געבליבן משופּעדיקע פעלדזיקע בערג בלויז. נאָר דאָ און דאָרטן צווישן די פעלדז־שפּאַלטן שפּראָצן גראָזן, וואַקסט אַ קאַרליק־ביימל, און אַ קוסט האַלט זיך שטייף מיט זיינע לאַנגע שפּיציקע וואָרצלען אין דעם שטיינערנעם באָדן.

עפּעס אַ פּאַרדרוס און אַ כעס נעמען מיך אַרום: די ערד זעט דאָך אויס פרוכטבאַר. לעבן דעם צופוסנס פון די בערג איז דער באָדן טונקל־רויט, ווי אַלע פרוכטבאַרע ערטער פון לאַנד. (דערפאַר איז ערד אויף העברעאיש „אדמה", „אדם" — רויט). אַז מען זייט און מען באַוואַסערט דעם באָדן, גרינט דאָס פעלד און די אַלע קרייטעכצער זענען ברייט־בלעטערדיקע און זאַפטיקע. ווו יידן האָבן פאַרפלאַנצט וואַלד, זענען די ביימער פריש און שאָטנדיק. אָבער אַזוי ווייניק איז פאַרפלאַנצט, פאַרזייט און באַוואַסערט. דער גאַנצער שטח זעט אויס פאַרטריקנט און פאַרברענט פון דער זון, וויסט און ליידיק.

מיר קומען צו צו די אַראַבישע דערפער, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן פון די יידן. די ווענט פון די בנינים, וואָס שטייען נעבן וועג, זענען פאַרשמירט מיט אויפשריפטן פון די זעלנערישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס דערפל, אָדער עס באַוואַכט. דער זעלנער, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט גע־

האלטן אין איין דערציילן די געשיכטע פון יעדער שלאכט און פון יעדן דארף, וואס איז צעשטערט געווארן, אדער געבליבן שטיין.

דער אויטאבוס גייט בארג ארויף, בארג אראפ, און הייבט אן שווער צו סאפען און צו קלאפן אזוי שטארק, אז דער זעלנער קאן שוין צו מיר נישט רעדן. עס ווערט קילער און קילער, מ'דארף אנטון רעקלעך. דער אויטאבוס קריכט ארויס פון א פארדרייטן וועג און קלעטערט ארויף אויף א פלאך שטיק לאנד. אין דער ווייטקייט זע איך אויסגעלייגט ירושלים. די שטאט זעט אויס ווי איינגעמאלט אויף א געמעל־קארטל.

א מאדערנער מענטש, וואס פארט אין אן אויטאבוס, קאן נישט צופאלן צו דער ערד און זיך פארגיין אין עקסטאז, ווען ער קומט צו צו די טויערן פון ירושלים. זיץ איך רואיק, כלומרשט, און שווייג. קוק אויף דער שטאט, וואס וויקלט זיך פונאנדער פאר מיר און געפין זיך קיין ארט נישט.

מיר פארן אריין אין ניי־ירושלים. אויבנאויפיק א שטאט ווי אלע שטעט אין ישראל. איך פיל אבער, אז זי איז עפעס אנדערש. שוין אויף דער צענטראַ־לער סטאנציע זע איך אנדערע יידן ווי אין תל־אביב. יידן מיט בערד, פאות און לאנגע קאפאטעס. יידיש ווערט דא גערעדט מער ווי עברית. עפעס קוקט אויס מיר די שטאט מער יידיש ווי תל־אביב. פארוואס ווייס איך נישט. אפשר איז עס נאר אן אויסדוכטעניש, ווייל איך האב געוווסט, אז איך בין אין ירו־שלים. דאך האב איך עס געפילט אויף יעדן שריט און טריט. דאס עסן, וואס מיר האבן גענעסן אין דעם רעסטאראן, איז געווען מער יידישלעך ווי ערגעץ אנדערש־ווו אין ישראל. דער רעסטאראטאר האט אויסגעזען נישט ווי אנדערע יידן פון זיין עלטער, אין אזא געשעפט און וואס האט געקענט וווינען אין ניו־יארק און רעדן ענגליש, אדער אין פאריז און רעדן פראנצויזיש. ניין, דער ייד איז געווען א מין המשך פון ווילנע, ווארשע און מינסק. א ייד, וואס האט געטראגן אויף זיך נישט נאר דעם יאך פון יידישקייט, נאר אויך די קלוגשאפט, דערפארונג און שטאלץ פון דורות, דורות תורה.

מיר זענען איינגעשטאנען אין גאר א פיינעם האטעל. די פרייזן זענען געווען איינגעשטעלט פון דער רעגירונג. א גרויסער פלאקאט אויף דער וואנט האט אויסגערעכנט יעדע קלייניקייט, וואס א האטעל קאן צושטעלן, און לעבן יעדן פרט פון דער רשימה איז געשטאנען דער מקח. דער האטעל איז געווען א פראכט, אבער ביים טישל, ווו מ'פארשרייבט זיך, איז געשטאנען א ייד, וואס האט גערעדט א שלעכטן ענגליש, א גוטן יידיש און העברעאיש מיט דעם קלאנג פון אונדזער לשון־קודש. דער ייד האט געהאט אין זיך עפעס ספעציפי־שעס פון דער יידישער אכסניה.

ס'איז געווען פריטיק נאָך פאַר האַלבן טאָג, און מיר האָבן זיך אַוועקגע־לאָזט באַזוכן דעם קוואַרטאַל „מאה־שערים". ס'איז נישט קיין גרויסער קוואַר־טאַל, אָבער ער איז פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט, און טאַקע מסתמא מיט הונדערט אַרײַנגאַנגען און הונדערט אַרויסגאַנגען. אין פירן זענען מיר געגאַנ־גען: מײַן פרוי, מײַן טאָכטער, אַ קרובה אונדזערע און איך. צוויי פּראַנצוי־זישע יידן זענען אַביסל שפּעטער צו אונדז צוגעשטאַנען און מיטגעגאַנגען.

די גאַסן פון נײַ־ירושלים זענען ברייט, און שיין און ריין. מיטאַמאָל זענען מיר אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס אַ מזרח־קוואַרטאַל מיט שמאָלע גאַסן, הייפן אין הייפן, הײַזער אויף הײַזער, ווערענדעס אין דער לופטן, טרעפּ, טירן און אַ גע־פּילדער, אַ טומל, אַ שלעכטער גערוך און אַ פּלאָנטער פון מענער, פרויען, קינ־דער און אייזלען.

פרויען האָבן געטראָגן בלעכן געבעקס און טעפּ געקעכץ צום בעקער. מע־נער זענען געלאָפן אין באָד אַרײַן מיט וועש אונטערן אָרעם. קרעמלעך צוויי איילן די לענג און אַ האַלבע אייל די ברייט מיט האַלב ליידיקע פּאָליצעס. פון די הײַזער האָבן זיך געטראָגן געשרייען:

— מאָטל, וווּ ביסטו? יאַנקל, פאַרוואָס גייסטו נישט מיטן טאַטן אין מרחץ אַרײַן?

אַ קראָם מיט חלות און אַנדערע געבעקס. אַ וואָלקן פון פליגן. אַ ווײַבל מיט אַ טיכל ביז איבער די אויגן איז געשטאַנען און געוווּיגן אויף דער האַנט אַ חלה. זי האָט די חלה אַוועקגעלייגט און גענומען אַן אַנדערע. אַזוי האָט זי איבערגעטאַפּט און איבערגעוווּיגן אַלע חלות אין מולטער און צוריק גענומען די ערשטע.

אַ ייד איז פון ערגעץ געגאַנגען. מיט איין האַנט האָט ער צוגעהאַלטן אַ פולע פּאָלע מיט פּרוכט, אין דער אַנדערער — אַ גרויסן קוילעטש אויף שבת, און אונטער דער פּאַכווע — אַ פלעשל ווײַן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ גרינסן־מאַרק. פליגן, אַלערליי מוקן. די פּרוכטן און גרינסן זענען געווען היפּש צוגעפוילט און געלעגן אָפּגעדעקט אין גרויסע קופּעס אויף דער ערד, אויף ווענעלעך און פּלאַטפאָרמעס.

אַ יונג פּאָרל, קאָנטיק תימנער, איז צוגעקומען און געהייסן זיך אָפּוועגן אַ קילאָ ווײַנטרויבן, צוויי קילאָס טאָמאַטן און גרינסן — נישט איבערגעקליבן, נישט אָפּגעוואָרפן אפילו די אוגערקעס, וואָס זענען זיך צעקראָכן אין האַנט. אַרײַנגעלייגט אין אַ זעקל און אַוועק. דאָס זעקל איז באַלד נאַס געוואָרן און ווי אָפּגעפאַרבט מיט אַלערליי קאָלירן.

מײַן דאַמע איז געוואָרן אַן אַנגעצונדענע:

— אָט האָסטו דיר דיין יידישקייט! נישט באַפּאַרבט, נישט באַפּוצט און נישט פאַרוואַסערט. ריינע יידישקייט! אַ שטיק שטעטל ארויסגענומען פון די כתבים פון מענדעלע און ש. בן ציון! קלייבט נחת!

דערוויל האָט דער פראַנצויזישער ייד דערזען אַ זקן אַ הדרת־פּנים, וואָס איז געזעסן אין אַ קעלער און עפּעס געאַרבעט. ווען דער פראַנצויזישער ייד האָט אָנגעשטעלט דעם פילם־אַפּאַראַט אויפן קעלער, האָט דער ייד זיך צע־שריגן:

— אוועק, דו אפיקורס! דו מומר להכעיס! איך וואַרף דיר באַלד עפּעס אין קאָפּ אַריין!" דער פראַנצויזישער ייד האָט געדרייט דאָס הענטל פון אַפּאַ־ראַט ווי מען מיינט אים נישט.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. ווידער זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ מאַרק. אויף צענדליקער וועגעלעך זענען געווען אָנגעלייגט אַלרליי סחורות: שאָקאָלאַדן, צוקערקעס, צעבראָכענע חנוכה־לעמפּלעך און גלאָז שמאַטעס. שטעלעכלעך זענען געשטאַנען אָפן, אָנגעוואָרפן מיט וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן: ליכט, שטיקלעך ציץ, פלעשלעך, לייכטער. דערביי זענען געשטאַנען פעסלעך הערינג. פאַר־שוויצטע יידן מיט לאַנגע בערד און נאָך לענגערע פאות, טלית־קטנים איבער די שפּענצערס, ווייבער מיט פאַרטעכער איבער די קליידער און פאַרוקן אויף אָפּ־געגאָלטע קעפּ — אַלע האָבן אויסגעשריגן זייערע סחורות אויפן קול.

אַ יינגל־צווילינג איז פאַרבייגעגאַנגען. צוויי יינגלעך פון אַ יאָר זיבן. ליכ־טיקע פּנימלעך, זיידענע שוואַרצע האָר, לאַנגע פאות און טלית־קטנים איבער די העמדלעך. אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע פון ביאַליקס „משהלעך און שלמהלעך". מיך האָבן די צוויי יינגלעך פאַרכאַפּט, און איך האָב זיי געוואָלט פאָ־טאָגראַפירן. איך האָב זיי געבעטן צו שטעלן זיך ביי דער וואַנט ווו די זון האָט געשיינט, כדי איך זאָל קענען בעסער אָראָפּנעמען זייער בילד.

פון ערגעץ האָט זיך צוגערוקט אַ ייד. ער האָט אויסגעגלייכט זייערע העמד־לעך, אָפּגעגלעט די טלית־קטנס, באַשפּיגן צוויי פינגער און זיי פאַרגרייזלט די פאותלעך, און אויסגעגלייכט די יאַרמעלקעלעך אויף זייערע קעפּ. ער האָט זיי געהייסן זיך האַלטן ביי די הענטלעך.

ווען איך האָב זיי פאָטאָגראַפירט, האָט אַ ייד, וואָס איז געשטאַנען דערביי מיט אַ שטעלכל צוקערקעס, געזאָגט צו מיר:

— איצט קויפט זיי שאָקאָלאַד. זיי זענען עס ווערט.

איך בין צוגעגאַנגען צו זיין שטעלכל. דער ייד האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: נישט ביי מיר. איך האַנדל מיט ביליקע צוקערקעס. אָט, ביי אים — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער שטעלכל — ביי אים איז דאָ אויסלענ־דישער שאָקאָלאַד, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר.

איך האָב אַרויסגענומען צוואַנציק פּיאַסטער און געגעבן דעם יידן פון שאַקאַלאַד־שטעלכל. ער האָט גענומען נאָר צען פּיאַסטער:

— זיי קאָנען נאָך קראַנק ווערן פון צופיל שאָקאַלאַד — האָט דער ייד געזאָגט.

דערוויַיל האָט זיך באַוויזן אַ בעטלער מיט אַ פּנים, וואָס איך האָב געזען נאָר אויף די בילדער פון די גרויסע מאָלערס. דער בעטלער איז געווען אָנגעטון אין טראַנטעס, וואָס מ׳זעט נאָר אויף אַ בינע, ווען אַקטיאָרן פאַרשטעלן זיך פאַר בעטלערס. איך האָב אויף אים אָנגעשטעלט מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ער האָט אויסגעשטעלט זיין האַנט:

— פריער באַצאָלט.

איך האָב אים געגעבן א מטבע. ער האָט צוגענומען די מטבע, קוניצק זי אַריינגעלייגט אין אַ קעשענע פון זיינע טראַנטעס און געזאָגט:

— דאָס איז נאָר פאַר אייך. ער — ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם פראַנצויזישן יידן מיט זיין אַפּאַראַט — ער וועט דאַרפן באַצאָלן באַזונדער.

— וואָס? צען פּיאַסטער איז דיר ווייניק? — האָט זיך אָנגערופן דער ייד פון צוקערקעס־שטעלכל.

— דו מיש זיך נישט — האָט געענטפערט דער בעטלער בייז.

די דאַמע האָט מיך וויַיטער נישט געלאָזט גיין. זי איז געווען כמעט היסטעריש:

— ביי דיר הייסט עס יידישקייט. ביי דיר איז דער שימל שיינקייט. איך זאָג דיר, אַז עס איז פּראָסטע, שוואַרצע בלאָטע און פּשוטער שימל. אַ שלעכטער גערוך הערט זיך פון דעם גאַנצן געזעמל. דאַנקען גאָט, מיר זענען פּטור געוואָרן פון די בערד, פּאות, טלית־קטנס, פּאַריקלעך און דעם גאַנצן געשטאַנק.

מיר זענען אַרויס פון קוואַרטאַל. מיר זענען געשטאַנען אויף דעם ראָג פון אַ ברייטער און ריינער גאַס. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. מיין דאַמע מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך אָנגערופן:

— ס׳איז דיר נאָך ווייניק? האָסט זיך נאָך נישט אָנגעזעטיקט?

איך האָב רואיק געענטפערט:

— עפּעס פעלט מיר דאָ.

— וואָס פעלט דיר דאָ? דאַכט זיך, האָסט דאָ געהאַט גאַנץ קאַסרילעווקע און טונעיאַדעווקע. וואָס נאָך פעלט דיר? — האָט זיך מיין דאַמע געבייזערט.

— פאַרשטייסט מיך — האָב איך געענטפערט — איבער גאָר דער וועלט זענען אין אַזעלכע קוואַרטאַלן פאַראַן שיכורים און געפּאַרבטע מיידלעך, וואָס

ווינקען און רופן מענער, אפילו ווען זיי גייען אין באַגלייטונג פון זייערע דאַ־מען. דאָ פעלט עס. זוך איך עס.

מיין דאַמע איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב געזען, אַז זי קוקט אויף עפּעס. איך האָב אַ קער געטון מיינע אויגן און דערזען אויף דער אַנדערער זייט גאַס אַ גרויסע קראָם — אַ ספרים־געשעפט.

איך האָב אַ שמייכל געטון, אַריבער די גאַס און אַריין אין קראָם. איין האַלבער געוועלב איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט נייע ספרים און ביכער, די אַנ־דערע האַלב — מיט אַלטע ספרים.

אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע באָרד־און־פּאות, אָנגעטון ציכטיק אין אַ לאַנגער לוסטרינענער קאַפּאָטע, האָט אונדז געפרעגט מיט וואָס ער קאָן אונדז באַדי־נען. איך האָב אים געפרעגט:

— אפשר האָט איר „איגרת תימן" פון רמב"ם?

ער האָט אויף מיר שאַרף אַ קוק געטון, ווי איינער זאָגט: „נאַ דיר אַזאַ מאָדנער פויגל פון אַמעריקע!" און געענטפערט:

— יאָ, איך האָב עס, איך האָב די הויפּט-אַגענטור.

ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס דינע ספרל. טאַקע אויפן שער־בלעטל שטייט דער נאָמען און אַדרעס פון דעם ביכער־געשעפט, דאָ אין מאה־שערים.

ווען איך האָב באַקוקט דאָס ספרל, האָט דער מוכר־ספרים אַרויסגענומען נאָך אַ ספרל און געזאָגט:

— וויבאַלד איר זענט פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע ענינים, טוט אַ קוק אויף נאָך אַ טייער ספרל „מוסר המקרא והתלמוד", אַרויסגעגעבן פון מוסד קוק. איר וועט פון דעם הנאה האָבן.

איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט זענען פאַר מיר געלעגן היפּשע עט־לעכע ספרים. ער האָט מיר דערלאַנגט דעם חשבון. פון דערפאַרונג אין תל־אביב האָב איך געוווּסט, אַז מ'קאָן אַראָפּנעמען צוואַנציק פּראָצענט פון מקח. האָב איך צו אים געזאָגט:

— נו, און די צוואַנציק פּראָצענט ראַבאַט?

— שוין אַראָפּגערעכנט — האָט ער געענטפערט — נאַט, זעט, אָט זענען די מקחים, אַלץ צונויפגערעכנט, און צוואַנציק פּראָצענט אַראָפּגערעכנט.

איך האָב אַ קוק געטון: דער חשבון שטימט. איך האָב אים געפרעגט:

— איך בעט אייך, רבי, ווו איז דער שכל פון אָוועקשטעלן אַ מקח, וואָס דערנאָך דאַרף מען פון אים אַראָפּנעמען?

— ס'איז אַ מנהג־מדינה — האָט ער מיר געענטפערט — אַזוי פירט זיך.

מיר זענען ארויס פון דעם ביכער-געשעפט. איך האָב זיך גערייצט מיט מיין דאמע:

— אין אריינגאַנג פון מאה שערים שטייט אַ ביכער-געשעפט מיט אַלערליי לומדישע און מוסר ספרים. איבער דער גאַנצער וועלט שטייט ביים אריינגאַנג פון אַזאַ אָרעמען און עקזאָטישן קוואַרטאַל אַ גרויסער שענק, וו דער באַלעבאָס פאַרקויפט שאַרפע משקאות און עקזאָטישן זנות.

— דיינע אַלע ספרים, דיין גייסטיקע שיינקייט שאַפן נישט אָפּ די פליגן, שמוץ און צעפוילטע גרינסן און געשטאַנק — האָט די דאמע געשמייכלט ליפּעלעך. — אויפרייסן דאַרף מען דעם גאַנצן קוואַרטאַל, אויפרייסן מיט דינאַמיט.

— מסכים — האָב איך געענטפערט — מ׳דאַרף אָבער פריער ארויסנעמען די יידן, און דערנאָך אויפרייסן דעם קוואַרטאַל. נאָכן אויפרייסן דאַרף מען אויפשטעלן שיינע מאָדערנע הייזער מיט וואַסער-לייטונג, און געבן יעדער פאַמיליע צוויי-דריי ליכטיקע סאַניטאַרישע צימערן מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. אָבער איך בעט דיך, לאָז איבער זייערע בערד, פאות און טלית-קטנס. דאָס איז נישט דער מקור פון דעם שמוץ. די ענגשאַפט און אָרעמקייט זענען שולדיק, נישט זייער פרומקייט. מיר זענען אָנגעקומען צוריק אין האָטעל. דער טאָג איז נאָך געווען גרויס, און מען האָט מיך ארויסגעשלעפּט באַקוקן אַ סך רעגירונגס-אַנשטאַלטן. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, ווען ס׳איז געווען פינצטער. אַנטקעגן האָטעל שטייט אַ לערער-סעמינאַר פון דער מזרחי. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון „לכה דודי”. נישט די ספרדישע חברה און נישט די מאָדנע אינטאָנאַציע פון דעם ניגון האָבן געקאָנט פאַרווישן דעם סקאַרבאָוון נוסח פון קבלת-שבת.

אויף מאָרגן, שבת, זענען מיין פרוי און מיין טאָכטער אַוועק קיין בית-הכרם אָנקוקן דעם סעמינאַר און דערנאָך דאָס אָרט, וו מען האָט אויסגעהאַקט הערצלס קבר. איך בין געבליבן אין האָטעל. נאָך מיטאָג האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט באַקוקן די שטאָט.

ס׳איז געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן איבער די גאַסן פון ירושלים. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אָנגעטון אַ רעקל און אַ שניפּס אין ישראל. אפילו אין מיטן תמוז איז קיל אין ירושלים.

די גאַסן זענען געווען פול. רעדלעך מענטשן זענען געשטאַנען און גערעדט צווישן זיך. מען האָט גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער איבערהויפּט האָט מען גערעדט וועגן פרנסה, וועגן פרייזן פון עסנוואַרג און רכילות, אויף שכנים און אויף קהלשע מענטשן.

אויף פּאַרקאַנעס זענען געווען אויסגעקלעפּט אַלערליי פּלאַקאַטן און מו־דעות. איבערהויפּט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די פּלאַקאַטן פון דער „אגודה” און „מזרחי” וועגן חילול־שבת.

די קראָמען זענען געווען פאַרמאַכט. קיין אויטאָבוסן זענען נישט געלאָפן. אָבער אַ סך רעסטאָראַנען און קאַפעען זענען געווען אָפן. אויך די ביוראָס פון די טאַקסי־קאָמפּאַניעס זענען געווען אָפן. יענעם שבת איז אָנגעגאַנגען אַ גרוי־סע דינגעניש אין די ביוראָס. אַ סך מענטשן זענען געקומען באַשטעלן טאַקסים אויף מאָרגן, וואָס איז געווען דער זעלבסטשטענדיקייטס־טאָג אין ישראל. אַלע האָבן געוואָלט פאָרן אויפן פּאַראַד, וואָס וועט דורכגעפירט ווערן אין תל־אביב.

מענטשן האָבן שפּאַצירט. גאַנץ אָפט איז דורכגעפאָרן אַ טאַקסי אָדער פּריוואַטער אויטאָמאָביל. אַ גאַנץ היפּשע צאָל יידן האָט געררייכערט בפרסיה. אין די קאַפעען האָבן מענטשן געגעסן, געטרונקען, גערייכערט און געצאָלט מזומנים. קיינער פון די פאַרבייגייענדיקע פרומע יידן האָט זיך נישט געבייזערט אויף די מחללי־שבת, און גאָר אַ סך פרומע יידן, יונגע און אַלטע, האָט מען געזען אויף די גאַסן. איך בין געגאַנגען און אַלץ באַקוקט. איך האָב אָפּ־געשטעלט יידן און זיך נאָכגעפרעגט אויף די חרובע בנינים. יעדער ייד האָט גערן גערעדט און דערציילט וואָס ער האָט געוווסט.

איך בין פאַרביי געגאַנגען אַ מיליטערישע פּאָליציי־סטאַנציע. אַ קליין שילדל האָט אָנגעזאָגט: „אַריינגאַנג פאַר פרעמדע פאַרבאָטן”. איך האָב אַ קוק געטון און געזען, אַז די טיר שטייט אָפן, בין איך אַריין אינעווייניק. איך האָב געזען אַ טיר פאַר מיר, האָב איך זי געעפנט. אַזוי בין איך געגאַנגען פון צימער צו צימער, און קיינער האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט. ערשט אין פינפטן צימער האָט אַן אָפיציר אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַרווונדערונג און געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ? ווער זענט איר?

— איך בין אַן אַמעריקאַנער ייד — האָב איך געענטפערט — האָב איך געוואָלט אַ קוק טון ווי עס זעט אויס אַ יידישע מיליטערישע פּאָליציי־סטאַנציע.

— קיינער האָט אייך נישט אָפּגעשטעלט?

— ניין.

— מילא, קומט, לאָמיר אייך אַרומפירן, באַקוקן וואָס מען מעג. באמת נישטאָ וואָס אָנצוקוקן, נאָר די באַפעלן און אַלע פנקסים ווערן געשריבן אויף עברית.

איך האָב אים געבעטן מיר ווייזן אויף טשיקאַוועס אַ פּקודה, אַ באַפעל. ער האָט עס געטון.

איך בין אַרויס, אָדער, בעסער געזאָגט, ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט. דער אָפיציר האָט אַ קוק געטון אויף דעם זעלנער, וואָס איז געזעסן ביי דעם אַריינגאַנגס־טיש און האָט אים עפּעס געזאָגט שטיל. דעם זעלנערס פּנים האָט זיך געביטן. איך האָף, אַז זיין שטראָף איז נישט געווען צו גרויס.

איך בין אָנגעקומען צו דער גרענעץ פון דער נייער שטאָט — שער יפו. אַ זעלנער מיט אַ ביקס איז געשטאַנען אויף שמירה. איך האָב אים באַגריסט. ער האָט מיר געענטפערט. איך האָב זיך מיט אים צערעדט. ער האָט מיר גערן דערציילט אויף איין פוס זיין לעבנס־געשיכטע. בלויז ער און אַ שוועסטער זענען געבליבן פון דער גאַנצער משפחה. יאָ, ער איז שוין אין דער אַרמיי צוויי יאָר. די שוועסטער איז אין אַ קיבוץ. ער האָט געענדיקט:

— שטיי איך דאָ מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס און היט. צוואַנציק מעטער פון דאַנען, גלייך הינטער אַ וואַנט פון אַט דער חורבה, שטייט אַן אַראַבער און היט. דאָס וואָס מען שיסט נישט איז אונדזער אויפטו.

— נו, ווי אַז זיי וואָלטן טאַקע אָנגעהויבן שיסן? — האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע — אַט קאָנען זיי זיך אַ שפּאַר טון דורך די חורבות, און איינס און צוויי פאַרנעמען דעם טייל שטאָט מיט דער מיליטערישער פּאָליציי־סטאַנציע.

— האָט גאָר קיין מורא נישט — האָט ער מיר געענטפערט אויף זיין בעסאַראַבער יידיש מיט די קמצן — איר קאָנט שלאָפן רואיק. הלוואי הייבן זיי אָן, רבונו־של־עולם! אין פיר און צוואַנציק שעה, איידער די פאַראייניקטע פעלקער וואָלטן זיך אויפגעכאַפּט, וואָלטן מיר פאַרנומען גאַנץ אַלט־ירושלים מיט דעם אַראַבישן לעגיאָן און אבדולאַן מיט זיין טורבאַן. הכל־בכל־מכל־פּלעקל. און דערנאָך רופט אונדז קנאַקניסל. האוחז ביד איז די בעסטע תפילה.

לעבן מיר איז אויסגעוואַקסן אַ ייד מיט אַ יינגל פון אַ יאָר דרייצן. דער ייד האָט זיך אָנגערופן:

— בהן שלי, ער רעדט ווי אַן אַצלניק.

— נו, אַז אַן אצלניק, איז וואָס?

— גאָרנישט. עס געפעלט מיר דווקא, וואָס איר האָט געזאָגט. הלוואי וואָלטן מיר זיך געמאַכט טויב אויף אַן אויער, ווען זיי האָבן געוואָלט דעם שלום (וואַפנשטילשטאַנד) און פאַרנומען ירושלים.

נאָך עטלעכע יידן זענען צוגעקומען. דער זעלנער האָט זיך אָנגערופן:

— יידן, דאָ טאָר מען נישט שטיין. מילא, עמעצער קומט אַ קוק טון, בין איך נישט קיין גזלן, אָבער גאַנצע מנינים יידן? צעגייט זיך.

דער ייד מיטן יינגעלע האָט מיך פאַראינטערעסירט. איך האָב אים געפרעגט צי מעג איך מיט אים אביסל שפּאַצירן.

— אדרבה, פאַרוואָס נישט?

דער ייד האָט געטראָגן אַ לאַנגע פיינע באָרד מיט נישקשהדיקע פּאות, און איז געווען אָנגעטון קורץ.

איך האָב אים געפרעגט:

— קאָנטיק, אַז איר זענט אַ פרומער ייד, איז ווי האַלט איר עס פון די אַצלניקעס? ביי אונדז אין אַמעריקע האַלט מען זיי פאַר טעראָריסטן, הורגי־נפשות.

— וואָס מ׳זאָגט ביי אייך איז נאָך ווייניק. אָבער איך זאָג אייך, אַז ביי זיי זענען אַלע יידן טייער. ביי די מאַפּאַמניקעס, אָדער אַפּילו ביי די מאַפּייני־קעס זענען די פרומע יידן ווילדע, נישט בעסער פון די אַראַבער.

איך האָב זיך מיט אים פונאַנערגערעדט. ער האָט פאַר מיר צעלייגט זיינע מחשבותן אויף יידן אין ישראל:

— יאָ, איך בין אַן אַלטער תושב. פאַרוואָס איך רעד יידיש? אַ ייד רעדט יידיש און קאָן עברית. דאָס יינגל גייט אין ישיבה. צי דאָס יינגל פילט זיך מאָדנע צווישן חברה וואָס גייט אָן פּאות? פאַרוואָס זאָל ער זיך פילן מאָדנע? זיי גייען דאָך אויך אין פיאות, נאָר פון פאָרט. מיט וואָס איז אַ טשובטשיק פון פאָרנט שענער פון פיאות ביי די זייטן?

— וואָס לערנט ער אין ישיבה? גמרא. אין דעם בית־ספר פריער איז ער דורכגעגאַנגען נביאים ראשונים, נביאים אחרונים, זיך אויסגעלערנט שרייבן און רעכענען ביז תשבורת. איצט לערנט ער גמרא. ניין, ער פאַרטייטשט נישט אויף עברית. גמרא לערנט מען אויף יידיש. גמרא לערנען אויף עברית איז פונקט ווי לערנען גמרא אָן אַ ניגון.

— וואָס וועט זיין דער תכלית פון מיין יינגל? די שאלה האָב איך גע־הערט פרעגן עטלעכע מאָל און איך פאַרשטיי זי לחלוטין נישט. איך פרעג אייך, מיט וואָס איז אונדזער חינוך אַנדערש פון זייער חינוך אין בית־ספר הכללי? זיי לערנען דאָך אויך שרייבן, לייענען, נביאים ראשונים און אחרונים און חשבונען. נאָר וואָס זשע? זיי לערנען היסטאָריע דערצו. וואָס איז היסטאָריע? אויסטייטשן מקורות. אַ יינגל, וואָס קאָן תנ״ך, די אגדות פון תלמוד און מדרש קאָן די מקורות. די אויסטייטשונגען זענען מיר זיי מוחל. שפּעטערדיקע געשיכ־טע? ער וועט לייענען אַנדערע מקורות, איך האָף, אַפּילו שאלות ותשובות.

— געאָגראַפיע? וויפיל געדענקט דער דורכשניטלעכער מענטש פון זיין געאָגראַפיע? אַ מאַפּע וועט ער קענען לייענען. אויך אַ תורה!

— שפּראַכן? וויפיל אַמעריקאַנער קאָנען אויסער ענגליש אַן אַנדער שפּראַך? נאָר וואָס זשע? מ׳לערנט נאָך שאַלאַמויזן? כדי דער קאָפּ זאָל זיך

אויסשארפן, כדי דאָס יינגל זאָל דערנאָך טויגן צו פאַרדינען חיונה? נו, תורה שארפט דעם קאָפּ. פאַרשטייט זיך, די וואָס ווילן ווערן פקידים (רעגירונגס־באַאמטע), אָדער די וואָס ווילן זיך לערנען אַ פּראָפעסיע דאַרפן לערנען חכמות חיצוניות. אָבער פאַר אונדז, פּראָסטע יידן, איז די תורה גענוג.

— אונדזערע קינדער קאָנען עברית און יידיש, חשבונען און שרייבן, און טאַקע אַ היפּש ביסל תורה. דערצו האָבן זיי אמונה, וואָס שטאַרקט און קרעפּטיקט זיי אין אַן עת־צרה. אונדזערס אַ קינד ווערט אַ בעל־מלאכה, אָדער גייט אין אַ קיבוץ, אָניט אין אַ מושב עובדים און... בלייבט אַ פרומער ייד.

— פאַרשטייט זיך, פאַר אייך, יידן אין אַמעריקע, איז שווער אַזוי מחנך צו זיין אייערע קינדער. איר לעבט דאָך צווישן גויים און ציט חיונה פון זיי. מוזט איר טיילוויז זיין ווי זיי, לערנען זייער לשון און זייערע חכמות. איר אַרבעט דאָך מיט זיי, האַנדלט און וואַנדלט מיט זיי. אָבער מיר דאָ, אין יש־ראל, זענען דאָך אין אַ יידישער מדינה, און לעבן צווישן יידן, קאָנען מיר האָבן אונדזער אייגענעם וועג אין חינוך.

ס'איז געוואָרן שפּעטלעך. דער ייד איז אַוועק דאַווענען מנחה, און איך בין אַוועק אין האָטעל. ס'איז נאָך געווען ליכטיק, אָבער די שילדן אויף די קינעמאַטאָגראַפן זענען שוין געווען אָנגעצונדן. לעבן טעאַטער, ווו מען האָט גע־וויזן „טאַרזאַן און די קאַרליקלעך", איז געווען שוואַרץ פון קינדער, וואָס האָבן פאַרטייטשט יעדע פאָטאָגראַפיע אויף די אַפישעס אויף אַ קלינגענדיקן העב־רעאיש.

דער הויפּט זאָל פון האָטעל איז געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען עלעגאַנט אָנגעטון. זיי זענען געזעסן אַרום קליינע טישלעך און געטרונקען „פייוו אָ'קלאָק טיי", געפּלירטעוועט און געפּלוידערט אויף אַלע לשונות פון דער וועלט, אָבער איבערהויפּט אויף העברעאיש.

איך בין אַרויס אין דרויסן. פון בית־מדרש פון פרומען לערער־סעמינאַר האָט זיך דערטראָגן דער ניגון פון שבתדיקער מנחה.

איך בין אַריין אין אַ קאַפע עפּעס וואָס צו עסן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. דאָס עסן איז געווען געשמאַק, די קאַווע גוט, און אַ סטרונע־אָרקעסטער האָט געשפּילט שטילע מוזיק. אַ גרופּע יינגלעך איז אַריין מיט אַ טומל און געפּילדער. בלייבן דאָ? ניין, ס'איז דאָ נישט גענוג לעבעדיק. ס'איז אַן אמתער מושב־זקנים. זיי ווילן דזשעז, סווינג. אפשר וועלן זיי ערגעץ געפינען אַ קאַפעליע, וואָס וועט שפּילן אַ רומבאַ.

איך האָב זיך אומגעקערט אין האָטעל. מיין פרוי און טאָכטער האָבן שוין געדאַרפט קומען פון זייער „טיול". יאָ, זיי זענען שוין געקומען; איך בין אַרויף

אין אונדזער צימער זיך אָפּצורוען. פון די אָפּענע פענצטער פון דעם לערער־סעמינאַר האָט זיך געטראָגן דער ניגון פון מלווה-מלכה. דורך די פענצטער פון האָטעל האָט מען געקאָנט זען צוויי סינעמאַ טעאַטערן. ערגעץ ווייט האָבן געפינקלט די פייערן פון אַלט־ירושלים. צו רעכטס האָט מען געקאָנט זען דעם אָנהויב פון מאה שערים. אונטן אין גאַס, גלייך אַנטקעגן דעם האָטעל, האָט עמעצער נאָר וואָס אָנגעקלעפּט אַ גרויסן פּלאַקאַט, וואָס האָט אַנאָנסירט אַן אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון די גדולים פון אוניווערזיטעט.

אויף מאָרגן האָב איך פאַרלאָזט ירושלים.

# קאַפּיטל זיבן

# אַ מיליטערישער פּאַראַד און אַן הזכרה

אין דעם טאָג פון מיליטערישן פּאַראַד בין איך אָנגעקומען פון ירושלים קיין תל־אביב ארום צוויי אזייגער נאָך מיטיק. איך בין צוגעגאַנגען נעמען אַן אויטאָבוס קיין רעננה. דער אויטאָבוס, וואָס איז אַלע מאָל געפּאַקט, און לאָזט נאָך איבער פּאַסאַזשירן, ווייל ער קאָן אַלעמען נישט אריינגעמען, איז געווען אינגאַנצן ליידיק. נאָר איין אַלטע פרוי איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק. דער אָנטרייבער, וואָס האָט שוין מיך גוט געקאַנט, ווייל אָפט בין איך מיט אים געפאָרן קיין רעננה, האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— איצט פאָרט איר גאָר אָפּ פון תל־אביב? פון אַלע עקן לאַנד קומט מען אָן אָנצוקוקן אונדזער מיליטערישן פּאַראַד און איר פאָרט צוריק קיין רעננה, צוויי שעה איידער דער פּאַראַד הייבט זיך אָן?

איך האָב אים געענטפערט קורץ:

— איך האָב נישט ליב קיין מיליטערישע פּאַראַדן.

דער אויטאָבוס איז שוין ארויסגעפאָרן פון דער סטאַנציע, דער אָנטרייבער האָט געדרייט דאָס רעדל און גערעדט צו מיר:

— איר זענט אַ מאָדנער אַמעריקאַנער טוריסט. אַלע אייערע טוריסטן לויפן דאָך זען אונדזער גרויסקייט און שטאַרקייט און איר טוט זיך אַ זאָג: — איר האָט נישט ליב קיין מיליטערישע פּאַראַדן! איר פאַרגעסט ר׳ ייד, איין זאַך: דאָס איך דאָך אַ יידישער מיליטערישער פּאַראַד. אַמאָל זענען אונדזערע פּאַראַדן באַשטאַנען פון ארויסגיין בנערינו ובזקנינו — אַלט און יונג, מקבל פּנים זיין אַ שׂררה מיט ברויט און זאַלץ און אַ ספר תורה. דער גוי האָט

געוווסט און פֿאַרשטאַנען די קאַפּוליער אָנצוהערעניש: אין דער תורה שטייט דאָך „לא תרצח", דו זאָלסט נישט מאָרדן. האָט דער גוי געקוקט מיט עקל אויף אונדז: — יידעלעך, שוואַכינקע, פּחדנים, ציטערן פֿאַר אַביסל בלוט. שוין צייט מיר זאָלן זיי ווייזן אַז מיר קאָנען אויך די מלאכה. זאָלן זיי קריגן דרך־ארץ פֿאַר אונדז.

די אַלטע פֿרוי האָט געדרעמלט אויף דער לעצטער באַנק פֿון אויטאָבוס. איך בין געזעסן נאָענט צום אָנטרייבער און איך האָב אים געענטפֿערט:

— מיין טאַטע פֿלעגט זאָגן, אַז אַ ייד קאָן טון אַלץ וואָס אַ גוי קאָן טון און נאָך עפּעס. אויך אַ חכמה — הרגענען מענטשן! אָבער לערנען אַ שטיקל חומש מיט רש"י קאָן קיין גוי נישט. איך בין נאָך אַלץ אַן אַלטמאָדישער ייד, וואָס גלויבט, אַז לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוחי אמר אדני צבאות: נישט מיט זעלנער און נישט מיט מאַכט, נאָר מיט מיין גייסט, זאָגט גאָט פֿון צבאות.

ער האָט מיר געענטפֿערט מיט רוגזה:

— וואָס האָט איר צו טון מיט פּסוקים? איר זענט דאָך לויט אייער הילוך קיין פֿרומער ייד; זאָלן די רבנים זיך ברעכן די קעפּ אויסצוטייטשן פּסוקים. איך מיין אַז מיר זענען גענוג געשטאָרבן מיט פּסוקים אין מויל, בעסער שויז צו לעבן מיט אַ ביקס אין האַנט.

— איך האָב פֿיינט יוונים, — האָב איך געענטפֿערט טראַציק, — אַ יוון איז אַ פֿאַרקליידטער מערדער. עס פּאַסט נישט פֿאַר יידן צו גרויסן זיך מיט זעלנער!

ער האָט אָפּגעשטעלט מיט כעס דעם אויטאָבוס. די אַלטע פֿרוי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון טרייסל און געפֿרעגט צעשראָקן::

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג און אָנגעהויבן רעדן מיט אמתן פֿאַר־דראָס, און אויסגעלאָזט זיין גאַנץ ביטער האַרץ צו מיר:

— איך פֿיר אייך שוין וואָכן הין און צוריק, פֿון רעננה קיין תל־אביב און פֿון תל־אביב קיין רעננה און איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט מיט אייערע רייד. זעלטן רעדט איר צו דער זאַך. אַלעמאָל רייסט איר פּאַסן פֿון אונדז און איר דערגייט אונדז די יאָרן. פֿאַר באַנאַנגענע זינד און נישט באַנאַנגענע זינד. אייע־רע היינטיקע רייד זענען גלאַט נאַרישקייטן. קאָן זיין, אַז גויאישע סאָלדאַטן זע־ען פֿאַרקליידטע מערדער, אָבער אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געראַטעוועט דעם ישוב! וואָס מיינט איר, מען האָט געקאָנט באַקעמפֿן די אַראַבער און ענגלענ־דער מיט פּסוקים? און אייערע פֿאַראייניקטע פֿעלקער אין לייק סוקסעס און אייער צאַצקעדיקע אַמעריקע? זיי פֿאַרשטייען איין שפּראַך — די פֿויסט! מיר

האָבן געשלאָגן צוריק און מירן נאָך שלאָגן. געבענטשט זאָל זיין די האַנט וואָס צילט און טרעפט! פאַרקלײדטע מערדער — האָט ער געזויט די ווערטער צווישן די ציין — מען טאָר אַזוי נישט רעדן. אַ יידישער סאָלדאַט דאָ אין לאַנד איז אַ העלד!

איך האָב אַ זיפץ געטון:

— נו, וואָס זאָל איך טון, אַז איך האָב פּאַרט פיינט זעלנער און איך זע נישט קיין שיינקייט אין מיליטערישע פּאַראַדן און איך קאָן זיי נישט פאַרטראָגן. מילא, אַז מען מוז קעמפן, קעמפט מען. ס'איז דאָך נישטאָ קיין ברירה. ס'איז קיין נייס נישט פאַר יידן צו שטעלן זיך קעגן שונאים. אין גלות האָבן מיר אויך געקעמפט ווען מען האָט געדאַרפט. איין ביישפּיל איז טולטשין. אָבער זיך גרויסן מיט ביקסן און זעלנער און מאַכן פאַראַדן דערפון? — דאָס איז נישט יידישלעך!

— קיין לייט וועט שוין פון אייך נישט זיין, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — איר זענט אַ גלות־ייד, אַן עבד כנעני, אַ געבוירענער קנעכט.

איך בין אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער:

— איר זענט דאָך אויך פון גלות. לויט אייער יידיש זענט איר אַ אוקראַ־אינער. פונדעסטוועגן רעדט איר ווי אַן אמתער אויסגעלייזטער ייד, — ווי אַ דריטער דור ישראלי!

ער האָט האַסטיק געטריבן דעם אויטאָבוס און נישט קוקנדיק אין מיין זייט, גערעדט:

— איך ווייס נאָר איין זאַך, ווען מיר וואָלטן געפאָלגט אַזעלכע יידן ווי איר, וואָלטן מיר נישט געקאָנט בויען דאָס לאַנד און אוודאי נישט איינגעמען עס. מיר וואָלטן אויסגעקוילעט געוואָרן פון די אַראַבער. איך בין שוין אַן אויטאָבוס־נהג (אָנטרייבער) פערצן יאָר און ערשט אין דעם לעצטן יאָר בין איך זיכער, אַז ווען איך גיי אַוועק אין דער פרי צו דער אַרבעט, וועל איך אין אָוונט צוריקקומען אַהיים אַ לעבעדיקער. פריער האָב איך יעדן טאָג, ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין ווייב און קינדער, זיך געזעגנט מיט זיי אין דער שטיל. איז וואָס טויגן מיר אַלע חקירות? מיר וועלן בויען אונדזער לאַנד. וועט מען אונדז לאָזן בויען פרידלעך, איז מה טוב. אַנישט וועלן מיר זיך שלאָגן. מיר וועלן נישט זיין בצאן לטבח; געגנוג אונדז געקוילעט ווי שאָף און גענוג דערנאָך זיך באַקלאָגט אין דאַוונען צום רבונו של עולם. און איך זאָג אייך: נישט נאָר וועלן מיר זיך שטעלן אַנטקעגן, מיר וועלן זיין די אָנפאַלער — אָבער אַלץ צו פאַר־היטן אַן אומגליק.

ער האָט אַפּנים געוואַרט אויף מיין ענטפער, אָבער איך האָב געשוויגן. האָט ער ווייטער גערעדט:

— אז ס׳איז ביי מיר נישט קיין פריווילעגיע צו זיין אן אתה בחרתנוניק, צו זיין אויסדערוויילט אויסגעקוילעט צו ווערן. איך האלט, אז מיר דארפן פאַר־ראדירן מיט טאַנקן, מיט עראָפּלאַנען, מיט הארמאַטן און הכל בכל מכל פלעקל. זאָלן זיי זען און מורא האָבן.

ווען איך האָב אים אַלץ נישט געענטפערט, האָט ער גערעדט שוין מיט רוגזה:

— דאָס טוען מיר נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלע יידן. מיר בויען אפילו פאַר אייך אויך, איר זאָלט האָבן וווּהין צו קומען אין אן עת צרה. איר נאַרט זיך. אויך ביי אייך אין אַמעריקע וועט קומען צו אן אומגליק. איך זאָג אייך, אז גלות האָט זיין לאָגיק.

דעם איבעריקן שטח פון דער רייזע זענען מיר געפאָרן שווייגנדיק. ס׳איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז ווען ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן אין רעננה, האָט ער מיר געגעבן די האַנט, אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— זייט נישט ברוגז אויף מיינע בייזע און שאַרפע רייד. איר זענט אַ טייערער ייד, נאָר אייך פעלט דער חוש פון אַ נאָרמאַלן בירגער פון אַ נאָרמאַל פאָלק. איר האָט די אומלאָגישקייט פון אַ גלות־ייד.

איך האָב אים געדריקט זיין האַנט און געענטפערט:

— ביי מיר איז נאָך מדינת ישראל אַלץ יידן־לאַנד, ארץ ישראל, און צו יידן־לאַנד מעג מען האָבן טענות, ווען איך וועל שוין קיין טענות נישט האָבן צו אייך וועט עס נישט טויגן. דעמאָלט וועלן מיר זיין צו ווייט געשיידן.

— דאָס איז אמת. — האָט ער מיר געענטפערט, — אַ ייד דאַרף אַלעמאָל שטרעבן צו שלמות. עס דאַרפן זיין יידן, וואָס האָבן טענות און תביעות. מיר ווערן אַמאָל אין כעס, אָבער נעמט זיך נישט צום האַרצן. מיר ווערן אין כעס, ווייל מיר ווילן אויך נישט ווערן אויס יידן. איר מיינט אַז מיר אַליין זענען מסכים מיט זיך הונדערט פּראָצענט? שלום!

ער איז אָפּגעפאָרן.

---

איבער אַ וואָך צייט האָבן אַלע צייטונגען גערופן דעם עולם אין מדינת ישראל צו קומען אויף אַ ביאַליק־הזכרה, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין בית ביאַליק אין טאָג פון זיין יאָרצייט. די הזכרה וועט דורכגעפירט ווערן מיט דער מיטווירקונג פון די קאָרפּן־קעפּ פון דער העברעאישער ליטעראַטור אַריינרעכע־נענדיק יעקב פיכמאַן, אשר באַראַש און י. ד. בערקאָוויטש.

מיין פרוי, טאָכטערל און איך זענען געקומען אין צייט, פינף אזייגער

פאַרנאַכט. מיר האָבן געוואַרט אַ האַלבע שעה ביז מען האָט געעפנט די טיר פון הויז. אַרום האַלב נאָך זעקס אַזייגער זענען געווען אין זאַל פערציק מענטשן. מען האָט אָנגעהויבן די הזכרה. זיבן אַזייגער האָב איך איבערגעציילט צוויי און פופציק מענטשן, וואָס העכער האַלב זענען געווען אַמעריקאַנער טוריסטן. יאָ, גאָר צום סוף איז געקומען שזר, דער בילדונגס־מיניסטער. אַרום און אַרום זענען געווען אויף דער הזכרה דריי און פופציק מענטשן, אַריינגערעכנט מיין דרייצן־יאָריקע טאָכטער און נאָך צוויי קינדער.

ס'איז געווען זייער אַ נודנער און נישט געלונגענער פּראָגראַם. אַ יונגער שרייבער האָט געלייענט אַ לאַנגע, צעצויגענע אָפּשאַצונג וועגן ביאַליקן. דער רעפערענט האָט גערעדט איבער אַ שעה און דער שרייבער האָט איבערגעקייעט אַלע שאַבלאָנען, וואָס מען האָט ווען עס איז נאָר געזאָגט וועגן ביאַליקן. דערנאָך האָט יעקב פיכמאַן געלייענט ביאַליקס אַ ליד. ער האָט געלייענט זייער שטיל, קוים וואָס מען האָט געקאָנט אויפכאַפּן די ווערטער. צו לעצט האָט אָשר בּאַראַש געלייענט עפּעס אַ טיף פּאַטריאַטישן מאמר, וואָס ער האָט אויפגעזוכט אין ביאַליקס כתבים. דער מאמר איז גאָרנישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר ביאַליקן. נאָך דער הזכרה זענען געציילטע מענטשן געגאַנגען צו ביאַליקס קבר, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דעם ביאַליק־הויז.

איך בין געפאָרן צוריק קיין רעננה מיט מיין באַקאַנטן אויטאָבוס־אָנטריי־בער, נהג. ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט:

— נו, געווען צו ביאַליקס הזכרה? —

— פון וואַנען ווייסט איר עס? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך בין זיך משער, — האָט ער געשמייכלט, — אַז אַ ייד ווי איר וועט נישט פאַרפעלן ביאַליקס יאָרצייט. קיין גרויסער עולם איז מסתמא נישט געווען.

— נו, איר האָט געטראָפן, אָבער איר זענט דאָך דאָרט נישט געווען, — האָב איך זיך געוווּנדערט, — איז פון וואַנען ווייסט איר, אַז עס זענען דאָרט געווען געציילטע מענטשן?

— איך קאָן אונדזער ישוב, — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס. — זעט איר, וועגן דעם מעגט איר זיך בייזערן און האָבן טענות צו אונדז. איר מעגט שרייבן וועגן דעם ענין מיט רוגזה.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וועל שרייבן? — האָב איך אים גע־פרעגט.

— אַ שרייבער, וואָס באַזוכט ארץ ישראל, שרייבט אַ בוך. איר וועט אוודאי שרייבן אַ בוך, איר וועט מסתמא האָבן צו אונדז גענוג טענות. איצטיקע טענה וועט זיין אַ גערעכטע. ס'איז טאַקע נישט שיין און נישט רעכט, אַז אַ מיליטע־

רישער פֿאַראַד זאָל פֿאַרכאַפּן דעם גאַנצן ישוב, און צו ביאַליקס הזכרה זאָלן קו־מען מנינים בלויז. דרייט אונדז אָן אַ אויער. אָבער אָן רחמנות! זאָל אונדז דאָס פּנים פֿלאַמען.

— איך וועל מסתמא אייך צוליב טון, — האָב איך געענטפֿערט שפּאַסיק.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך געלייענט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ אין אַ העברעאישער צייטשריפֿט וועגן ביאַליקס הזכרה. דער שרייבער האָט באַשריבן ווי וווּנדערבאַר די הזכרה איז דורכגעפֿירט געוואָרן. דער זאָל איז געווען געפּאַקט און דער עולם איז געווען פֿאַרגאַפֿט. אינגאַנצן קיין ליגן איז עס נישט געווען. דער קליינער זאָל האָט מער ווי פּופֿציק מענטשן נישט געקאָנט אַריינגעמען. דאָס וואָס די וועראַנדע איז געווען לײדיק, דאָס איז דער קאָרעס־פּאָנדענט נישט מחויב צו דערציילן. און דאָס פּראָגראַם איז דאָך אַ געשמאַק־זאַך.

## קאַפּיטל אַכט

# ד״ר הערצל אין זיין אויסגעטרוימט לאַנד

ווען מען האָט געבראַכט דעם אָרון מיט די ביינער פון ד״ר הערצל קיין מדינת ישראל, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט מיטן אָרון אין תל־אביב, צו געבן דעם עולם די געלעגנהייט אָפּצוגעבן כבוד דעם גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם אין פּראַווסזאָגער פון גאולה אין אונדזער צייט. דער ישוב איז באמת באַגייסטערט געוואָרן פון דעם געדאַנק צו ברענגען די ביינער פון הערצל קיין מדינת ישראל. דאָס פאָלק האָט געזען אין דעם אַ באַשטעטיקונג פון אמתער גאולה. די רעגירונג האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלע יידן קאָנען קומען קיין ירושלים צו דער קבורה (ווען, האָבן אַלע געוואָלט פאָרן), האָט זי באַשטימט צו האַלטן דעם ארון אַ נאַכט אין תל־אביב. די שטאָט פאַרמאָגט אַ פערטל מיליאָן יידן, מער ווי אַ פערטל פון ישוב; אַ חוץ דעם איז קיין תל-אביב גרינגער צוצוקומען פון גליל און עמק הירדן. צולאָזן צום אָרון אַלעמען אויף איין מאָל איז נישט פּראַקטיש, איז עמיצער געפאַלן אויף אַ גוטן פּלאַן: מען האָט צעטיילט תל־אביב אויף פיר דיסטריקטן. פאַר יעדן טייל פון שטאָט האָט מען באַשטימט צוויי שעה. אַזוי אַז פון אַכט פאַרנאַכט ביז פיר פאַרטאָג וועט די גאַנצע שטאָט קאָנען קומען און אָנקוקן דעם אָרון אָן שטופּעניש און אָן געפאַר.

מיר זענען אין יענעם טאָג אָפּגעפאָרן פון רעננה צו אונדזערע קרובים קיין תל־אביב. מיר האָבן דאָרט אַראַנזשירט צו נעכטיקן און אין אָוונט אָנקוקן הערצלס אָרון. דער טייל פון שטאָט ווו מיין קרוב האָט געוווינט, האָט געקאָנט אָנקוקן דעם אָרון פון צוועלף אַזייגער ביינאַכט ביז צוויי, האָבן מיר געהאַט אַ פרייען אָוונט. אויף יענעם אָוונט האָט די הבימה אַנאָנסירט, אַז זי וועט שפּילן

די דראַמע „בערבות הנגב" — אין די וויסטעניש פון נגב. האָבן מיר באַשטימט צו גיין אין טעאַטער.

בייטאָג בין איך געגאַנגען קויפן בילעטן. איך בין געפאָרן אַ גאַנץ היפּשע צייט מיטן אויטאָבוס. איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס דער טעאַטער געפינט זיך נישט אין געשעפט־צענטער. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז עס שאַדט נישט דעם טעאַטער.

איך בין אָראָפּגעשטיגן אויף אַ שיינעם, שטילן סקווער, אַרומגערינגלט מיט שטילע, נישט קיין געשעפט־גאַסן. אַרומגערינגלט מיטביימער, איז געשטאַנען אַ פּראַכטפולער בנין רונד געבויט. צענדליקער טרעפּ האָבן מיך אַרייַנגעפירט צום בילעטן־ביוראָ. איך בין געבליבן שטיין אויף אַ ברייטער פּלאַטפאָרמע, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם רחבותדיקן סקווער. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קולטור־ענינים אין מדינת ישראל, האָב איך זיך אויסגעלערנט נישט צו ווערן צו איבעראַשט. אָט האָט אַזאַ קליין שטעטל ווי רעננה צוויי ביכער־געשעפטן. איין ביכער־געשעפט האָט געהאַנדלט מיט צייטונגען, זשורנאַלן און לייכטער ליטעראַטור און דאָס אַנדערע ביכער־געשעפט האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף סאָלידע ביכער. אין תל־אביב, וואָלט איך געשוווירן, געפינען זיך פּראָפּאָרציאָנעל, מער ביכער־געשעפטן ווי בארס (שענקן) אין ניו־יאָרק. דאָך האָט מיך דער וווּנדערבאַרער בנין פון דער הבימה אימפּאָנירט. עס באַווייזט אַז דער ישוב פאַרשטייט, אַז מדינת ישראל איז נישט גלאַט אַ מלוכהלע פון אַ באַלקאַניש פאָלקעלע, אָן טראַדיציע און אָן געשיכטע. ס'איז אַ יידישער ישוב, וואָס טראָגט דעם יאָך פון אַ דריי טויזנט יאָריקער קולטורעלער ירושה, און קולטור איז אַ טייל פון ישובס לעבן, אָט ווי דער טראַקטאָר און די ביקס.

איך בין צוגעגאַנגען צום בילעטן־פענצטערל. איך האָב גערעדט יידיש צו דער פאַרקויפערין:

— גיט מיר גוטע בילעטן, אין צענטער, נישט ווייט פון דער בינע. מיין משפחה איז אביסל שטומפּיק אויף דער עברי, איבערהויפּט ווען עס קומט צו העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה־אויסשפּראַך.

זי האָט אַ שמייכל געטון: — איך האָב פאַר אייך אַזעלכע בילעטן.

— וואָס לאַכט איר פון מיר? — האָב איך איר געפרעגט.

— חלילה, איך לאַך נישט, — האָט זי געענטפערט, — אָבער איך האָב שוין געהערט דעם פּזמון היפּשע עטלעכע מאָל. איך האָב עס געהערט אין מאָסקווע, דערנאָך אין כל תפוצות ישראל, און איבערהויפּט אין ניו־יאָרק. אין טוריסטן־סעזאָן הער איך דאָ, אין תל־אביב, אויך די זעלבע פראַגע. איך וויל דערלעבן די צייט, ווען אַלע יידן וועלן קאָנען עברית.

איך האָב זייער געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך, אָבער הינטער מיר איז געשטאַנען אַ לאַנגע שורה פון בילעטן־קויפער.

די דראַמע „אין די וויסטענישן פון נגב", האָב איך פריער געלייענט. דער סוזשעט איז אַן אַלטער. שוין מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך ענלעכעס געלייענט אויף ענגליש; נעמלעך: דער קאָמענדאַנט דאַרף שיקן עמעצן אויף אַ זייער סכנותדיקער שליחות. דער פּאַסיקסטער פאַר דער שליחות איז זיין איינ־ציקער זון. פאַרשטייט זיך אַז דער זון ווערט געהרגעט און דער קאָמענדאַנט ווייזט אַרויס זיין פּאַטריאָטיזם מיט זיין סטאָאישער האַלטונג.

אַרום דעם סקאַרבאָוון סוזשעט האָט דער מחבר געבויט די דראַמע. אָבער דער הינטערגרונט, די מיליע איז געווען אַן עכט ישראלדיקע, און לייענען, לייענט זיך די דראַמע נישט שלעכט. נתפּעל צו ווערן איז נישטאָ פון וואָס, נאָר ביים ישוב האָט די דראַמע אויסגענומען. בעסער געזאָגט: „אין די וויסטענישן פון נגב" האָט אָנגעריסן גרויס. איבערהויפּט זענען די יידן פון ישראל נתפּעל גע־וואָרן, וואָס די יונגע העלדן אין דער דראַמע האָבן גערעדט אַ העברעאישן סלענג. אויך האָט איין זעלנער אין דער דראַמע גערעדט כמעט אויסשליסלעך יידיש. אַזוי איז די פאָרשטעלונג געווען די סענסאַציע פון ישוב און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געוואָלט פאַרפעלן די געלעגנהייט צו זען אַ טריאומף פון דער בימה.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. עס איז געווען אַ מיטנוואָך און נישט קיין בענעפיס און אין טעאַטער האָט מען נישט געקאָנט קיין שפּילקע אריינ־קוועטשן. דאָס שפּילן איז געווען פּראַכטפול. איבערהויפּט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס די ראָלן פון די יונגע באַראַקטערן האָבן טאַקע געשפּילט יונגע אַקטיאָרן. ס'איז געווען אַ פרייד צו זען אַזויפיל יוגנט אויף דער בינע און אין טעאַטער. אָבער די דריי זאַכן, וואָס האָבן אויך מיר געווירקט, זענען געווען: דער עולם, דער אַקטיאָר, וואָס האָט גערעדט יידיש, און אַ פרייטיק־צו־נאַכט סצענע.

דער עולם האָט מיר געגעבן דעם שליסל צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער ישוב איז אַזוי פאַרקאָכט אין דער דראַמע. דער גרעסטער טייל פון די באַזוכער איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן דורכגעלעבט די גאַנצע מלחמה־טראַגעדיע. חוץ די גרויסע צאָל זעלנער אין טעאַטער, זענען אויך געווען אַ סך טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער אין די שלאַכטן. אין אונדזער ריי זענען געזעסן אַזעלכע דריי פּאָרלעך. קאָנטיק אַז די פאַרלוסטן אין דער מלחמה זענען געווען שרעקלעכע, מען האָט דאָך אפילו ביז איצט אָפיציעל נישט פאַרעפנט־לעכט די פאַרלוסטן. האַרט נעבן אונדז איז געזעסן אַ פרוי און האָט געבליפּעט

שטיל און איינגעהאלטן. מען האָט ממש געקאָנט פיזיש אָנטאַפּן דעם ציטער אין טעאַטער ביי יעדער סכנותדיקער סצענע. אויף דער בינע האָט מען געשפּילט טעאַטער, גוט געשפּילט! און אויף די בענקלעך האָט דער עולם איבערגעלעבט די גרוילן אויף אַן אמתן. דאָס האָט געמאַכט פון דער פאָרשטעלונג נישט קיין שפּיל נאָר אַ דראַמאַטישע ווירקלעכקייט.

דער אַקטיאָר וואָס האָט גערעדט יידיש מיט אַ געמיש פון שלעכטן העברעאיש האָט פאָרגעשטעלט אַ גח״ל (גאַכאַל) אַ סאָלדאַט פון גלות מאָביליזאַציע — גיוס-חוץ-לארץ. ווען ער האָט גערעדט יידיש האָט דאָס טעאַטער זוי אויפגעציטערט. איך האָב געהאַט אַ טאָפּלטן געפיל: אַ טייל פון עולם האָט אויפגעלעבט ווען ער האָט דערהערט מיטאַמאָל אַזעלכע נאָענטע, היימישע, באַקאַנטע און נאַטירלעכע קלאַנגען און ווערטער פון אַן אייגענעם נישט געקינצלטן לשון. אַן אַנדער טייל פון עולם איז פשוט אַריינגעפאַלן אין התפעלות, וואָס מען רעדט יידיש אויף דער בינע פון הבימה. איך האָב מיט יאָרן צוריק בייגעוווינט אַזאַ התפעלות אין ניו-יאָרק, ווען דער סינעמאַ אַקטיאָר דזשיימס קאַגני האָט אַרויסגערעדט אַ פּאָר יידישע ווערטער אויפן לייוונט. דערווייל האָב איך זיך דערוווסט פון הינטער די קוליסן, אַז אין די ערשטע פאָרשטעלונגען איז דער גחל״ניק געמאָלן געוואָרן נישט נאָר ווי אַ נעבעכל, נאָר פשוט ווי אַ פּייגלינג, ווי אַ גלות-ייד דאַרף זיין על פּי טעאָריע. אָבער די פּלמחניקעס און די סאַברעס האָבן געמאַכט אַ סקאַנדאַל: — ס'איז אַן אויסגעטראַכטער בילבול אויף יידישע סאָלדאַטן. די גחל״ניקעס זענען געווען פונקט אַזעלכע גוטע זעלנערס ווי די סאַברעס. נו, האָבן די אַקטיאָרן געענדערט דעם כאַראַקטער פון דעם גחל״ניק. ער איז נאָך אַלץ געבליבן אַ היפּש ביסל קאָמיש, איבערהויפּט מיט זיין מישן העברעאיש מיט יידיש, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן מוטיק און העלדיש ווי אַלע אַנדערע זעלנער אויף דער בינע.

די פּרייטיק צונאַכט סצענע אין דער געדרוקטער דראַמע איז ווייט פון צו זיין אַ ספּעקטאַקל. אין בוך שילדערט דער מחבר אַ פרייטיק צונאַכט אין קיבוץ אין דער צייט פון באַלאַגערונג. די מענטשן זענען הונגעריק, אָפּגעריסן און שמוציק. דער קאָמענדאַנט פון קיבוץ רעדט מיט דער צוקונפטיקער שנור זיינער און זיי דערמאָנען זיך וועגן די אַמאָליקע פרייטיק צו נאַכטן אין קיבוץ ווען ס'איז געווען רואיק אין לאַנד. אַך, ווי גוט עס איז געווען! מען איז געקומען פון פעלד און גענומען אַ הייסן שפּריץ און זיך איבערגעטון. מען האָט אָנגעטון געפּרעסטע הויזן און אַ פרישע אויבערהעמד. מען האָט די שיך אָפּגעפּוצט און די האָר פאַרקעמט. נאָכן שפּריץ איז מען געגאַנגען שפּאַצירן. מען האָט זיך געזעצט נישט געאיילטערהייט צום עסן. די קינדער זענען געזעסן

ארום טיש מיט טאטע מאמע. נאכן עסן האט מען געשמועסט אדער געזען א סינעמא בילד. מען האט זיך דאך נישט געדארפט איילן צו גיין שלאפן. מארגן איז דאך שבת!

די סצענע, ווי געשילדערט פון מחבר, איז אן אפשפיגלונג פון די אמתע פרייטיק צו נאכטן אין די מערסטע קיבוצים. — נישטא אין די אונטן קיין זכר פון שבתדיקער פייערלעכקייט און צערעמאניאל.

אויף דער בינע האט מען אפגעשפיגלט גאר אן אנדער פרייטיק צו נאכט. לויט זייער שפילן איז אויסגעקומען, אז מען צינדט ליכט אין קיבוץ, מען גרייט צו א ספעציעלן מאלצייט און מען זינגט שטיקלעך פון דאווענען. די אקטיארן האבן געזונגען אדער בעסער רעציטירט, מיט א ניגון פין מעביר זיין די סדרה, פסוקים פון פרשה פנחס. די פסוקים זענען געווען א סימבאלישע אנצוהערעניש אויף די פאסירונגען פון שפעטער. דער הויפט אקטיאר האט געזונגען זים: — וביום השבת שני כבשים בני שנה תמימים — און אין טאג פון שבת איז מען מקריב צוויי שעפסעלעך אייניאריקע אן א פעלער — א סימבאלישע אנצוהערעניש אויף די יונגע קרבנות.

ווייניק פון עולם האבן געפילט, אז א ליגן ווערט אפגעשפילט אויף דער בינע, ווייל עס איז געווען גוט טעאטער. ווען איך האב באמערקט צו א קיבוצניק, אז ס'איז נישט אזוי אין לעבן פון קיבוץ, האט ער מיר געענטפערט:

— טעאטער שטעלט נישט פאר אלעמאל ווי דאס לעבן איז, אפט שילדערט עס, ווי עס דארף זיין לויט דער לאגיק פון געשעענישן. פרייטיק צו נאכט דארף זיין פרייטיק צו נאכט ווען ס'איז דא הארץ און גלויבן. מיר זוכן, אין א סך קיבוצים פרובירט מען עפעס טון. ס'האט נאך דערווייל א טעם פון רויע קארטאפל, אבער עפעס דארף געטון ווערן.

די טעאטער פארשטעלונג האט אונדז איבערגעלאזן אין א זייער צעטרייסלטער שטימונג. מיר האבן אין זיך איינגעזאפט די שרעק און ראנגלעניש פון ישוב און די פרייד פון נצחון. מיר זענען געווען אין דעם פאציקן געמיטצושטאנד צו גיין זען דר. הערצלס ארון. דאס אריבערברענגען הערצלסביינער איז געווען דער ריכטיקער פינאל צו דער מלחמה: אט איז דער זיג. דער קערפער פון דעם גאולה־טרוימער ווערט געבראכט אהיים נאך יארן און יארן וואלגערן זיך אין דער פרעמד.

ס'איז געווען א היפשער מהלך צו דער כנסת. דערצו האט מיין פרוי געהאט א קראנקן פוס, האבן מיר געזוכט א טאקסי. אבער אלע טאקסים זענען געווען פארנומען. א טאקסי שאפער האט זיך אויף אונדז דערבארעמט און אונדז צוגעזאגט צו קומען צוריק פון דער כנסת און אונדז נעמען אהין.

מיר זענען געשטאַנען אויפֿן ראָג פֿון גאַס און מיר האָבן געזען ווי אַלע הייזער ליידיקן זיך אויס. מענער, פֿרויען און קינדער און אַלטע לייט. אַלע ציען זיך צום כנסת. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ העלע, אַ לבֿנהדיקע. פֿון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס רוישן פֿונעם ים און די גאַסן זענען שוואַרץ געווען פֿון מענטשן. אָבער מאָדנע: — מען האָט נישט געהערט קיין טומל און קיין געלעכטער. דער עולם איז געווען ערנסט און שטיל ווי אין אַ רעליגיעזער שטימונג. מיין קרובֿ האָט צו מיר געזאָגט:

— ס'איז שווער צו באַנעמען, אַז מיר לעבן אין אַזאַ וווּנדערבאַרערער צייט. די שפּעטערדיקע דורות וועלן אונדז מקנא זיין. ס'איז נישט צו באַגרייפֿן מיטן שכל, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן. עס לעבן נאָך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט דר. הערצלען. איר האָט אים נאָך געדאַרפֿט געדענקען. ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? אָבער ס'איז שוין אַן אַנדער וועלט. נישטאָ די שטעטלעך פֿון פּוילן, ליטע און רייסן. דער טערק איז מער נישטאָ קיין באַלע־באָס דאָ אין לאַנד. די אַראַבער זענען נישט געוואָרן — אַנטרונען. אַ פֿרייע יידי־שע מדינה מיט אַ כנסת און הערצל קומט צוריק אין אויסגעטריימטן לאַנד.

ער האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך:

— איך געדענק נאָך ווי אין אונדזער פֿרומען יידישן הויז האָט מען הערצלס נאָמען נישט געטאָרט דערמאָנען, אויף די ליפּן נישט אַרויסברענגען. און איצט זיצט אין כנסת דעם רבנס אַן אייניקל און מיין פֿרומע מאַמע, וואָס איז שוין אַן אַכציקערן, האָט צוגעגרייט באַנדאַזשן פֿאַר די יידישע זעלנער אין דער צייט פֿון מלחמה. איך זאָג אייך, אַז מיר לעבן אין משיחס צייטן. ס'איז אתחלתא דגאולה, — דער אָנהויב פֿון דער גאולה. אַנדערש קאָן מען נישט דערקלערן ווי אַזוי ס'איז פֿון דעם שקלים שפּיל פֿון די יינגלעך און מיידלעך אין די שטעטלעך אויסגעוואַקסן אַ יידישע מדינה?

די טאַקסי איז אָנגעקומען. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און אָפּגעפֿאָרן. לאַנג זענען מיר אָבער נישט געפֿאָרן. אַ מיליטערישער פּאָליציימאַן האָט אונדז אָפּגעשטעלט: — עד כאן, ווייטער קאָן מען נישט פֿאָרן, די גאַסן זענען אָפּ־געצוימט.

מיר זענען אַרויס פֿון טאַקסי. דער עולם איז געווען געדיכט, אַזוי געדיכט, אַז מען האָט געריבן אַן אַקסל אין אַן אַקסל. אויף יעדער צוואַנציק מעטער איז געשטאַנען אַ מיליטערישער פּאָליציימאַן אָנגעטאָן אין פֿולער פֿאָרמע און געהיט די אָרדענונג. אָבער באמת זענען זיי געווען איבעריק. קיין פֿרידלעכערע מאַסע מענטשן האָט מען זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן. איך האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז דאָס זענען געווען די זעלביקע יידן, וואָס זענען געגאַנגען אַזוי פֿרום ראש השנה און יום כפור אין שול. אָט אַזוי פֿלעגט זיך אַ לאַז טון דאָס גאַנצע

שטעטל אין די ימים נוראים אין שול אריין, און די הייזער פלעגן בלייבן אויס־געליידיקטע. נאָר די עופהלעך אין די וויגן זענען געבליבן אין דער היים. נישט מער, די יידן איצט, וואָס גייען צום כנסת, זענען געווען רואיקערע און שטאָל־צערע, זיכערע און פריידיקע.

יידן ווי זאַמד ביים ברעג ים! ס'איז ענג, אָבער מען שטופּט זיך נישט. שבת־יום־טובדיקע יידן. מען גייט און מען גייט שטיל און ערנסט. איך האָב דערפילט אין זיך עפּעס אַ מאָדנעם ציטער: אַמאָל האָב איך אַזאַ סצענע געזען, נאָר עפּעס פעלט. מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט: — אַט אַזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, זענען געגאַנגען יידן צום הר הבית, צום בית המקדש ווען זיי האָבן געבראַכט ביכורים. נישט מער, מען דאַרף דאָך זאָגן די פּאַסיקע פּסוקים פון חומש. און איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אָן מיין פרוי און פאַרמאַכט די אויגן און געשעפּטשעט שטיל:

— אַ וואַנדערנדיקער אַראַמעער איז מיין טאַטע געווען, און ער האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים און האָט דאָרט געוווינט מיט ווייניק מענטשן, און דאָרט איז ער געוואָרן אַ גרויס און שטאַרק פאָלק. און די מיצרים האָבן אונדז שלעכטס געטון, און זיי האָבן אונדז געפּייניקט, און זיי האָבן אויף אונדז אַרויפגעלייגט שווערע אַרבעט. און מיר האָבן געשריגן צו גאָט, אונדזער גאָט, און ער האָט דערהערט אונדזער קול, און ער האָט דערזען אונדזער פּיין, אונ־דזער מאַטערניש און אונדזערע ליידן. און גאָט האָט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם, מיט גרויס מורא, מיט צייכנס און וואונדער. און ער האָט אונדז געבראַכט צו דעם אָרט און האָט אונדז אָפּגעגעבן דאָס לאַנד...

מיין קרוב האָט מיך אַ טרייסל געטון: — דר. סיימאָן, וואָס, איר זאָגט עפּעס אַ תפילה מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן? מיר זענען שוין דאָ.

איך האָב אויפגעעפנט די אויגן. דער אָפּגעצוימטער סקווער אַרום ים איז גע־ווען פאַרפלייצט מיט ליכט. אַנטקעגן מיר איז אויף אַ הויכער פּלאַטפאָרמע געלעגן דער ארון באַדעקט מיט דער יידישער פאָן און אַרומגערינגלט מיט גרויסע עלעקטרישע ליכט אין דער פאָרם פון סטעאַרנאָווע ליכט. צוויי זעלנער זענען געשטאַנען אין פאָרנט פון אָרון. זיי זענען געשטאַנען אויסגעצויגן ווי סטרונעס, ווי פאַרגליווערט מיט אַנטבלויזטע שווערדן אין די רעכטע הענט.

די מיליטערישע פּאָליציי האָט געפירט די שערענגע מענטשן דורך אָפּגע־צוימטע שטריך פאַרביי דעם אָרון און נישט געלאָזט קיינעם צו פאַרהאַלטן זיך לאַנג. „נישט בלייבן שטיין" — האָבן זיי געהאַלטן אין איין איבערחזרן, ווייל מענטשן זענען געווען אָן צאָל און אַ ברעג, נישט איבערצוציילן.

מיר האָבן זיך אַריינגעפּלאָכטן אין דער ריי און מיר האָבן זיך מיט פֿאַמעלעכע טריט דערנענטערט צום אָרון. ווען מיר זענען פֿאַרבייגעגאַנגען דעם אָרון און איך האָב זיך פֿאַרקוקט צום אַרויסגאַנג צום ים צו, האָב איך עפּעס באַמערקט הינטער דעם אָרון, האַרט בײַ דער הויכער וואַנט, וואָס מען האָט אויפֿגעשטעלט לעבן טראָטואַר ביים ים, אָפּצוטיילן דעם אָרון פֿון די מענטשן, וואָס גייען אַרויס פֿון די רייען; דאָרט אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ ייִד און זיך געשאָקלט איבער אַ גרויסן משניות. דער משניות איז געלעגן אויף אַ הויכן שטענדער, אַ ליכט האָט געברענט דאָרט, אַ פּראָסטע סטעאַרענאָווע ליכט. מיט אַ יאַרמעלקע, אָנגעטון ווײַלעריש אויפֿן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך דער ייִד פֿרום געשאָקלט און געברומט אַ טראַדיציאָנעלן גמרא-ניגון.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. אַ פּאָר הונדערט מעטער פֿון ראָג גאַס איז געשטאַנען אַן אַמבולאַנס פֿון רויטן מגן דוד, קראַנקן-שוועסטער, עטלעכע דאָקטוירים, און אַ היפּשע צאָל אַרויסהעלפֿער זענען געזעסן אויף בענק אַרום דער אַמבולאַנס.

מײַן קרוב האָט געפֿרעגט: — נו, עפּעס אַ סך אומגליק-פֿאַלן?

— דערווײַל קיין איינער נישט, האָט אַ יונגער דאָקטאָר געענטפֿערט, און דער זייגער איז שוין באַלד צוויי.

ס'האָט אונדז גענומען אַ פֿולע שעה ביז מיר האָבן זיך פֿאַרשלעפּט אַהיים. איך בין לאַנג געלעגן אויף דעם פֿײַן אויסגעבעטן געלעגער און נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. מאָדנע, ס'זענען נישטאָ קיין איבעראַשונגען אין דער ייִדישער געשיכטע. מיט העכער דרײַ טויזנט יאָר צוריק, האָט מען לויט דער טראַדיציע, געבראַכט אַהער יוספֿס ביינער און איצט הערצלס. איך האָב געטראַכט: ווי וואָלט הערצל געפֿילט ווען ער וואָלט געקאָנט זען מיט זײַנע אייגענע אויגן דעם פּאַראַד, וואָס מען האָט געמאַכט אַרום זײַן אָרון? נו, ער וואָלט זיכער געווען צופֿרידן. ער האָט דאָך מסתמא געזען אין זײַן ווין, די גענעראַלן, שטאַטסלײַט און בכלל וויכטיקע טויטע לײַט ליגן אַזוי פּאַראַדנע אין זייערע אָרונס, באַדעקט מיט פֿלאַגן, און אַן ערן-וואַך פֿון זעלנער מיט אַנטבלויזטע שווערדן היטן זיי. אַפֿילו דער ייִד מיט דער יאַרמעלקע, וואָס איז געזעסן פֿאַררוקט אין אַ ווינקל איבער דעם גרויסן משניות, איז אויך אין „גוטן טאָן”. רעליגיע האָט איר פּלאַץ אין אַ מאָדערנעם שטאַט. זי טאָר נישט זאָגן קיין דעה, אָבער איגנאָרירן זי טאָר מען נישט. יאָ הערצל וואָלט געווען צופֿרידן. ווען מײַן פֿרעגט אַ מערב-אייראָפּעאישן ייִד ווי אַזוי אויפֿצונעמען אַן אָרון פֿון אַ צוריקגעקערטן פֿירער, וואָלט ער געזאָגט אַז מ'דאַרף מאַכן פּונקט אַזאַ פּאַראַד ווי מען האָט געמאַכט.

אָבער און אָבער! וואָס וואָלט אַ ייד ווי אחד העם געזאָגט אויף אַזאַ ספּעקטאַקל? וואָלט אים געפעלן געוואָרן צו זען דעם אָרון איינגעוויקלט אין פלאַגן און צוויי זעלנער מיט אַנטבלויזטע שווערדן שטייען און היטן, און פאַר־רוקט אין אַ ווינקל שאָקלט זיך אַ ייד איבער אַ משניות?

איך האָב באַלד געוווסט דעם ענטפער. — איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס אחד העם האָט געשריבן וועגן הערצלס שילדערן פּסח אין אויסגעטרוימטן לאַנד, אין זיין בוך אַלט־ניילאַנד:

— „דאָס איז ווי פון מאַלפּעס, נאָכגעקרימט, אָן שום זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און אַ ריח פון „קנעכטשאַפט אין פרייהייט" הערט זיך פון אַלע זייטן..."

אינדערפרי ביים פרישטיק, זאָגט מיין קרוב: — איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב געהערט ווי איר האָט זיך אייך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. איך זאָג אייך:

— ווייל איז אונדז, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען אַזוינס מיט אונ־דזערע אייגענע אויגן.

איך האָב געשוויגן. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון, אַוועקגעלייגט גאָפּל־מעסער און געזאָגט:

— אַהאַ, איך זע שוין, עפּעס איז אייך נישט געפעלן. עס שטימט נישט ביי אייך מסתמא מיט אייער יידישקייט.

איך האָב אים רואיק איבערגעגעבן, וואָס איך האָב געטראַכט אין מיין שלאָפלאָזיקייט, און צוגעגעבן, אַז מען האָט נישט געדאַרפט מאַכן קיין גויאיש ספּעקטאַקל.

ער האָט אַ זיפץ געטון:

— ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פון אייך. דוכט זיך גוט, גוט. מיטאַמאָל אַהאַ! איר קלעטערט זיך שוין ווידער אויף די גלייכע ווענט. ווער קאָן אייך צופרידנשטעלן? ווער, פרעג איך אייך?

אפשר איז ער גערעכט געווען.

## קאַפּיטל נײַן

# כפר הגלה

טאָג איין, טאָג אויס אַ טיפֿער, בלויער, ריינער הימל און אַ ליכטיקע זון. איר שטייט אויף אינדערפֿרי און איר זעט אַז עס וועט זיכער נישט רעגענען. די ליכטיקייט און זוניקייט זענען טיפֿער, ממשותדיקער ווי ביי אונדז אין אַמעריקע. און די נעכט? מה יפים הלילות בכנען — ווי שיין זענען די נעכט אין כנען, זאָגט דער דיכטער. ס׳איז גוט, וואָס דער דיכטער האָט יעקאַרגט ווער־טער און נישט געפּרוווט באַשרייבן די נעכט פֿון ארץ־ישראל. מען דאַרף אַליין זיין ערגעץ אין אַ שטעטל אָדער אין אַ קיבוץ, שטיין אויף דער וועראַנדע אין אַ שפּעטיקער נאַכט־שעה, צו פֿילן באמת די שיינקייט, רואיקייט פֿון דער נאַכט, און די העלקייט, זילבערדיקייט פֿון דער לבנה, דעם גלאַנץ פֿון די שטערן און די דורכזיכטיקייט פֿון דער לופֿט.

די ערשטע פּאָר וואָכן ווערט איר ווי באַרוישט פֿון דעם קלימאַט. איר קאָנט זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער וואַרעמקייט, ליכטיקייט און טרוקנקייט. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט אייך שווער זיך צו באַוועגן אין מיטן טאָג. איר מוזט זיך צולייגן נאָך דער נאָכמיטיק־שעה. איר הייבט זיך אָן אויסהיטן פֿון גיין אָן אַ היטל אין מיטן טאָג, און איר פֿילט, אַז איר קאָנט זיך נישט באַ־וועגן אַזוי שנעל און אימפּעדיק ווי אין אונדזער קלימאַט.

דאָך פֿילט איר זיך נישט שווער און אָפּגעלאָזן. איר פֿילט נישט די קער־פּערלעכע שווערקייט, וואָס איר פֿילט אין ניו־יאָרק אין אַ הייסן טאָג. פֿאַר־קערט, אין דער האַלבער פֿוילקייט פֿון קערפּער פֿילט איר אַ וואַכזאַמקייט, אַן עקזאַלטאַציע און אַ שטענדיקן עקסטאַז. די חושים זענען פֿאַרשאַרפֿט און איר זענט סענסיטיוו צו אַלץ, וואָס איז אַרום אייך. איר הייבט אָן טראַכטן, אַז

טאקע נאָר דאָ האָט געקאָנט אויפקומען די עקזאַלטאַציע פון די נביאים. איר הייבט אָן גלויבן, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם מאמר פון גמרא: אוירא דארץ ישראל מחכים — די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג. זי מאַכט אַ מענטשן וואַכזאַמער, און ער קאָן אויפכאַפּן זאַכן גרינגער און טיפער.

איך שרייב דאָס אַלץ, ווייל מיר קומט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אין די דריי חדשים, וואָס איך בין געווען אין ישראל, געדענק איך נישט קיין טאָג, וואָס איז אויף מיר געפאַלן שווער מיט זיין לײדיקייט, נודנעקייט און צוועק־לאָזיקייט. יעדער טאָג איז געווען ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן, פול מיט דער־וואַרטונג, מיט אינערלעכן אומרו און מיט פרייד.

אמת, איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן און אַרומגעגאַנגען, און די איינדרוקן האָבן געדאַרפט איבערגעקאָכט ווערן און ווערן אייגנס. אָבער דאָך זענען געווען טעג, וואָס איך בין געזעסן ביים ברודער אויף דער וועראַנדע און גאָרנישט געטון, געלייענט, געדרייכערט, געשריבן, געפּלוידערט מיט קינדער און געקוקט אויף די געציילטע פאַרבייפאָרערס און פאַרבייגייערס.

עס קאָן דאָך אָבער זיין, אַז איך בין נישט געווען עמאָציאָנעל איבערגע־זעטיקט, ווייל דאָס לעבן איז געווען אַנדערש און דאָך נישט ניי: די גאַנצע ירושה פון ווייטן עבר און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָט אים געגעבן אַן אַלט־נייעם קאָליר, מיט וועלכן איך האָב זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן. איך בין גע־ווען אין דער בחינה פון אַן עלטערן מענטשן, וואָס קומט צו זיין אַלטער היים, און יעדע קלייניקייט דערמאָנט אים זיין פרייליכע און זאָרגלאָזע יוגנט, און אין דער בחינה פון אַ קינד, וואָס זעט זאַכן צום ערשטן מאָל.

דערפאַר איז טאַקע יעדע נסיעה, אָפט נישט מער ווי צוואַנציק־דרייסיק מייל פון רעננה, געווען ביי מיר אַ געשעעניש.

איידער איך האָב זיך געלאָזט אין די קיבוצים האָב איך אָפּגעפּטרט עט־לעכע קלענערע נסיעות. איך האָב אַ סך יוגנט־חברים אין ישראל. איבערהויפּט דריי נאָענטע חברים, איינער אין חולון, לעבן תל־אביב, וועגן וועלכן איך וועל רעדן אין אַן אַנדער קאַפּיטל, און צוויי ייִנגערע חברים אין כפר חגלה.

כפר חגלה ליגט אין עמק חפר, אָדער בעסער אין געגנט חפר, וואָס אַ קלייִ־נער טייל אירער ליגט אין אַמאָליקן שומרון, און דער גרעסטער טייל — אין אַמאָליקער יהודה. כפר חגלה איז אָבער אין אַמאָליקן שומרון, צופוסנס פון די בערג פון אפרים. האַרט לעבן חגלה געפינט זיך דאָס דאָרף „כפר הרואה”, וואָס איז באמת אַ נאָמען נאָך הרב קוק, אָבער די איינוווינער טייטשן עס אויס ווי דאָס דאָרף פון דעם זעער, דעם נביא, און דער קיבוץ „גבעת חיים”.

די ווערטער אַליין: עמק חפר, הרי אפרים, כפר הרואה זענען באמת נישט

גלאַט ווערטער. ביי דעם, וואָס האָט געלערנט תנ״ך, רופן זיי אַרויס אַסאָסיאַציעס און בילדער, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין דער נשמה.

מיר האָט פאַראינטערעסירט צו וויסן פאַרוואָס מען האָט דעם דאָרף אַ נאָמען געגעבן חגלה. מען האָט מיר געגעבן אַזאַ דערקלערונג:

לויט מפרשים זענען די פינף טעכטער פון צלפחד געווען נעמע׳ פון שטעט און געפינען זיך אין עמק חפר. די גרינדער האָבן נישט געוואָלט אַ נאָמען געבן דעם דאָרף נאָך צלפחדס ערשטער טאָכטער, ווייל „מחלה" מיינט קראַנקייט. די צווייטע טאָכטער האָט געהייסן „נעה", וואָס מיינט אַ וואָגלערין, דאָס איז אויך נישט קיין פאַסיקער נאָמען. האָט מען דעם דאָרף דעריבער אַ נאָמען געגעבן נאָך צלפחדס דריטער טאָכטער „חגלה", וואָס מיינט טענצערין.

מ׳האָט מיר דערציילט, אַז עס האָט גענומען לאַנגע נעכט פון דיסקוסיעס, ביז וואַנען מען האָט זיך געאייניקט אויף דעם נאָמען.

כפר חגלה איז נישט ווייט פון רעננה. מיט אַ גוטן אויטאָמאָביל קאָן די גאַנצע נסיעה דויערן נישט מער ווי אַ צוואַנציק, פינף און צוואַנציק מינוט. אָבער מיט די אויטאָבוסן פון ישראל האָט די רייזע געדויערט כמעט דריי שעה, און עס האָט אויסגעזען גאָט וויים ווי ווייט. עס האָט טאַקע געשטימט מיט דעם באַנעם: הרי אפרים. די בערג פון אפרים קאָנען נישט זיין נאָענט פון וואַנען איר וווינט. זיי מוזן זיין גאָט וויים ווי ווייט.

קיין בילעט דירעקט צו כפר חגלה האָבן מיר נישט געקאָנט קריגן. מיר האָבן געקויפט אַ בילעט צו כפר הרואה. דער שאָפער האָט אונדז אַראָפגעלאָזן לעבן דעם שילדל פון „כפר הרואה", און אונדז געהייסן זיך נעמען רעכטס מיט די קוקורוזע־פעלדער.

מיין ברודער, מיין טאָכטער און איך האָבן געפאָלגט. מיר זענען אַוועק מיט דעם זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די פעלדער. מיר זענען געגאַנגען און געגאַנגען, און נישט געזען קיין סימן פון אַ ישוב. מיט־אַמאָל האָבן מיר דערזען ווי פון דער ווייטנס האָבן זיך דערנענטערט גע־שטאַלטן. מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט וואַרטן. בעסער פרעגן ווי בלאָנדזשען.

איך האָב דערזען אַ תימנער ייִדן מיט אַ שיטער בערדל און לאַנגע פאות. ער האָט געפירט אַ קליין אייזעלע. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף האָט אָנגעטריבן דאָס אייזעלע מיט אַן אָפגעשניטענעם צווייג. איך בין געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל: קעגן דער גרינקייט פון די פעלדער האָבן זיי אויסגעזען ווי גע־שטאַלטן אַראָפ פון אַ בלאַט גמרא.

מיר האָבן זיך באַגריסט מיט דעם תימנער ייִדן און געפרעגט אויף דעם וועג צו כפר חגלה. ער האָט זיך אָפגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ גמרא־ניגון, וואָס האָט געקלונגען אָריענטאַליש:

— ווען איר גייט גלייך איז א דריי קילאָמעטער צו כפר חגלה. איר וועט אָבער דארפן גיין דורך וויינגערטנער און מאראנצן־וועלדער, וואָס איז נישט קיין גוטער וועג. איז בעסער גייט צוריק צום כביש (שאָסיי) און גייט רעכטס ביזן שייד־וועג. נעמט זיך ווידער רעכטס גלייך מיט דעם נייעם שאָסיי און איר קומט גלייך אין כפר־חגלה. איי, וועט איר דאָך פרעגן — האָט ער געזאָגט מיט א מאָדנעם געזאנג, וואָס איז געווען עפּעס ווי א מין תפילה געמישט מיט אונדזער גמרא־ניגון — איר זייט געגאנגען מער ווי א האלבן קילאָמעטער אהער? נו, דאָס איז דאָך א פארלוסט, וואָס קאָן זיך נישט צוריקקערן — אבידה שאינה חוזרת — איז פארפאלן.

מיר זענען געגאנגען מיט אים צוריק צום שאָסיי. ער האָט אונדז דער־ציילט, אז ער איז שוין אין לאנד צוועלף יאָר. אים איז געווען שווער, זייער שווער צו לעבן. איצט, אז מען האָט באזעצט א תימנער געמיינדע דאָ אין א פארלאָזטן אראבישן דאָרף, איז אים גרינגער. ער האָט א דאָך איבערן קאָפּ, א שטיקל גאָרטן און א שטיקל פעלד. דערצו ארבעט ער שוין יאָרן אין א פּרדס. אָבער ער איז אן אָרעמער ייד, א קליין מענטשעלע און... ער האָט מיך ווי צע־טומלט מיט ארויסרעדן די צוויי ווערטער אויף ענגליש: ער האָט נישט קיין „וויטעמין פּי", וואָס מיינט פּראָטעקציע. ווען ער איז א שטיקל חשוב אין געמיינדע, וואָלט מען אים געגעבן א בעסער הויז און א שטיקל פעלד נענטער צום דאָרף.

מיר זענען ארויף אויפן שאָסיי, געזעגנט זיך מיטן תימנער און אים באַ־דאנקט. מיר האָבן זיך געלאָזט קיין כפר חגלה. אָפּגעגאנגען א היפּש שטיק וועג, האָבן מיר נאָך אלץ נישט געזען קיין שילד „כפר חגלה". מיר האָבן דערזען א גרופּע ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אויפן שאָסיי. האָבן מיר זיך אָפּגעגע־שטעלט און געפרעגט זיי דעם וועג. א מיטליאָריקער ייד האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון פּנים און געענטפערט: — „גייט גלייך מיטן כבים. איר גייט גלייך. איר קאָנט ניט פארזען דעם סילד. ס׳איז ניט סוער צו געפינען דאָס דאָרף".

אָפּגעזאָגט און שטארק א זיפץ געטון.

— ליטוואק מיינער, וואָס זיפצט איר? — האָב איך אים געפרעגט — עס שטייט דאָך געשריבן: „בזעת אפיך תאכל לחם" — מיטן שוויים פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט.

— יאָ, — האָט דער ליטוואק געענטפערט — „עס סטייט טאקע אזוי געסריבן, אָבער, אמעריקאנער פעטער מיינער, האָט איר געפּרווט ארבעטן אויפן סאָסיי און דערצו נאָך רעדן העברעאיס? אויףביידע זאכן מיטאמאָל האָב איך קיין כוח ניט. מיר האָבן גרינג געפונען דעם שייד־וועג מיט דעם

שילדל „כפר חגלה”, אונטער א גרעסערער שילד „גבעת חיים”. מיר האָבן זיך פאַרנומען אויפן וועג צום דאָרף.

אפנים, אז דער וועג איז געווען א סך לענגער ווי אַלע האָבן געמיינט. און אפשר זענען מיר געווען מיד פון דער היץ און פון דעם בלאָנדזשען. זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען. פון ביידע זייטן גרינע פעלדער, ווו עס האָבן גע־אַרבעט שפּריצערס, באַוואַסערט די גרינסן. ס'איז געווען שיין צו זען דאָס וואַסער צעפאַלן זיך אין הונדערט טויזנט טראָפּנס, וואָס האָבן געשאַפן רעגנ־בויגנס. אָבער אונדז איז נישט איינגעגאַנגען דאָס פאַרגעניגן, ווייל מיר זענען געווען דאָרשטיק, זייער דאָרשטיק, און מיד.

דער וועג האָט אונדז אַריינגעפירט צווישן וויינגערטנער און מאַראַנצן־וועלדער. ס'איז געוואָרן קיל און שאָטנדיק. די היץ האָט אונדז שוין נישט גע־מאַטערט, אָבער דער דורשט איז נישט גרינגער געוואָרן.

מיר זענען אָנגעקומען צו א שמאָלן וועג, האַרט לעבן פּלויט פון א וויינ־גאָרטן, דאָרט איז געשטאַנען א וועגעלע מיט קאַוועס. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט.

— לאָמיר נעמען א קאַווענע — האָב איך געזאָגט — און שטילן אונדזער דורשט.

מיין טאַטע האָט פּראָטעסטירט:

— דאָס וועט דאָך זיין גנבה.

מיין ברודער האָט געזאָגט:

— מיר וועלן אָנהייבן רופן.

ער האָט צוגעלייגט די הענט צום מויל און גערופן:

— בעל־הכרם! איכה? (באַלעבאָס פון וויינגאָרטן, ווו ביסטו?)

דער אויסרוף האָט געקלונגען מאָדנע און עקזאָטיש. דאָס וואָרט „איכה” האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַסאָסיאַציעס פון חומש, ווי גאָט רופט אדמען: איכה — ווו ביסטו? אָבער נאָך מער דער איינפאַכער אויסדרוק „בעל־הכרם”. עס האָט מיך דערמאָנט דעם מאמר פון גמרא: „יבוא בעל הכרם ויכלה את קוציו” — „זאָל קומען דער באַלעבאָס פון וויינגאָרטן (גאָט) און פאַרלענדן די דערנער”. שטייט מיין ברודער און שרייט אויס: דו, גאָט, ווו ביסטו?

מיין ברודער האָט דעם אויסרוף איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. קיינער האָט נישט געענטפערט.

איך בין געקומען צו זיך:

— נו, מיר וועלן עפּענען א קאַווענע — האָב איך געזאָגט — קיינער ענטפערט דאָך נישט. מיין טאַטע האָט נישט געלאָזט:

— ניין, ס'איז אלץ גנבה. מ'טאָר נישט גנבענען.

איך האָב געמאַכט אַ פּשרה. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע און צוגע־שטאָכן מיט אַ שפּילקע צו אַן אַנדער קאָווענע:

— איך, דאָקטער שלמה סיימאָן, וואָס וווינט איצט צייטווייליק אין רעננה און קום פון ברוקלין, אין אַמעריקע, האָב גענומען אַ קאָווענע אָן אייער רשות. אויב איר וועט שרייבן קיין רעננה, וועל איך אייך צושיקן די פינף פּיאַסטערס (15 סענט).

מיין טאַכטער האָט זיך בארואיקט און מיר האָבן געעפנט די קאָ־ווענע און געשטילט אונדזער דורשט.

מיר זענען אָנגעקומען אין כפר חגלה.

מיינע צוויי חברים וווינען אַ שטוב לעבן אַ שטוב. איך בין אַריין דורכן הויף און האָב זיי געטראָפן אין גרינס-גאָרטן סאָרטירן טאָמאַטן, גרינע פּע־פערלעך און אוגערקעס. זיי זענען ביידע געשטאַנען אָנגעטון אין הויזן און אונ־טערשטע העמדער, באָרוועסע, אָן היטלען, די האָר שוין חדשים נישט געשוירן. זיי האָבן אויסגעזען ווי טיפּישע פּויערים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיך נישט דערקענט. זיי האָבן אָבער געקענט מיין ברודער און האָבן זיך אָנגע־שטויסן ווער איך בין. זלמן, דער ייִנגערער, האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

— שלמקע! סוף־כל־סוף ביסטו געקומען צו אונדז. וואַרט נאָר, איך וויש אָפּ די הענט אין גראָז און דערלאַנג דיר אַ שלום עליכם. נו, מאיר — האָט ער זיך אַ קער געטון צום שכן־חבר — האָסט אים דערקענט?

מאיר האָט אויך געווישט די הענט און געזאָגט:

— ווען ער וואָלט געטראָגן אַ באָרד, איז ער געראָטן אין דעם טאַטן זיי־נעם. אָבער דערקענען? נאָך אַכט און דרייסיק יאָר, אַז מ'זעט נישט אַ ברודער אפילו, קאָן מען אים נישט דערקענען.

אין שטוב איז געוואָרן אַ שמחה. זייערע ביידנס ווייבער זענען אויך גע־קומען פון מיין שטעטל. מען האָט זיך אַביסל געאַמפּערט ווו מיר זאָלן עסן. סוף־כל־סוף איז געבליבן, מ'זאָל אַרויסטראָגן דעם טיש אויף דער וועראַנדע און פון ביידע קיכן וועט מען אַרויסברענגען עסן.

די „שוואַרצע חנה" — אַזוי הייסט זלמנס ווייב — האָט געזאָגט מיט באַדויער:

— ווען מיר ריכטן זיך אויף אייך, גרייטן מיר אָן אַ וואַרעמס וואָס וואָלט געהאַט דעם אמתן טעם. אָבער איצט וואָס קענען מיר אייך געבן? קאַלינקאַ־וויטשער עסן: אַ פּערלגרויפּענעם קרופּניק, פּיש־קאַרטאָפל און בלינצעס.

— הער, דו „שוואַרצע חנה" — האָב איך געזאָגט — גוט, וואָס דו האָסט

זיך נישט געריכט אויף מיר און נישט אָנגעגרייט קיין מארצעפּאנעס. דערלאַנג דאָס היימישע עסן און לאָמיר הנאה האָבן. שוין לאַנג נישט געגעסן קיין פיש־קאַרטאָפל און אַ היימישן קרופּניק. כ'האָב שוין כמעט פאַרגעסן דאָס וואָרט קרופּניק.

זלמן האָט אַרויסגענומען פון ערגעץ אַ פלאַש וויין, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דאַלאָניע אין דעק, און די פּראָבקע איז אַרויסגעשפּרונגען גלייך צו דער סטעליע. מיר האָבן גענומען צו גלאָז וויין, געטרונקען לחיים און זיך גע־זעצט עסן. נאָכן עסן, ווען מען האָט אָפּגערייניקט דעם טיש, האָט מען אַריינ־געבראַכט נאָך אַ פלעשל וויין. מיר האָבן געטרונקען, פאַררויכערט און אָנגע־הויבן שמועסן.

זיי האָבן מיר דערקלערט, וואָס עס מיינט אַ מושב עובדים, און ווי אַזוי דער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעט. איך האָב זיי געדולדיק אויסגעהערט, ווי איך וואָלט אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט מיט דעם ענין. ס'איז זייער טשיקאַווע צוצו־קוקן דעם ענטוזיאַזם פון די ייִדן פון ישראל. יעדער איינער רעדט פון זיין מושבה, פון זיין קיבוץ, פון זיין געגנט, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין ענ־לעכעס אין דעם גאַנצן ישוב. יעדער איינער האָט דאָך אָנגעהויבן פון ברא־שית און האָט די פרייד פון דעם שעפער.

אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס. איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיינע פראַגעס זענען נישט געווען קיין טאַקטישע. ווייל בעצם בין איך געווען פאַראינטערעסירט אָנצורעגן און אָפּט אויספרעגן דעם מענטשן, כדי אַרויסצוקריגן דעם אמתן ענטפער, נישט די איינגעחזרטע, אָנגענומענע און שאַבלאָנע ענטפערס.

— הערט נאָר — האָב איך געזאָגט — איך האָב אייך ביידן געקענט, ווען איר זענט נאָך געווען יינגלעך. איר קומט פון שיינע יידישע משפחות. אייערע טאַטעס האָבן געקענט לערנען. איר ביידע, ווי ווייט איך געדענק, זענט אויך געווען יינגלעך־לערנערס. איר האָט געקאָנט אַ שטיקל גמרא, אייך איז נישט געווען פרעמד די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן. איר זענט געווען, וואָס מיר האָבן אַמאָל גערופן, אינטעליגענטן. איצט וואָלטן מיר אייך גערופן אינטעלעקטועלע פּראָגרעסיווע יונגעלייט. פרעג איך אייך, איז עס אַ דערגרייי־כונג צו קומען קיין ארץ־ישראל און ווערן פּראָסטע פּויערים, אָט ווי די פּויע־רים אין די דערפער אַרום אונדזער שטעטל? איר זעט דאָך אויס ביידע ווי קאַרצאיער מוזשיקעס. (קאַרצאיע איז געווען אַ דאָרף, לעבן שטעטל, מיט זייער פאַרגרעבטע פּויערים).

זלמן האָט געענטפערט:

— זאָל מאיר רעדן. איך בין טאַקע אַ נענטערער חבר צו דיר ווי מאיר, אָבער ער איז פלינקער אויף דער צונג פון מיר.

און מאיר האָט געענטפערט:

— יאָ, אויסערלעך זענען מיר די זעלביקע פויערים ווי אין קאַרצאיע און דודאַוויטש, אָבער מיט צוויי אויסנאַמען: מיר זענען געוואָרן פויערים באַוווסט־זיניק און אונדזער קולטורעלע ניוואָ איז נישט נידעריקער ווי ביי אונדזערע טאַטעס אין שטוב. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן נישט די זעלביקע ווערטן. מיר לייענען ווייניקסטנס איין צייטונג אַ טאָג, אַמאָל צוויי. מיר נעמען אַ ספר אין האַנט. איך פרעג דיך, ביי וועלכן קאַרצאיער פויער איז געשטאַנען אַ שענקל ביכער אין הויז? מיר שיקן אונדזערע קינדער אין אַ מיטלשול. האָבן זיי עס געטון?

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז מיר זענען געוואָרן פויערים באַוווסטזיניק. מיר האָבן בדעה תחילה גענומען אויף זיך אויף אַ באַשטימטער צייט גאָר אַ נידעריקן עקאָנאָמישן מצב. מיר האָבן מוותר געווען אויף אַלע שטאָטישע באַקוועמלעכקייטן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז עס איז געווען צו פיל „זיידנס" אין שטעטל. דו געדענקסט ש. בן־ציונס דערציילונג „משי" (זייד)? אַ שטאָט פול מיט זיידענע יונגעלייטלעך, אָן אַ באָדן אונטער זייערע פיס. האָבן מיר באַ־שלאָסן איינוואָרצלען זיך אין דער ערד. מיר האָבן נישט בלויז געזונגען: „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה", נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן מיט זיך אַליין. זיך אַליין איבערגעבראָכן.

— און נאָך עפּעס. מיר האָבן געוואָלט אביסל מער זיכערקייט אין דער גוייִשער וועלט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט אונדזערע ברידער דאָרטן, האָט אויך געקאָנט טרעפן דאָ. אָבער דאָך דאָ וואָלט געווען אַנדערש. מיר וואָלטן זיך געקאָנט שטעלן קעגן שונא בעסער ווי זיי. דאָ איז פאַראַן נישט נאָר שטעט, נאָר אויך הינטערלאַנד. אַזעלכע מושבים ווי אונדזערע זענען פאַראַן אַ סך אין לאַנד. עטלעכע הייזקעס ווייט פון הויפּט־וועג, פאַררוקט אין וואַלד און נאָענט צו די בערג. מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי הילפלאָז ווי זיי. און אויך איר קאָנט האָבן זייער סוף.

— אויסערלעך זענען מיר פויערים, ווי אַלע פויערים אין דער וועלט. דו האָסט דאָך געזען: מיר אַרבעטן אין פעלד און אין אייגענע העמדער און הויזן. מיר זענען פאַרברענט פון דער זון. מיר באַוועגן זיך פאַמעלעך, אויסגעגרעכנט. מיר זענען אין געוויסע הינזיכטן בני נח שנהרגים על שוה פרוטה — די קינדער פון נח, וואָס וועלן זיך לאָזן הרגענען פאַר אַ גראָשן. אונדזער חיונה קומט דאָך אונדז אָן אַזוי שווער. אָבער דאָך זענען מיר אַנדערש. ווי וואָלסטו געזאָגט: „מיר זע־נען יידישע פויערים". יידן זענען דאָך אַנדערש.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט אַפּאָלאָגעטיש:

— איך האָב שוין פאַר דיר געהאַלטן אַ גאַנצע ציוניסטישע רעדע, און איך האָב פיינט רעדעס, און אוודאי און אוודאי ציוניסטישע רעדעס.

איך האָב אים אָבער נישט אָפּגעלאָזן:

— אין גאַנצן האָט איר דאָ פופצן דונאַם ערד. דורך אינטענסיווער קולטי־ווירונג קאָנט איר ווי עס איז אויסקומען. אָבער וואָס וועט איר טון מיט די קינדער? אַ פויער וויל דאָך, אַז זיינע קינדער זאָלן בלייבן מיט אים. זאָל זיין, אַז אייך אַרט נישט, אַז אייערע זין און טעכטער, אויב איר האָט מער ווי איינעם, זאָלן אַוועק און גרינדן אַנדערע מושבים אָדער קיבוצים. אָבער כדי דער מושב זאָל בלייבן אַ מושב, מוזט איר דאָך האַלטן איין קינד ביי זיך. ווי קאָנען פופצן דונאַם מפרנס זיין צוויי משפחות?

— געווגג שלאָפלאָזע נעכט האָט אונדז דאָס פּראָבלעם פאַרשאַפט — האָט ער געענטפערט — מיר האָבן געוווסט, אַז די איינציקע לייזונג איז איינצו־שאַפן זיך מער ערד. אונדזער באָדן געהערט דאָך צום קרן קימת. נו, האָבן מיר געפּרווט קויפן ביי די שכנישע אַראַבער מער ערד. אָבער זיי האָבן נישט פאַר־קויפט. איצט נאָכן נצחון רעדט מען, אַז מ׳זאָל יעדן איינעם פון אונדז געבן נאָך צוואַנציק דונאַם באָדן, דאָס הייסט צו יעדן איינעם, וואָס האָט אַ זון אָדער אַ פאַרהייראַטע טאָכטער, וואָס וויל פאַרבלייבן אויפן טאַטנס באָדן. די איבע־ריקע זין און טעכטער זאָלן זיי גיין, ווי דו האָסט געזאָגט, און שאַפן נייע מוש־בי עובדים אָדער קיבוצים. דער שרון איז נישקשה באַזעצט, אָבער דער גליל און נגב זענען פאַרוואַרלאָזט. הלוואי האָבן מיר אַזוי פיל מענטשן פאַר דעם באָדן, וואָס מיר האָבן איצט.

איך בין ווייטער צוגעשטאַנען צו אים:

— דו זאָגסט, אַז איר שיקט די קינדער אין מיטלשול. ווי אַזוי קאָן אַזאַ קליינער מושב זיך פאַרגינען אַ מיטלשול?

ער האָט אַ זיפץ געטון:

— ס׳איז שווער. מיר האָבן געמאַכט שותפות מיט נאָך אַ מושב. די קינ־דער דאַרפן גיין ווייט. די צרות נעמען זיך פון דעם, וואָס מיר זענען פאַרט ווי אונדזערע טאַטעס. מיר זענען גרייט צו גיין ביזן בלוט איבער אַ קוצו של יוד. ס׳איז אַ לאַנגע מעשה, אָבער איך וועל עס מאַכן בקיצור:

— מיט אונדז גרענעצט זיך דער קיבוץ ג. ח. אָט דאָ, גלייך הינטער זלמנס פלויט, הייבט זיך אָן דער קיבוץ. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהער און ביי אונדז זענען אונטערגעוואַקסן עטלעכע קינדער, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר האָבן גאָר נישט וואָס צו דאגהנען וועגן אַ קינדער־שול. אונדזערע קינדער וועלן גיין אין דעם בית־הספר פון קיבוץ. פאַרשטייט זיך, מיר וועלן צוטראָגן אונדזער חלק

פון פינאַנציעלן יאָך. נו, האָבן די קיבוצניקעס געזאָגט: לאַ מיט אַ גרויסן אלף. מיר האָבן זיי אָנגעקלאָגט פאַר דעם מפא״י און פאַרן מפ״ם. אמרו לאלהים — שריי צו דער וואַנט! מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. האָבן מיר געגרינ־דעט אַן אייגענעם קינדער־גאָרטן. אָבער די עלטערע קינדער האָבן מיר גע־מוזט פירן אין אַן אַנדער מושב עובדים.

— און איצט — האָב איך געפרעגט — איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו אַ פאַרשטענדעניש?

— ביסט אַ נאַר. פאַרשטייסט נישט די קיבוצניקעס. זיי לאָזן דאָך נישט זייערע קינדער זיך שפּילן מיט אונדזערע. טייל פון אונדז זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווילן נישט, אַז זייערע קינדער זאָלן זען, אַז עס זענען פאַ־ראַן יידן, וואָס פאַרמאָגן אַן אייגן הויז, אַן אייגענע שטאַל מיט אַן אייגענער בהמה, און אַן אייגן שטיקל פעלד, און דאָך זענען זיי נישט קיין עקספּלואַטאַ־טאָרס, קיין בלוט־זויגערס, און נישט קיין אויסוווּרפן, וואָס לעבן אויף יענעמס פּראַצע. אָבער איך מיין, אַז זיי ציטערן פּשוט פאַר זייער שולחן־ערוך. לויט מאַרקסן און ענגלס מוזן מיר, מושבניקעס, קליינע פּויערים, זיין צוריקגעשטאַ־נען, רעאַקציאָנער און פיינט פון אַרבעטער־קלאַס. פאַרשטייט מיך, אין קיבוץ לערנט מען די קינדער, אַז משה רבנו האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים און זיי געבראַכט גלייך אין קיבוץ אַריין. די פאַר טויזנט יאָר צווישן יציאת־מצרים און דער גרינדונג פון קיבוץ זענען נישט וויכטיק. ס׳איז אַ בלויז אין יידישער געשיכטע.

זלמן האָט זיך צעלאַכט:

— נו, גענוג געדרשנט, מאיר, לאָמיר אים ווייזן אונדזער משק.

איך בין געגאַנגען מיט זיי, גלייך ווי איך האָב נאָך קיין איין און איינ־ציקן משק אין לאַנד נישט געזען. איך האָב זיי נישט געוואָלט זאָגן, אַז איין הינער־שטייג קוקט אויס פּונקט ווי די אַנדערע, אַז אַלע קעלבער האָבן איין פּנים און אַז אַ גרינס־גאָרטן איז אַ גאָרטן, וווּ אומעטום וואַקסן גרינסן. אוודאי האָב איך זיי נישט געקאָנט דערציילן, אַז איך קאָן נישט נתפעל ווערן פון זייער שפּייז־קראָם. איך האָב זיי דאָס נישט געקאָנט זאָגן, ווייל זיי זענען מיר נעגאַנגען ווייזן פּופּצן יאָר שווערע פּראַצע און שווייס, פופצן יאָר באַ־וואַסערן און באַאַרבעטן אַ טויזנט יאָר פאַרוואַרלאָזטן באָדן, וואָס זיי האָבן געצווונגען צו מאַכן וואַקסן גרינסן און ביימער. רויטע ערד פאַרוואַקסן מיט דערנער און טרוקענע גראָזן פאַרוואַנדלט אין מאַראַנצן־גערטנער און ווײַנגערט־נער.

זיי האָבן מיך אַרויפגענומען אויפן שפּיץ פון וואַסער־טורעם. מיר האָבן געקענט זען די לאַנדשאַפט אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום. גלייך, מיט

דער האַנט צו דערלאַנגען, אויף די בערג, האָבן זיך געזען אַראַבישע דערפער.
מיין באַגלייטער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— יאָ, די סכנה איז גרויס. גלייך אונטער דער נאָז וווינען די שונאים. און אין די אַראַבישע דערפער דאַרטן זענען דאָ געגוג פּליטים. אָפט שמוגלען זיי זיך אַריבער אויף אונדזער זייט. ווען מ׳כאַפּט זיי און מ׳פרעגט זיי וואָס זיי טוען דאָ אויף דער יידישער זייט, ענטפערן זיי: „מיר זענען געקומען זען וואָס עס הערט זיך אויף אונדזער פאַרם אָדער הויז”. ווערסטו זאָגן, אַז די סכנה איז גרויס פאַר אונדז, אַ סך גרעסער ווי פאַר אייך אין גלות. דו דאַרפסט אָבער פאַרשטיין, אַז דער גורל האָט אַריינגעשפּילט אין אונדזערע הענט. דער פאַנטאַסטישער ציוניסטישער חלום, וואָס מיר האָבן געחלומט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די פּראַקטישע לאָגישע רייד פון די נעבטיקע „וויסנשאַפט־לעכע” קעפּ האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. אַט געדענק איך. וואָס אייער יצחק אייזיק בן אריה־צבי הלוי הורוויטש האָט געשריבן. איך האָב דעם צווייטן באַנד פון זיינע שריפטן ביי זיך אין הויז, און בלעטל איין און אַבציק איז ביי מיר פאַרבויגן לסימן:

„— נישט אין אוגאַנדע, נישט אין ירושלים — דער צוקונפטיקער ציון איז אין דער באַפרייטער וואַרשע.

— נו, וואַרשע איז באַפרייט, און ווו זענען די יידן?... נאָכן איצטיקן נצחון זענען מיר אפשר צו אָפּטימיסטיש. אוודאי איז פאַראַן אַ סכנה אין אונ־דזער איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם. אָבער ווען מענטשן האָבן געזען ממש מיט די אויגן נסים, ווילסטו זיי איבערשרעקן מיט אַ פאַרקילונג?

איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ מיט אים צו דיסקוטירן.

ס׳איז געוואָרן שפּעט. מיר האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן. זיי האָבן אונדז צו־געפירט מיט אַ פערד און וואָגן צום שאָסיי, ווו דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ. מיר האָבן זיך געזעגנט. די לעצטע רייד זייערע זענען געווען:

— בלייב דאָ. וואָס ווערסטו פאָרן צוריק? ווילסט טאַקע וואַרטן ביז אַ היט־לער וועט קומען אין אַמעריקע? דאָ וועלן מיר זיך פאָרט אַן עצה געבן.

די לעצטע רייד זענען פאַר מיר נישט געווען ניי. איך האָב זיי געהערט דעם ערשטן טאָג פון אַ קינד, און דערנאָך פון יעדן וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מויל. איצט בין איך געווען פערצן טעג אין לאַנד. ווען איך בין געזעסן אין אויטאָבוס, האָב איך אַ קוק געטון אין מיין נאָטיץ-ביכעלע: דאָס איז געווען דאָס הונדערט און אַכציקסטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט די וואָרענונג פון די יידן אין ישראל. פון יענעם טאָג אָן האָב איך אויפגעהערט עס צו פאַר־צייכענען און ציילן.

# קאַפּיטל צען

# אַ הכשרה־קיבוץ און אַ קינדער־דאָרף

איך האָב אויסגעשטעלט אַ רשימה פון די קיבוצים, וואָס איך האָב גע־זאָלט באַזוכן. איידער אָבער איך האָב זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג, האָב איך נישט געוואָלט פאַרזען וואָס עס טוט זיך אַרום רעננה. איך האָב נישט געוואָלט זיין אין דער בחינה פון יענעם טוריסט, וואָס קומט קיין אַמעריקע, דינגט אַ צימער אין ניו־יאָרק און לאָזט זיך איבערן לאַנד, און פאַרקוקט ניו־יאָרק.

אין יידן־לאַנד האָט יעדער ווינקל, יעדעס דערפל זיין קאָליר. ס'איז גאָר אַנדערש ווי אין אַמעריקע, וווּ מ'דאַרף פאָרן מיילן ווייט, כדי צו זען עפּעס אַ וואַריאַציע אין יידישן לעבן. דאָרט קאָן זיין פופצן מינוט גאַנג פון אייך עפּעס אַזוינס, וואָס איז געבויט אויף גאָר אַנדערע יסודות.

יידיש לעבן אין אַמעריקע איז סטאַביל, מער אָדער ווייניקער אויסגעגאָסן פון איין פורעם. אַנדערש איז עס אין מדינת־ישראל. דער ישוב, איידער נאָך ער איז געוואָרן מדינת־ישראל, האָט אויף זיך גענומען איבערצושאַפן דאָס יידישע פאָלק. אַ נייער פּרינציפּ איז איינגעשטעלט געוואָרן: דער יחיד דאַרף זיך זאָרגן נישט נאָר פאַר זיין אייגענעם גייסטיקן און מאַטעריעלן גליק, נאָר זיין גורל דאַרף אַריינגעוועבט ווערן אין דעם גליק פון כלל. די אומה שטייט אין צענטער פון דעם יחידס לעבן, און ער, דער יחיד, דאַרף איינשטעלן זיין פּערזענלעך לעבן לויט דער פאָדערונג פון דער אומה.

מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס שטימט מיט דעם גאַנג פון דער מאָדערנער צייט. די טענדענץ פון די לעצטע צענדליקער יאָרן איז אַוועקצושטעלן די נאַציע, דעם שטאַט אין צענטער פון יחידישן לעבן. דאָך איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן ישראל און די אַנדערע מדינות.

דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין די לעצטע דריי און האַלב צענדליק יאָר גע־וואַלדיק געליטן. דער העכסטער פּונקט פֿון ליידן איז געקומען אין די צייטן פֿון היטלערן, ימח שמו. דער שאָדן, וואָס איז אָנגעטון געוואָרן דעם יידישן גוף און דער יידישער נשמה איז געווען אומגעהויער גרויס. מדינת־ישראל האָט זיך פֿאַרנומען צו פֿאַרריכטן דעם שאָדן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַזאַ פֿאַרנעם איז מחויב אַ מער עטישן צוגאַנג צום יחיד, ווי אין עטאַבלירטע מדי־נות. אַנדערע איינגעפֿונדעוועטע מדינות קאָנען זיך פֿאַרגינען צו איגנאָרירן דעם יחיד, כדי די אומה זאָל אויפֿגעריכט ווערן. מדינת ישראל מוז אָבער פֿריער רעהאַביליטירן דעם יחיד, כדי די מדינה זאָל איינגעשטעלט ווערן.

און ווייל דאָס פֿאָלק שאַפֿט זיך איבער, מוז עס האָבן אַ סך פֿרייהייט, כדי דער יחיד זאָל האָבן דעם אויסוואַל זיך צוצופּאַסן. דערפֿאַר, ווּהין איר קערט זיך און ווּהין איר ווענדט זיך, זעט איר עפּעס אַנדערש, עפּעס ניי, פֿריש, וואָס איבערראַשט אייך און פֿאַרוווּנדערט אייך.

אויף אַ שטח אַרום רעננה, וואָס איז קלענער ווי פֿון פֿלעטבוש ביז וויליאַמסבורג, געפֿינען זיך: קיבוצים, מושבי עובדים, משקים, הכשרה קיבוצים און קינדער־דערפֿער. צו אַ סך פֿון זיי קאָן מען צוגיין צופֿוס. איידער איך האָב זיך געלאָזן אין די מרחקים, האָב איך באַזוכט די ערטער אַרום רעננה.

איך האָב צוגעשפּאַצירט צו דעם הכשרה־קיבוץ ס־ה.

אַרום דעם קיבוץ זענען גרינע פֿעלדער, זייער פֿיין באַאַרבעט. פֿיינע גרינס־גערטנער און אַ היפּשער פּרדס — מאַראַנצן־גאָרטן. עטלעכע קי האָבן זיך גע־פּאַשעט אויף אַ לאָנקע, און פֿון הויף האָבן זיך געטראָגן קוואַקערייען פֿון הינער.

איך בין אַריין אין אַ גרויסן הויף. דאָס גראָז איז געווען אָרומגעשוירן. עס זענען געווען עטלעכע בלומען־בייטן, זייער פֿיין באַאַרבעט, און ביימער, פֿאַר־צווייגטע, וואָס האָבן געוואָרפֿן שאָטנס אויף דעם גראָז.

אויפֿן גראָז, אונטער די ביימער, זענען געלעגן יונגע טאַטע־מאַמעס און האָבן זיך געשפּילט מיט די קינדער. איך האָב זיך באַגריסט מיט זיי און זיך צוגעזעצט לעבן די קינדער.

דער קיבוץ איז געווען אַ האַלב־ליידיקער. האַלב פֿון די קיבוצניקעס זענען געווען אין נגב, צוגעגרייט דעם פּערמאַנענטן קיבוץ. זיי קומען יעדע צוויי וואָכן זיך זען מיט זייערע פֿאַמיליעס.

מען האָט מיך אויפֿגענומען, ווי אין גאַנץ ישראל, פֿריינטלעך, אָפֿנהאַר־ציק, און אַלע זענען געווען גרייט צו ענטפֿערן אויף מיינע פֿראַגעס.

נישטאָ אין קיבוץ קיין עלטערע פֿון דריי און צוואַנציק יאָר. זיי זענען פֿון

נוער עולה — פון דער יוגנט-עליה. די גרעסטע צאָל קומט פון מצרים, א קלע־נערע צאָל פון מאַראָקאָ, טערקיי און אַנדערע לענדער. אין לאַנד זענען זיי פון צוויי ביז דריי יאָר. אַלע קאָנען העברעאיש, צווישן זיך רעדן זיי אויף פאַר־שיידענע לשונות: אַראַביש, פראַנצויזיש און טערקיש. נאָר איין מיידל איז דאָרטן געווען, וואָס האָט גערעדט מיט מיר יידיש. זי איז געקומען פון רומעניע. דאָס גאַנצע מיידל איז קיין אַכצן יאָר נישט אַלט געווען. שוין כמעט א יאָר, אַז זי איז פאַרהייראַט. זי איז געווען אין ציפערן, און דאָרטן האָט זי זיך באַגעגנט מיט איר מאַן. ביידע האָבן זיך אין אָנהייב צוזאַמענגערעדט אויף שטום־לשון.

זיי האָבן מיך אַרומגעפירט ווייזן זייער אָרעמע באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן מיך דורכגעפירט דורך זייער עס־צימער, קינדער־צימער און שלאָף־צי־מערן פאַר די קינדער און דורך זייערע אייגענע צריפים.

קיין שול פאַר די קינדער האָבן זיי נאָך נישט געדאַרפט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער עלטער פון א יאָר. דערפאַר אָבער האָבן זיי געדאַרפט א סך קינדערשע שלאָף־בעטלעך. נישט אַלע מאָל האָבן זיי זיך געקאָנט פאַרגינען צו קויפן פאַרטיקע בעטלעך. האָב איך געזען היימיש-צונויפגעקלאַפּטע בעטלעך, וואָס איז געווען ווערט אָנצוקוקן.

— מיר ווילן דאָס אַלץ מיטנעמען אין נגב — האָבן זיי מיר דערקלערט — דאָ לאָזן מיר נאָר די געביידעס און צוויי זינגער־ניי־מאַשינען, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן אין גרויסן וואַרשטאַט צו פאַרריכטן אַלטע קליידער. אַלע אַנדערע זאַכן זענען אונדזערע. מיר האָבן אויף זיי געאַרבעט. מיר רעכענען צו זיין אין נגב באַלד נאָך ראש־השנה.

— פאַרוואָס האָבן מיר באַאַרבעט אַזוי גרינטלעך די פעלדער און פאַר־זייט אַזעלכע שיינע בלומען־בייטן, ווען מיר האַלטן אין אַרויסקלייבן זיך? נו, מיר זענען צייטווייליק דאָ, אָבער די ערד בלייבט דאָך שטענדיק. אַנדערע וועלן קומען אויף אונדזער אָרט, אַט ווי מיר זענען געקומען נאָך דעם, ווי דער פריערדיקער קיבוץ איז אוועק.

איך בין געזעסן מיט זיי אויפן גראָז און האָב אַלץ געוואָלט אויסגעפינען פאַרוואָס זיי זענען געקומען קיין ישראל. האָבן זיי שטאַרק געפילט אין זייער לאַנד דעם אַנטיסעמיטיזם? זענען זיי אַנטלאָפן פון אָרעמקייט? זענען זיי גע־קומען בויען יידן־לאַנד? זענען זיי געווען באַאומרואיקט וועגן דעם גורל פון יידישקייט?

די מערסטע האָבן געשוויגן, געקוועטשט מיט די פּלייצעס: זיי ווייסן נישט צוליב וואָס זיי זענען אַהער געקומען. עטלעכע האָבן מיר געזאָגט:

— מען האָט אונדז נישט דערציילט דעם אמת. די פירערס פון נוער־עולה האָבן אונדז צוגעזאָגט הרים וגבעות. נו, אַז מיר זענען אַהער געקומען און גע־

זען די אמתע לאגע, האָבן מיר נישט געקאָנט צוריקפאָרן. מען האט נישט גע־לאָזט. איצט אָבער זענען מיר צופרידן, וואָס מיר זענען דאָ.

אנדערע האָבן געזאָגט:

— ניין, פון אנטיסעמיטיזם האָבן מיר נישט שטארק געליטן ביז איצט. אָבער ווער ווייס וואָס מאָרגן וועט זיין? סוף־כל־סוף וועט מען אונדז אויס־שעכטן.

א יונג ווייבל, שווארץ ווי א ציגיינערקע, מיט א ליכטיקן יינגעלע אויף די הענט, האָט מיט א פולן מויל ארויסגערעדט:

— וואָס טויגן מיר „ציוניסטישע דרשות"? ס'איז גוט צו לעבן צווישן אייגענע. ס'איז גוט נישט צו דארפן טראָגן דעם עול פון יידישקייט. עפּעס א קליינינקייט: צו זיין א ייד און נישט פילן קיין יאָך? פאר מיר איז עס איבער גענוג.

איך האָב מיט זיי פארבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט. אין משך פון די קרוב צוועלף וואָכן, וואָס איך בין געווען אין ישראל, האָב איך זיך מיט זיי אָפט באגעגנט. מיין ברודערס הויז איז גלייך אויפן וועג פון קיבוץ צו רעננה. ווען זיי זענען פארבייגעגאנגען, האָבן זיי מיך באגריסט און אָפט זיך אָפּגעשטעלט באַפּן א שמועס. ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אז די עליה פון דער יוגנט האָט נישט געקאָנט פארווירקלעכט ווערן בלויז דורך נעגאַטיוון. אפשר ווייסן זיי נישט, די יונגע עולים, אָבער פאר מיר איז געווען קלאָר, אז די מערסטע זענען געקומען זיך צו באפרייען פון „צוגאָב־יידישקייט". זיי איז מיאוס געוואָרן צו לעבן א טאָפּלטן לעבן: א גאנצן טאָג גוייש און א פּאָר שעה אין וואָך יידיש, און טראָגן א יאָך, א משא פאר א יידישקייט, וואָס האָט ביי זיי נישט קיין זין. דאָ, אין ישראל, קאָנען זיי זיך אויפפירן ווי די שכנים־גויים, יואָס זיי האָבן געקענט, און דאָך זיך אליין נישט פארלייקענען. דאָס איז אפשר, נאָך מיין מיינונג, די אמתע טרייב־קראַפט פון א סך יונגע עולים.

---

א צען מינוט פון רעננה, צופאָרן מיטן אויטאָבוס, געפינט זיך א קינדער־

דאָרף. אין אמעריקע וואָלטן מיר עס גערופן א בית־יתומים, אָבער אין ישראל איז עס נישט בלויז אַן אָרט, וווּ מען האַלט אויס יתומים, צונויפגעקליבענע פון גאנץ אייראָפּע. ס'איז א דאָרף, וווּ קינדער ווערן צוגעגרייט צו ווערן בירגער פון נייעם יידישן פאָלק און מיטגלידער פון דער נייער עקאָנאָמיע. דאָס זענען נישט קיין מליצהדיקע רייד. ווען מען באַקענט זיך מיט דעם דאָרף, זעט מען די אַנ־דערישקייט און אייגנאַרטיקייט פון דעם בית־יתומים.

דאָס דאָרף פאַרנעמט אַ גרויסן שטח. איך האָב נישט געקאָנט אויסגעפינען וויפל דונאַם לאַנד עס געהערן צו אים. אָבער איך בין געגאַנגען מיט חברה מער ווי אַ שעה, און זיי האָבן מיר אַלץ אָנגעוויזן, אַז דאָרטן, יענער שטיקל באָדן, יענער פעלד, יענער גרינס־גאָרטן געהערן צום דאָרף.

די הייזער זענען וווּנדערלעך שיין געבויט. פאַרשטייט זיך, אַ שיינער בית־ספר (קינדער־שול), אַ בית־מדרש, פיינע שלאָף־צימערן, פאַרזאַמלונג־זאַלן, שפּיל־פּלעצער. אָבער דערצו נאָך עפּעס. שטאַלן מיט בהמות און פערד, אַ גאַ־ראַזש מיט לאַסט־אויטאָמאָבילן און געוויינלעכע אויטאָמאָבילן, אַ שלאָסאַרניע און פאַרזייטע פעלדער, אָראַנזש־גערטנער, גרינס־גערטנער און ווייַנגערטנער. אַלץ באַאַרבעטן די קינדער. קיין דרויסנדיקע אַרבעטער זענען נישטאָ, בלויז די אינסטרוקטאָרן זענען דאָ דרויסנדיקע.

דאָס דאָרף ווערט אויסגעהאַלטן פון אַמעריקאַנער געלטער. איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין דעטאַלן, ווי אַזוי דאָס דאָרף איז געגרינדעט געוואָרן, ווי אַזוי די קינדער זענען צונויפגעקליבן געוואָרן, ווי אַזוי דער גאַנצער געדאַנק פון דאָרף איז אויפגעקומען. נישט דאָס בין איך אויסן. וויכטיק איז צו באַטאָנען, אַז דער עצם פּרינציפּ איז נישט בלויז אַרויסהעלפן די קינדער און זיי צו רע־האַביליטירן גייסטיק און פיזיש. דאָס ווערט געטאָן אויך אין אַמעריקע. וויכטיק איז, וואָס די טוער און די קינדער קוקן אויף דעם דאָזיקן אויפטו ווי אויף אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעט. יעדעס קינד פילט, אַז ער דאַרף באַצאָלן דער אומה פאַר אויפהאַלטן אים. זיי קוקן אויף זיך נישט בלויז ווי אויף געראַטע־וועטע קינדער, נאָר ווי אויף געראַטעוועטע יידישע קינדער.

בין איך געגאַנגען מיט צוויי יינגלעך, איינער אַ יאָר פופצן, דער צווייטער אַ יאָר זעכצן. דער יינגערער האָט גערעדט יידיש און העברעאיש, דער עלטע־רער פראַנצייזיש און העברעאיש. מיר האָבן שפּאַצירט אין פעלד, און איך האָב זיי געשטעלט פראַגעס. דער יינגערער האָט גערעדט צו מיר אין ביידנס נאָמען:

— זיי וואָלטן געוואָלט אַריין אין אַ קיבוץ, אָבער ער, דער יינגערער, האָט אַ מאַמע. נו, דאַרף ער אויף איר אַכטונג געבן. דער עלטערער האָט קיינעם נישט, אָבער איין האַנט איז ביי אים האַלב־פּאַראַליזירט. ווייסט ער נישט צי ער וועט קענען אָנקומען אין אַ קיבוץ. ביידע לערנען זיך איצט ראַדיאָ־מעכאַניק. אַז זיי וועלן אַרויס פון דאַנען, וועלן זיי עפּענען אַ געשעפט בשותפות.

— יאָ, זיי קענען אַרבעטן אין פעלד, אַרומגיין אַרום פערד, אַכטונג געבן אויף בהמות און הינער. דאָס מוז יעדער איינער קענען. שפּעטער מעג יעדער איינער אויסקלייבן זיין מלאכה, זיין פאַך.

— נײן, מען צווינגט זײ נישט רעדן קײן העברעאיש. צווישן זיך קאָנען זײ רעדן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זײ ווילן. אָבער אין שול, אין בית־מדרש, אין וואַרשטאַט, אין פעלד, אין שטאַל, אַרום די הינער־שטײגן — דאָרטן רעדט מען העברעאיש, ווײל די אינסטרוקטאָרן רעדן נישט קײן אַנדער שפּראַך. קומט אויס, אַז אין אַ גאָר קורצער צײט מוז העברעאיש ווערן די אומגאַנגס־שפּראַך.

— אַלץ ווערט דאָ געטאָן פון די קינדער. אָבער קײנער צווינגט זײ נישט צו אַרבעטן, איבערהויפּט די ערשטע צײט. אָבער אײדער מען קוקט זיך אַרום, אַרבעט יעדערער מיט זײן גרופּע.

— צו אַכצן יאָר קאָן יעדער אײנער פאַרלאָזן דאָס דאָרף. געצײלטע בלײבן ווי אינסטרוקטאָרן. די מערסטע ווילן גײן באַזעצן די וויסטע שטחים: אין קי־בוצים אָדער מושבי עובדים.

איך האָב גערעדט מיטן ייִנגערן בחור ל יידיש. דער עלטערער האָט זיך צו־געהערט, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען אונדזער געשפּרעך. באַלד האָט ער זיך טאַקע געווענדט צו מיר אויף העברעאיש:

— מיר ווען זיך באַזעצן אין שטאָט על פּי נויט. אָבער מיר ווייסן, אַז עס איז גאָר וויכטיק צו באַזעצן דעם נגב און אַנדערע נישט באַוווינטע ערטער ס'איז נישט אונדזער שולד, וואָס מיר קאָנען עס נישט טון. און אפשר וועלן מיר שפּעטער דאָך נישט וווינען אין שטאָט. מיר זענען נאָך יונג.

שפּעטער האָב איך גערעדט מיט אײנעם פון די לערערס. ער האָט מיר דער־צײלט די שוועריקײטן, וואָס מען האָט געהאַט מיט די פאַרוואָרלאָזטע יתומים. אַ סך פון זײ האָבן נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפיל פון געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקײט. זײ האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס גנבענען אָדער אָפּ־נאַרן איז אַ פאַרברעכן, אויב מען האָט דערפון נוצן. באַשטראָפן וואָלט נישט געהאָלפן. פאַרקערט, ווען מען באַשטראָפט זײ, וואָלטן זײ גערעכנט אַז דאָס דאָרף איז אַ המשך פון לאַגער, און די לערערס און אינסטרוקטאָרן זענען ווי די גויאישע אויפזעערס פון אַ קאַצעט. ווירקן האָט שטאַרק געווירקט אויף זײ די אינ־דאָקטרינאַציע, אַז זײערע שלעכטע מעשים וועלן פאַרשעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. זײ מוזן בויען אַ לאַנד, כדי צו קריגן חשיבות אין די אויגן... פון די גוים. פאַרשטײט זיך, מיר האָבן זײ אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און געטרײשאַפט. מיר האָבן אַכטונג געגעבן, אַז זײ זאָלן האָבן אַלץ, וואָס זײ דאַרפן, און אָפּט נישט נאָר וואָס זײ דאַרפן, נאָר אפילו וואָס זײ ווילן. איצט זענען בײ אונדז כמעט נישטאָ קײן פּראָבלעמאַטישע קינדער.

## קאַפּיטל עלף

# צוויי קיבוצים אין שרון

הארט נעבן רעננה געפינט זיך איינער פון די עלטסטע קיבוצים. צופאָרן אַהין מיטן אויטאָבוס איז אַ גאַנצער יציאת־מצרים. האָב איך געדונגען אַ טאַקסי. די גאַנצע רייזע האָט געקאָסט אַ האַלבן פונט — אַ טאָלער און אַ האַלב, און עס האָט געדויערט פונקט זעכצן מינוט צוצופאָרן. צוריק זענען מיר געפאָרן מיטן אויטאָבוס. מיטן וואַרטן און בייטן האָט די רייזע געדויערט קרוב צו צוויי שעה.

מיר זענען אָנגעקומען אַהין מיטאָג־צייט. איך בין אַריין צום סעקרעטאַר און האָב זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט מיר געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, און געזאָגט:

— ביי אונדז אין די קיבוצים איז אַ מנהג פריער פון אַלץ צו גיין עסן. זועלן מיר גיין אין עס־צימער. אָבער וויבאַלד איר זענט דאָ, וויל איך אייך ווייזן אונדזער אַרסענאַל. אַמאָל, אונטער די ענגלענדער, האָבן מיר אים געדאַרפט האַלטן פאַרבאָרגן, אַז קיין גוט אויג זאָל נישט שאַטן. איצט זענען מיר די באַלעבאַטים.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער, וואָס איז געשטאַנען אונטערן שלאָס, און האָט מיר געוויזן כלערליי ביקסן און אַנדער געווער. איך בין נישט קיין בקי אויף די זאַכן, און איך ווייס נישט צי די ביקסן און לייכטע מאַשין־געווער זענען געווען ערשטקלאַסיקע. אָבער ס'איז געווען דאָרטן אַ גאַנץ היפש ביסל געווער, גענוג צו באַוואָפענען אַ פּאָר הונדערט מענטשן. איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע:

— אויף וואָס דאַרפט איר איצט האָבן געווער? ס'איז דאָך שוין פאַראַן אַן אַרמיי?

ער האָט אַ שמייכל געטון:

— וואָס מיינט איר? די חתונה האָט זיך שוין אָפּגעשפּילט און אויס? ווי־ווייט זענען מיר פון גרענעץ? הלוואי זאָל מען נישט דאַרפן, אָבער מיר וועלן נאָך דאַרפן ליגן אין שוץ־גריבער, און מיר זענען אויפן ערשטן פייער. אַ קיבוץ דאַרף זיין גרייט.

— האָט איר ספּעציעלע חברים, וואָס קאָנען זיך באַגיין מיט דעם געווער?

— בנערינו ובזקנינו — יונג און אַלט, אַלע קאָנען מיר האַלטן אַ ביקס אין האַנט.

— איז ווי דערלויבט די רעגירונג, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיין באַוואָפנט?

— וואָסי, זי האָט מורא פאַר אונדז? ס'איז דאָך אַ יידישע מלוכה, און מיר זענען אויך יידן... אָבער גענוג. קומט, לאָמיר גיין עסן.

מיר זענען אַריין אין עס־צימער. לאַנגע טישן, אָן טישטעכער, בענק אַרום די טישן. אַ לאַנגער זאַל, וואָס קאָן אַריינגעמען אַ פיר־פינף הונדערט מענטשן אויף אַ מאָל. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. מען האָט אונדז דערלאַנגט טעלער און גאָפּל־מעסער. אויפן טיש זענען געלעגן גאַנצע בערג ברויט. אין צענטער פון טיש איז געשטאַנען אַ טיפע שיסל, וואָס מען רופט „כלבוניק". יעדן איינעם האָט מען געגעבן בלויז איין טעלער. ווערט ער פאַרטיק מיטן סאַלאַד, רייניקט ער אויס דעם טעלער אין כלבוניק און איז פאַרטיק אָנצושעפּן זופּ פון אַ שיסל, וואָס שטייט אויפן טיש. ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דער זופּ, לייגט ער אַריין דאָס פלייש אין דעם זעלביקן טעלער. אין דעם זעלביקן טעלער גיסט מען אַריין דעם קאָמפּאָט. קיין סערוועטקעס זענען נישטאָ, ווישט מען אָפּ דאָס מויל מיט דער האַנט. אין אַ סך קיבוצים הענגען האַנטעכער ביי דער טיר. נאָכן עסן וואַשט מען די הענט און אַלע ווישן אָפּ די הענט מיטן זעלביקן האַנטעך, ווי אַמאָל אין שול ביים האַנט־פאַס.

דאָס עסן איז געווען פּראָסט, אָבער געשמאַק און נאַרהאַפטיק. מען האָט געקאָנט נעמען אַ צווייטע און אַ דריטע פּאָרציע.

דער סעקרעטאַר האָט אונדז אָנגעהויבן אַרומפירן איבערן קיבוץ. ער האָט מיר געוויזן דאָס פאַרמעגן פון קיבוץ: אַ סטאָליאַרניע, אַ שלאָסאַרניע, אַ בעקעריי, שטאַלן מיט בהמות און פערד, אַ בוהיי פון אַ גרויסן יחוס, הינער־שטייגן, שפּייכלערס מיט זאַפּאַסן, קינדער־צימערן, אַ קינדער־שול און וווינונגען פאַר די קיבוצניקעס.

— יעדער קיבוץ שטרעבט צו אַ געמישטער ווירטשאַפט. דאָס איז אַן אַלטער פּרינציפּ ביי אונדז. מיר שטעלן צו ברויט און טאָרטן נישט נאָר צו רעננה, נאָר אויך צו נתניה. אין דער צייט פון מלחמה האָבן מיר צוגעשטעלט ברויט צו דער אַרמיי. פאַרשטייט זיך, דאָס גאַנצע פאַרדינסט גייט פאַר דעם קיבוץ.

— מיר האָבן איצט צרות. עס פעלן אונדז אויס אַרבעטער. די נייע עולים ווילן נישט זיין אין קיבוץ. זיי רופן דעם קיבוץ: קאָלכאָז, קאָנצענטראַציע־לאַגער און וואָס נישט. דאַרפן מיר דינגען טאָג-אַרבעטער. אַרבעטן ביי אונדז געדונגענע אַרבעטער. ס׳איז זיכער קעגן אונדזערע פּרינציפּן. אָבער וואָס זאָלן מיר טון? די פעלדער, וויינגערטנער און אָראַנזשערייען קאָן מען נישט פאַרלאָזן. אוודאי און אוודאי קאָן מען נישט אָפּלייגן די אַרבעט אין די קי־שטאַלן און פערד־שטאַלן. זענען מיר געצוווּנגען צו דינגען אַרבעטער ווי וועלכע ס׳איז קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

— און איצט וועל איך אייך ווייזן די פּונקטן, וואָס מיר האָבן פּאַרטיידיקט און ווו מיר האָבן זיך איינגעגראָבן און זיך געשטעלט קעגן דעם שונא. איך וועל אייך אַרויפנעמען אויפן וואַסער־טורעם, וועט איר זען ווי איינגעהאַמעוועט פון שונא מיר זענען געווען.

אויפן וועג צום וואַסער־טורעם זענען מיר צוגעקומען צו אַן אָפענעם פּלאַץ צווישן ביימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט דאָס אָרט האָט אַ גאַנצע געשיכטע הינטער זיך. איר ווייסט דאָך, מיר זענען נאָך געוואָרן באַרימט אין דער צייט, וואָס ענגלאַנד האָט געהערשט איבער אונדז. אייך איז מסתמא באַקאַנט ווי זיי האָבן ביי אונדז גַעזוכט געווער. זיי האָבן אונדז אַלעמען צונויפגעטריבן אָט דאָ און געזוכט געווער. איין בחור אונדזערער איז געהרגעט געוואָרן ביי דער זוכעניש.

— זייער האַנדלונג איז נישט געווען פון ענגלענדער, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַן ענגלענדער דאַרף זיין. זיי זענען געווען גראָב, ברוטאַל און ציניש. אָבער אַן ענגלענדער איז דאָך נישט קיין באַרבאַר. זיי האָבן געזוכט און געזוכט, און גאָרנישט געקאָנט געפינען. נו, האָבן זיי געוואָלט אויפרייסן דעם דיל פון עס-צימער. אונדזערע פרויען, מיידלעך און קינדער האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. זיי האָבן גענומען עמערס, טעפּ, שיסלען און טעלער וואַסער און געגאָסן אויף די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואָלט אויפרייסן דעם דיל. נו, עס האָט געהאָלפן.

מיר זענען אַרויף אויפן וואַסער־טורעם:

— די אַראַבער האָט מען נישט געקאָנט אַוועקטרייבן מיט ל״ג בעומר ביקסלעך. דאָס איז געווען אַן אַנטשיידענער קאַמף: מיר אָדער זיי. זעט, גלייך דאָ פון פאָרנט אויפן בערגל איז געלעגן אַן אַראַביש דאָרף. רעכטס נאָך אַ דאָרף. הינטער אונדז דער דרויסנדיקער שונא, וואָס איז אונדז באַפאַלן. מיר זענען געווען איינגעהאַמעוועט ווי אין אַ צוואַנג. גלייך ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, זענען מיר אַוועק צו די צוויי אַראַבישע דערפער, און האָבן זיי גע־

וואָרנט, אַז מיר וועלן זיי אויפרייסן, אויב זיי וועלן קעמפן קעגן אונדז. איין דאָרף האָט זיך דערשראָקן און זיך אָפּגעטראָגן. דאָס צווייטע דאָרף איז געבליבן און געקעמפט. געבליבן ביז איצט. איז פון איין זייט האָבן מיר געגנוגבאָדן, פון דער אַנדערער זייט זענען מיר אָפּגעשניטן פון באָדן.

— די קינדער האָבן מיר אַרויסגעשיקט פון דאַנען. ס'איז געווען דער אמת'ער גיהנום ביי אונדז. דאָס פייער איז אויף אונדז געווען פון צוויי זייטן. מיר האָבן געמוזט האַלטן דעם קיבוץ. עס וואָלט געעפנט דעם וועג צו רעננה און תל־אביב. און ווי גיט מען אויף אַ קיבוץ? איבערלאָזן און אַוועק — וואָלט דאָס לעבן פאַרלוירן דעם זין.

— קרבנות?

ער האָט אַ זיפץ געטון.

— ס'איז שווער איבערצוגעבן דעם אומגליק. לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם. אפילו אויף די געפאַלענע בהמות בלוטיקט נאָך דאָס האַרץ. ביי אונדז איז אַ בהמה נישט גלאַט אַ שטומע חיה. יעדע בהמה איז דאָ אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און האָט אַ נאָמען ווי אַ קינד.

איך האָב אים געבעטן מיר ווייזן דעם בית־ספר. איך וויל זען דעם בנין. ער האָט מיך צוגעפירט צום בנין.

דער בית־ספר איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט ביימער. אַ גרויסע ווערַאַנדע, די צימערן ליכטיקע, גראַמע און זייער גוט אויסגעמעבלירט. אין אַ לאַנגן צימער זענען אויף די ווענט געווען אויסגעהאַנגען די קאָמפּאָזיציעס פון די קינדער און די וואַנט־צייטונגען.

איך האָב אָנגעהויבן באַקוקן די קינדערשע אַרבעטן. אַלע קאָמפּאָזיציעס זענען געווען וועגן דער מלחמה. דאָס איז נישט געווען קיין וווּנדער ביי מיר. די קינדער האָבן זיך ערשט מיט צוויי חדשים צוריק אומגעקערט אין קיבוץ. יעדער קינדס האַרץ איז געווען פול מיט די בלוטיקע געשעענישן. דעם אמתן כאַראַקטער פון דער דערציאונג האָט מען ערשט געקענט באַנעמען פון דער אויסשטעלונג, וואָס האָט גאָר נישט געהאַט צו טון מיט דער מלחמה, און פון די אַרבעטן, וואָס די גראַדואירטע קינדער האָבן צוגעשטעלט.

דאָס גרעסטע אָרט האָט פאַרנומען די אויסשטעלונג, וואָס דער גאַנצער גראַדואיר־קלאַס האָט צוגעגרייט. זי האָט פאַרנומען גאַנצע צוויי ווענט פון צימער. אַ לאַנגע באַנק האָט זיך געצויגן איבער דער לענג פון די צוויי ווענט. אויף דער באַנק האָבן די קינדער פאַרגעשטעלט, אויסגעאַרבעט פון ליים, די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, פון דעם הייל־מענטשן ביז איצטיקער צייט. דער ציוויליזירטער מענטש איז געשטאַנען אין ארץ־ישראל. פון ליים, צעמענט און

שטיינער איז אויסגעארבעט געוואָרן אַ פּראַכטפולע לאַנד־קאַרטע פון מדינת־ישראל און דער ארומיקער סביבה. יעדער שטיקל לאַנד, וואָס יידן האָבן אַמאָל באַהערשט, איז געווען באַצייכנט מיט אַ ספּעציעלן שטיינדל. אויבן איז געווען אַ גרויסע שילד: „מולדתנו" — אונדזער היימלאַנד.

גאָר אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט זענען געווען די גרויסע ארבעטן וועגן די נביאים. וועדליק געשריבן פון יינגלעך און מיידלעך פון פערצן־פופצן יאָר זענען די ארבעטן געווען גאַנץ גרינטלעכע. אָבער דער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף יענע שטעלן פון די נביאים, ווו עס ווערט גערופן צו נקמה, ווו עס ווערט באַזונגען מלחמה, זיג, נאַציאָנאַלער שטאָלץ און צוזאָגן אויף נאַציאָנאַלן רום.

מיר זענען ארויס פון דעם שול־צימער. אויף דער וועראַנדע איז געזעסן אַ מיטליאָריקער ייד און האָט געקלאַפּט אויף אַ שרייב־מאַשין. אַ מיידעלע פון אַ יאָר פערצן האָט פאַר אים פאָרגעלייענט פון אַ מאַנוסקריפּט און ער האָט עס איבערגעשריבן אויף דער שרייב־מאַשין.

דער סעקרעטאַר האָט אים פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז אונדזער פּנקס־פירער. מיר פירן אַ פּנקס ווי די אַמאָליקע קהילות האָבן געטון. יעדע וואָך ווערן פּינקטלעך פאַרצייכנט אַלע געשעענישן. איצט צוליב דער מלחמה האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך ארבעט. ער פאַרצייכנט חוץ יעדן דעטאַל פון די שלאַכטן אויך די ביאָגראַפיעס פון די געפאַלענע, וואָס ווערן דערנאָך פאַרעפנטלעכט אַנאָנים אין דער פּרעסע. ער אַרבעט דריי טעג אַ וואָך אויפן פּנקס.

— און די איבעריקע דריי טעג? — האָב איך געפרעגט.

— נו, די איבעריקע דריי טעג — האָט געענטפערט מיין וועגווייזער — פאַרנעמט ער זיך מיט זיין פאַך. ער איז דער שוסטער פון קיבוץ.

שפּעטער האָב איך איבערגעקוקט די עטלעכע בענד פון פּנקס. אַלץ איז געווען פאַרצייכנט סיסטעמאַטיש און קלאָר. געוויסע געשעענישן און ביאָגראַפיעס זענען געווען געשריבן באמת מיט טאַלאַנט און אין גאָר אַ פיינעם העברעאיש.

מיר זענען אריין צום סעקרעטאַר אין זיין וווינונג. איין צימער, אַ צען פוס די ברייט ביי אַ פופצן פוס די לענג. אַ בעט, אַ טישל, צוויי שטולן, אַ ראַדיאָ, אַ פּאָר פּאָרטרעטן אויף די ווענט, אַ צוויי צענדליק ביכער און אַ קליידער שאַפע. מיר האָבן זיך געזעצט אויפן בעט. ער האָט ארויסגענומען פון שאַפע אַ ליימענע קרוג וואַסער און מיך מכבד געווען מיט אַ טרונק. מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן:

— וואָס מיינט איר, וואָס איך האָב פון צוואַנציק יאָר אַרבעט? איך האָב אַלץ וואָס איך דאַרף. יעדער איינער פון אונדז האָט אַ צימער. די נייע אין נישט אַזעלכע גוטע הייזער, און די תושבים אין גוטע הייזער. איך בין אַן אַלמן, האָב איך אַ קלענערן צימער. די פאַרהייראַטע האָבן אַ גרעסערן צימער, ווו עס קאָנען גרינג שטיין צוויי בעטן.

— איר מיינט, אַז איין צימער איז ווייניק? פאַרוואָס? די קינדער אונדזערע שלאָפן אין באַזונדערע חדרים, אין די קינדער־היימען. עסן, עסן מיר אין אַלגעמיינעם עס־צימער. די ביבליאָטעק איז אַלע מאָל אָפן פאַר אונדז. געסט אויפנעמען קאָנען מיר ווו מיר ווילן אין קיבוץ. איז צו וואָס דאַרפן מיר האָבן מער ווי איין צימער?

— וואָס פאַר אַ קליידער האָבן מיר? נאָט, זעט: אין שאַפע ליגן געננג אַרבעטס־העמדער, צוויי ווייסע העמדער, אַ שניפּס, אונטערוועש, פיר פּאָר אַרבעטס־הויזן, און אַן אַנצוג מיט אַ פּאָר שיך אויף שבת. צערייסן מיר די קליידער, קריגן מיר נייע.

— צייטונגען? אין ביבליאָטעק זענען דאָ אַלע צייטונגען. יעדע צוויי פּערזאָן קריגן פּריוואַט אַ צייטונג. צוויי מענטשן האָבן אַ רעכט צו פאָדערן וואָס פאַר אַ צייטונג זיי ווילן. ווייל איינער לייענען מער ווי איין צייטונג, קאָן ער עס גרינג אויספירן: מ'בייט זיך. פאַרשטייט זיך, אין אונדזער קיבוץ זענען די מערסטע מיטגלידער פון מפ"ם אָדער מפא"י. פאַראַן אָבער אויך פון אַנדערע פּאַרטייען. קיין אָרטאָדאָקסן האָבן מיר נישט, ווייל אונדזער קיך ווערט נישט געפירט כשר.

— ביכער? יעדער איינער קריגט דאָס רעכט אויסצושרייבן אַזוי פיל ביכער אַ יאָר, וויפיל מיר קאָנען זיך דערלויבן פאַרן ביכער־בודזשעט. די ביבליאָטעק איז אָבער אַ גרויסע. אויב איינער דאַרף און וויל האָבן אַ בוך, וועט די ביבליאָטעקאַרין עס קריגן פאַר אים.

— ווי אַזוי מיר דערציען אונדזערע קינדער? איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין: מיר זענען נישט פאַראינטערעסירט אויפצושטעלן אַ דור אינטעלעקטואַלן, וואָס וועט אַנטלויפן פון קיבוץ. מיר געבן יעדן קינד אַ מיטלשול בילדונג, אָבער די אַלגעמיינע לימודים גייען האַנט אין האַנט מיט אַרבעט: אַ קינד דאַרף טון זיין חלק אין פעלד, אין קיך, אין פאַבריק, לויט זיין עלטער נאָך. מיר דערציען די ספּעציאַליסטן, וואָס מיר דאַרפן, אָבער מיר געבן אַכטונג, אַז דער צווייטער דור זאָל בלייבן מיט אונדז, נישט ווי די יידן האָבן געטון אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס. און נישט ווי די יידישע אַרבעטער האָבן געטון ביי אייך אין אַמעריקע.

— פּעאיקע קינדער? אויב אַ קינד ווייזט אַרויס ספּעציעלע פעאיקייטן, זעען מיר אַז ער זאָל פאָרזעצן זיינע שטודיומס. אַמאָל איז עס אונדז געווען שווער. איצט קאָן דער קיבוץ זיך פאַרגינען אַזעלכע זאַכן. מיר שיקן קינדער אפילו קיין אויסלאַנד.

— יאָ, גאַנץ אָפט האָבן עלטערן טענות און תביעות: מיר האָבן נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק זייער קינד. אָבער מיר גלייכן עס אויס ווי עס איז. פאַרשטייט זיך, עס זענען פאַראַן פאַרדרוסן.

— יאָ, עס טרעפט אַמאָל, אַז איינער טוט נישט זיין טאָג אַרבעט ווי געהעריק. נו, אַ מענטש איז דאָך נישט קיין מאַשין. אויב עס ווערט כראָניש, זוכט מען אונטער די סיבה. געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן איז אַלע מאָל פאַראַן אַ פאַרוואָס. אָפט דאַרף מען איבערבייטן די באַשעפטיקונג. מ׳נעמט אים אַוועק פון פעלד און מ׳שטעלט אים אַריין אַרבעטן אין שטאַל, אָדער ערגעץ אַנדערש.

— פאָרן אין שטאָט? אויב איינער דאַרף פאָרן אין שטאָט, קריגט ער אויף הוצאות. פּריוואַט קאַפּיטאַל טאָר קיינער נישט האָבן. יעדער איינער דאַרף אַריינגעבן אַלץ וואָס ער האָט אין דער קאַסע פון קיבוץ. עס זענען געווען פאַלן, ווען אַ מיטגליד האָט אַריינגעגעבן הונדערטער און טויזנטער פונטן אין קאַסע. קיין גרעסערער מיוחס איז ער נישט געוואָרן. קיינער טאָר נישט האָבן קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

— אַלטע טאַטע־מאַמע פון מיטגלידער ווערן אויסגעהאַלטן. אַמאָל, ווען מיר זענען געווען יונג, איז די פּראָבלעם ביי אונדז נישט געווען. היינט זענען דאָ אַ היפּשע צאָל אַלטע טאַטעס און מאַמעס. צו אונדזער גליק איז דער קיבוץ איצט געגנוג רייך און קאָן זיך עס פאַרגינען. פאַראַן קיבוצים, וואָס האָבן ספּעציעלע כשרע קיכן פאַר די עלטערע מענטשן. מ׳באַזאָרגט זיי אויך מיט אַ שול און אַ ספר־תורה. יאָ, נויטבאַדערפטיקע קרובים ווערן גאַנץ אָפט געשטיצט.

— נייע מיטגלידער? אויף דעם קלאָגט דער נביא. די נייע עולים זענען נישט קיין אידעאַליסטן. חוץ דעם האָבן זיי צו לאַנג געלעבט אַ קהלשן לעבן. ביז איצט איז ביי אונדז געווען אַן אייזערנער דין נישט צו דינגען קיין לוין־אַרבעטער. אָבער נאָך דער צעשטערונג פון דער מלחמה זענען מיר געצוווּנגען געוואָרן צו באַשעפטיקן דרויסנדיקע אַרבעטער. מיר באַשעפטיקן איצט קרוב צו דרייסיק אַרבעטער פון דרויסן.

— אונדזערע מיטגלידער, וואָס אַרבעטן ביי אונדז אין די פאַבריקן, קריגן נישט מער באַצאָלט. פאַרשטייט אַקוראַט, עס מאַכט נישט אויס ווי גרויס אַ ספּעציאַליסט איינער איז, קיין עקסטרא באַלוינונג קריגט ער נישט.

— איר וועט מיר מוחל זיין — האָב איך זיך אָנגערופן — אָט זע איך

ביי אייך אין ווינקל שטייט א פיינער צוויי־רעדלער, א ביציקלעט. ווי באלד אז קיינער קריגט נישט קיין עקסטרא באלוינונג, ווו האט איר געקראגן דעם ביציקלעט? און אט זע איך אויך גאר-גאר א טייערע ראדיא.

— די ראדיא האט געקויפט דער קיבוץ — האט ער מיר געענטפערט — פאראיארן האט דער קיבוץ געקויפט יעדן איינעם א ראדיא. אבער דעם ביציקלעט דערמאנט מיר נישט. איר ווייסט, לויט אונדזערע מנהגים מעגן מיר אננעמען מתנות. נו, איז פאראיארן דא געווען מיין שוועסטער, האט זי געבראכט מיין יינגל אט דעם ביציקלעט פאר א בר־מצוה מתנה, כאטש איך האלט נישט פון בר־מצוה. נו, ביי מיר איז א פראגע צי עס איז רעכט אז ער זאל עס נוצן. קיינער פון די קינדער האט דא נישט קיין וועלאסיפעד, פארוואס זאל ער האבן די פריווילעגיע? יא, ער נוצט עס אמאל. דאך א קינד. אבער דער ענין איז מיר נישט צום הארצן. איך גלויב אבער, אז איבער א יאר וועלן מיר קאנען באוויזן צו קויפן יעדן יינגל און מיידל א ביציקלעט צו א באשטימטן עלטער.

ס'איז געווארן שפעט. איך האב זיך אויפגעהויבן און זיך געזעגנט מיט אים. איך האב זיך אנטשולדיקט פאר אים פאר מיינע צודרינגלעכע פראגעס און פאר פארנעמען אזוי פיל צייט ביי אים.

— פארקערט — האט ער מיר געענטפערט — ס'איז פאר מיר געווען א פארגעניגן זיך צו באקענען מיט אייך. מיר ווילן אזעלכע צודרינגלעכע פראגעס. מיר זענען צופרידן ווען א גאסט קומט און וויל אלץ וויסן. מיר האבן נישט וואס צו באהאלטן. איר ווייסט דאך, יעדער מענטש וויל זיך בארימען מיט זיין אייגנס. אונדזער קיבוץ איז אונדזער פארמעגן און אונדזער אייגנס, און מיר גלויבן, אז מיר האבן זיך מיט וואס צו בארימען.

איך האב מיט אים מסכים געווען. דאס איז געווען מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט א קיבוץ.

צוויי טעג שפעטער בין איך אוועק באזוכן נאך א קיבוץ, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון רעננה. אהין נעמען א טאקסי וואלט געווען א צו גרויסער לוקסוס, בין איך געפארן מיטן אויטאבוס. איך בין ארויס פרי, ווייל איין וועג האט געדארפט דויערן איבער דריי שעה מיט ווארטעניש און בייטן.

איך בין געפארן אהין מיט מיין פרוי, טאכטער און ברודער. באלד ווי איך בין געקומען אין קיבוץ, בין איך אריין אין ביורא פון סעקרעטאר און האב זיך פארגעשטעלט. די ערשטע זאך, וואס ער האט געזאגט, איז געווען:

— נו, איר האט נאך מסתמא נישט געגעסן קיין פרישטיק. קומט אריין אין עס-צימער. איר וועט איבערכאפן דאס הארץ. מיטאג איז ערשט ארום איינס אזייגער.

— א דאנק — האָב איך געענטפערט — אָבער איידער מיר גייען עפּעס עסן, וואָלט איך געוואָלט זען, צי איר האָט אויך אַן אַרסענאַל. פאַרשטייט מיך, אין קיבוץ ר״ה האָב איך געזען אַ גאַנצן צימער מיט געווער. איך וואָלט גע־וואָלט וויסן צי זייער קיבוץ איז אַן אויסנאַם, צי נישט?

— וואָס עפּעס אַן אויסנאַם? אַלע קיבוצים האַלטן נאָך געווער. נאָט, זעט: איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז מיר האַלטן שמירה יעדע נאַכט.

ער האָט אויפגעשלאָסן אַ צימער און מיר באַוויזן דאָס געווער, און גענומען דערקלערן יעדער מין ביקס. איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, גלייך ווי איך פאַרשטיי עפּעס וועגן דעם ענין.

מיר זענען געגאַנגען צום עס־צימער. מיך האָט געעגבערט אַ געדאַנק: אַט האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אויפן געווער און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן מיך צו פרעגן: ווער זענט איר? פון וואַנען קומט איר? לאָמיר זען אייער פּאַספּאָרט. מיין יידישקייט איז גענוג מיך אָפּצושטעמפּלען ווי איינעם פון ישראל.

מיר זענען לאַנג נישט געזעסן אין עס־צימער. מען האָט אונדז געגעבן טיי און ברויט מיט ריבה־איינגעמאַכץ. אין אַ צוויי שעה אַרום וועט מען דאָך פאַר־ווירן מיטאָג. דער סעקרעטאַר האָט זיך אָנגעבאָטן אונדז צו באַגלייטן און ווייזן דעם קיבוץ. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט: מיר ווילן אַליין אַרומגיין און אַלץ באַ־קוקן. ער האָט זיך נישט געשפּאַרט מיט אונדז: אדרבה, גייט און באַקוקט וואָס איר ווילט. פאַרגעסט אָבער נישט צו באַזוכן אונדזער בית־הבראה — אַפּרו־היים, האָטעל פאַר „געזונט זיין" (זיין אויסדרוק).

דער קיבוץ האָט ווי אַלע אַנדערע קיבוצים געהאַט אַ געמישטע ווירטשאַפט: עטלעכע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דער געוויינטלעכער משק: פעל־דער, גרינס־גערטנער, קי, הינער־שטייגן, פּרדסים און וויינגערטנער. איך און מיין טאָכטער זענען פאַרקראָכן אין אַ פעלד. מיין פרוי און ברודער זענען גע־בליבן זיצן אין אַ פיינעם פּאַרק לעבן ים־ברעג. מיר האָבן אָנגעטראָפן אַ גרופּע יונגע בחורים אַרבעטן. איך האָב זיי באַגריסט. איך האָב זיי אָנגעהויבן אויס־פרעגן: ווער זענען זיי? ווי קומען זיי אַהער? וואָס טוען זיי דאָ? זענען זיי קי־בוצניקעס?

איינער אַ בחור האָט מיר אָנגעהויבן ענטפערן אויף העברעאיש. זיין העב־רעאיש איז צוגעגאַנגען שווערלעך. ער האָט מיך געפרעגט:

— אייער טאָכטער רעדט אויך העברעאיש?

— זייער שוואַך — האָב איך געענטפערט.

און יידיש?

— יאָ.

— איז לאָמיר רעדן יידיש. פאַרשטייט מיך, איך בין דאָ אין לאַנד ערשט אַ יאָר און אַ האַלב. ווען איך אַרבעט, רעד איך יידיש. נאָך דער אַרבעט, ווען איך רו זיך אָפּ, רעד איך העברעאיש.

— ווער זענען זיי? זיי זענען עס פון דעם נוער עולה — יוגנט פון אייראָ־פּע: פון די קאַצעטן, פּליטים־לאַגערן, פון פּוילן, פון רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע און פון וואַנען נישט?

— ווי אַזוי קומען זיי אַהער? מען האָט זיי געבראַכט אַהער. וואָס, איר האָט נישט געהערט פון נוער עולה? די רעגירונג, אָדער אַן אַגענטור פון דער רעגירונג, צאָלט פאַר זיי פיר פונט אַ חודש (אַביסל איבער צוועלף טאָלער) צום קיבוץ. פאַר דעם גיט מען זיי עסן, אַ פיין אָרט צום שלאָפן, קליידער, פּראָוויי־לונג און אַן אינטענסיווע בילדונג. אַ האַלבן טאָג אַרבעטן זיי און אַ האַלבן טאָג לערנען זיי.

— זיי זענען אַ גרופּע פון פופציק, און האָבן אַ מדריך (אַ וועגווייזער. אַ דערציער, אַ פירער). דריי אַזעלכע גרופּעס זענען דאָ אין קיבוץ. יעדער קיבוץ איבערן לאַנד האָט פון הונדערט ביז צוויי הונדערט פון אָט דער יוגנט.

— צוועלף טאָלער אַ חודש איז ווייניק אויסצוהאַלטן אַ יוגנטלעכן? אוודאי. אָבער דאָס איז די העלשע אַרבעט פון קיבוץ. זיכער קאָסט עס דעם קיבוץ היפּשע עטלעכע פונט אַ חודש. אָבער דערפאַר דערציען זיי נייע קיבוצניקעס. אַזאַ גרו־פּע רופט מען: „גרעין" — קערנדל פאַר אַ נייעם קיבוץ.

— ניין, נישט אַלע פּאַסן זיך צו. אויב עס בלייבט העלפט פון אַ גרופּע, איז עס גאָר אַ גוטער גרעין. אַמאָל בלייבן בלויז געציילטע. אָבער די געציילטע זענען שוין אויסגעפּרובירטע און לאַיאַלע חברים פון דער פּאַרטיי, גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם קיבוץ.

— יאָ, דאָ זענען פאַראַן נאָך הונדערט יוגנטלעכע פון נוער־עובד. דאָס זע־נען קינדער פון פערצן ביז אַכצן יאָר, וואָס באַזוכן די מיטלשולן, אָדער גראַדו־אירטע פון פאָלקס־שול. זיי קומען אויף פיר וואָכן אַרבעטן. דאָס איז אַ מין וואַ־קאַציע און אַרבעט־חודש. די יוגנטלעכע געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע מדריכים, וואָס דער קיבוץ שטעלט צו. אָבער, עט! דאָס זענען טאַטנס־קינדער. עסן מער ווי זיי אַרבעטן.

— איר בלייבט דאָ איבער נאַכט? ניין? אַ שאָד! מיר וואָלטן זיך געוואָלט מיט אייך דורכרעדן. איר פאָרט אויף אַ לענגערן באַזוך אין עמק? נו, דאָרטן וועט איר קענען זען אונדזער חברה.

צוועלף אַזייגער האָבן זיי אָוועקגעלייגט די אַרבעט און זענען געגאַנגען עסן. איך האָב זיך באַקענט מיט גאָר אַ סך פון זיי. איך בין געזעסן אַ היפּש

ביסל צייט מיט זיי ארום די טישן און געשמועסט. די געוועזענע לעבן־געשיכ־טעס, וואָס מען הערט פון די געראַטעוועטע יידן אומעטום, גרויל־געשיכטעס, וואָס זענען אַזוי גרויליק, אַז זיי ווירקן נישט אויף אייך.

מיר איז געבליבן אין זכרון זייער רוישיקייט ביים עסן, זייער נאַטירלעכער האַלטן זיך, דאָס געפיל, אַז זיי זענען אין דער היים, שוין איבערגעקומען אַלע צרות, און אין זייער רעדן דאָס געמיש פון יידיש און העברעאיש, אָפט מיט אַנדערע שפּראַכן.

נאָכן עסן זענען מיר אַוועק באַזוכן דעם האָטעל. גלייך ביים ברעג ים, צווישן סאָסנע־ביימער, איז געשטאַנען אַ פיינע צוויי שטאָקיקע געביידע מיט אַ שילדל: „בית־הבראה". ארום דעם הויז זענען געשטאַנען גאַר ציכטיקע און איין שטאָקי־קע הייזקעס — באַנגאַלאָס מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען.

ס'איז געווען די נאָכמיטאָג־שעה. אין געדיכטן וועלדל, אויף די ים־שטולן זענען געלעגן אויסגעצויגן צענדליקער געסט און גערוט.

איך בין אריין אין האָטעל. די פּאַרוואַלטערן האָט מיך אויפגענומען, ווי אַלע אין מדינת־ישראל, זייער פריינטלעך. זי האָט מיר געוויזן די באמת גוט איינגעשטעלטע קיך: אַ גרויסער עלעקטרישער אויוון, פיינע עלעקטרישע אייז־קאַסטנס, אַן עלעקטרישער געשיר־וואַשער, שאַפעס און שאַפעלעך. זי האָט אונדז פּשוט געצוווּנגען צו פאַרזוכן דעם פיינעם אָפּגעבאַקענעם טאָרט, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר די געסט, און מיר האָבן געמוזט טרינקען טיי.

— יאָ, זי פּאַרוואַלט דעם האָטעל. דער קיבוץ האָט זי געשיקט נעמען ספּעציעלע קורסן. זי האָט אויך געאַרבעט אין די פיינסטע האָטעלן פון לאַנד. יאָ, פאַרשטייט זיך, אַז דער קיבוץ האָט זי געשיקט אַהין אַרבעטן. דער האָטעל ברענגט אריין שיינע עטלעכע טויזנט פונט אַ יאָר. דאָס איז איינע פון די אונ־טערנעמונגען פון דעם קיבוץ.

— אַלע, וואָס אַרבעטן דאָ, זענען קיבוצניקעס. דער, וואָס טיילט אויס די אַרבעט, באַשטימט עס. אוודאי פאָלגט מען. אויב איינער פּאַסט פאַר דער אַר־בעט און וויל דאָ בלייבן, בלייבט ער. ווען עס זענען פאַראַן דאָ מער געסט, זאָגט זי, אַז זי דאַרף נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל געשיר־וואַשערס, נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל מיידלעך אַכטונג צו געבן אויף די צימערן, שיקט מען זיי צו.

מיר זענען געזעסן אויף דער וועראַנדע, געטרונקען טיי און גערעדט מיט איר. גלייך לעבן די טרעפּ איז געווען אַ בלומען־גאָרטן. דער גאָרטן איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט קאָלירטן אַספאַלט אין שיינע אַכט־קאַנטיקע פיגורן. אין מיטן איז געשטאַנען אַ פאָנטאַן און באַשפּריצט די בלומען.

אַ מיטליאָריקע פרוי איז געשטאַנען און האָט געוואַשן מיט זייף דעם אַס־פאַלט. איך האָב שטיל געפרעגט די פּאַרוואַלטערן:

— ווער איז זי?

— וואָס מיינט איר, ווער זי איז? אַ קיבוצניצע. פון די ערשטע, פון די גרינדער.

— איז דאָס אַן אַרבעט פאַר איינער פון די עלטסטע קיבוצניצעס?

די פאַרוואַלטערן האָט זיך צעלאַכט און זיך געווענדט צו דער פרוי:

— דו הערסט, שפרה, וואָס ער זאָגט? פאַרוואָס גייט עס דיר אין לעבן צו פוצן דעם קאַלירטן אַספאַלט?

שפרה האָט אַנגעשפאַרט איר מאָרדע אויף דעם שטעקן מיט דער אַנגעזייפּ־טער שמאַטע, אַ קוק געטון אויף מיר און געזאָגט:

— ווען איר וואָלט געקומען אַהער, ווי מיר, מיט צוואַנציק יאָר צוריק און געטריקנט די זומפּן, געטראָגן אויף די פּלייצעס זאַמד און פאַרשאָטן די גריבער, געפלאַנצט ביימער און געלעגן אין קדחת — וואָלט איר אַזוי נישט גערעדט וועגן וועלכער ס׳איז אַרבעט אין קיבוץ.

זי האָט אַ זיפץ געטון און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— איי, איך געדענק נאָך די זיצונג, וו מען האָט דיסקוטירט איינצושטעלן דעם האָטעל. נו, מיינט איר, אַז דאָס ערשטע שטיבל האָט אויסגעזען ווי דאָס איצטיקע פאַלאַצל? און איך — האָט זי מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעדן העברעאיש — האָב דווקא געוואָלט אַ פאָנטאַן אין מיטן פון אַ בלומען־גאָרטן. בייטן בלומען און די ערד אַרום אויסגעפלאַסטערט מיט קאָלירטן אַספאַלט. נו, וועמענס קאָ־לירטן ברוק פּוץ איך?

איך האָב זי געפרעגט:

— ווױנט איר דאָ אין האָטעל?

— ווער וויל דאָ וווינען? וואָסי, איך האָב נישט קיין מאַן און היים? מײַן צימער איז פּונקט אַזוי גרויס און שיין ווי עמעצנס אַנדערש דאָ אין קיבוץ. איך בין פון די ותיקים — פון די אַלטע. מיר האָבן שוין אפילו ראַדיאָס אין די היימען, ביי אַלעמען אין די היימען.

מען איז געקומען אונדז אָנזאָגן, אַז אין פופצן מינוטן אַרום גייט אָפּ דער לעצטער אויטאָבוס פון קיבוץ.

מיר זענען אַנגעקומען קיין רעננה שפּעט אין אָוונט.

## קאַפּיטל צוועלף

# אין עמק יזרעאל

איך האָב איבערגעלאָזן מיין פאַמיליע אין חיפה און אַליין האָב איך זיך אוועקגעלאָזן צו באַזוכן קיבוצים אין עמק. פון חיפה קאָן מען זעלטן פאָרן גלייך אין די קיבוצים פון עמק יזרעאל. איך האָב געדאַרפט בייטן דעם אויטאָבוס אין עפולה.

עפולה איז אַ קליין שטעטל. די געשעפטן אירע שטייען אַרום דער אויטאָבוס-סטאַנציע. איך האָב דאָרטן געדאַרפט וואַרטן אַ פּאָר שעה אויף אַן אויטאָבוס. איך האָב געקויפט אַלע צייטונגען ביי אַ קיאָסק. צווישן שטעלכל און אַ פענצטער פון אַ קראָם איז געזעסן אַ שיך-פוצער, אַ יינגל פון אַ יאָר צען. איך האָב אים געפרעגט צי ער פוצט שיך. אַ נאַרישע פראַגע, אָבער איך האָב געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך. ער האָט מיר געוויזן מיט די הענט: ער פאַרשטייט נישט קיין העברעאיש. איך האָב געפּרוווט יידיש — ער פאַרשטייט נישט. איך האָב אָנגעהויבן רעדן ענגליש, האָט ער מיר געענטפערט איין וואָרט: הינדו.

דער קרעמער איז אַרויס, האָט אַ קוק געטון, ווי איך מאַטער זיך צו רעדן מיטן יינגל, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— אומזיסט אייער רעדן, ער קומט פון אינדיע. די גאַנצע משפּחה איז דאָ אין אַ בית-עולים. דאָס נפשל איז געקומען צו מיר מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, און איך ווייס נישט ווי אַזוי ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט מיר. ער דאַרף אויסהאַלטן אַ מאַמע און אַ קראַנקע שוועסטער און צוויי קליינע ברידערלעך. איך האָב געמיינט, אַז ער נאַרט מיך, בין איך נישט געווען פויל און אוועק צו זיי

אין בית־עולים. אָן אמת טאַקע. פאַרוואָס מען האָט זיי געבראַכט אַהער? זאָל איך אַזוי ווייסן פון ביי׳ז. מסתמא זיך געקוואַפּעט אויף די קינדער. האָב איך אים דערלויבט צו פּוצן שיך לעבן מיין קראָם. דאָס יאָטל מאַכט זיינע פּופּציק־זעכציק פּיאַסטער אַ טאָג.

דאָס ייִנגל האָט געקוקט דעם קרעמער גלייך אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען זיין יידיש רעדן, און געשמייכלט צו אים מיט דאַנקבאַרקייט.

ווען דאָס ייִנגל האָט מיר אָפּגעפּוצט די שיך, האָב איך זיך פונאַנדערגערעדט מיטן קרעמער.

— איר פאָרט זען די קיבוצים? גייט און זעט מיט אייערע אייגענע אויגן. איר וועט זען אַ חברה לאַפּאַצאַנעס, פּוילענצער, מענטשן אָן אַמביציע, פאַנאַטיקער, וואָס האַלטן נאָר אין איין רעדן פון „מצפון" — געוויסן. איר וועט זען מענטשן, וואָס שטעלן זיך צופרידן צו וווינען אין איין צימער, לאָזן איבער די קינדער אויף הפקר אין קינדער־היימען, זעען זיי נאָר אַ פּאָר שעה אין מעת-לעת, אבי צו זיין פאַרזיכערט אויף דער עלטער. בהמות זענען זיי! ווילן זיין פאַרזאָרגט מיט אַלץ און נישט דאַרפן מורא האָבן פאַרן מאָרגן. איר וועט זען אַן עסן — אַלע אין איין צימער ווי אין אַ הקדש. נישטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב. אויך אַ לעבן!

— זיי האָבן נישט קיין צוקונפט. די אַלע קיבוצים זענען געשאַפן געוואָרן פון די לאַנג-האָריקע בחורים, אָנגעטון אין העמדלעך, אַרומגעבונדן מיט גאַרטלען און מיט קוטעסלעך. זיי האָבן דאָס געוואָלט ברענגען משיחן דורך קאַרל מאַרקסן. זיי האַלטן נישט פון מסחר, פון גרויסע פאַבריקאַנטן, וואָס קאָנען אויפבויען אַ לאַנד. די נייע עולים ווילן נישט אָנקוקן קיין קיבוצים. און אונדזער יוגנט האַלט מען אין איין האַקן אין קאָפּ: קיבוץ! קיבוץ! אומעטום: אין בית-ספר כללי — אַלגעמיינע פאָלקסשול, אין דער מזרחי־שול, און אוודאי און אוודאי אין די זרם־עובדים שולן פון דער הסתדרות. אָבער עס קלעפּט זיך נישט צו צו די קינדער. מ׳פירט זיי אַלע זומער אויף דריי־פיר וואָכן אין אַ קיבוץ, אָבער ווייניק יוגנטלעכע ווערן קיבוצניקעס.

ווער וויל דאָס אַרבעטן ווי אַן עבד כנעני, און נאָך צוואַנציק יאָר, אַז ער וויל פאַרלאָזן דעם קיבוץ, גיט מען אים צוויי פונט און אַ פּאָר העמדער, און — גיי! די צוקונפט פון לאַנד ליגט אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אָביסל אין די מושבי־עובדים — קאָאָפּעראַטיווע דערפער, און מיינסטנס אין די הענט פון יחידישע מושבניקעס — פאַרמערס.

איך האָב אים נישט געענטפערט. איך האָב געוואָלט בלויז הערן, נישט דיסקוטירן מיט אים. דאָס איז געווען נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב

געהערט פון שטאַטישע מענטשן נישט קיין גינסטיקע מיינונגען וועגן די קי־בוצים. דאָס איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב עס געהערט אַזוי פיינלעך שאַרף.

איידער דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען, האָב איך נאָך צייט געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט דעם באַלעבאָס פון גזוז־קרעמל, וואָס שטייט האַרט ביי דעם אָפּגעצאַמטן פּלאַץ, ווו מען דאַרף וואַרטן אויף דער ריי.

— ווי אַזוי האָב איך געקראָגן אַזאַ גוטן פּלאַץ פאַר מיין גזוז־קרעמל? מ'גיט נישט אומזיסט. איך בין דאָ צוועלף יאָר און איך האָב מיין חלק אָפּ־געטון. עס פעלן מיר דריי ריפּן און דער לינקער פוס איז ביי מיר קירצער. אין גענוג שלאַכטן געווען.

— איך האָב געאַרבעט ביי האַקן שטיינער, לייגן וועגן, ביי בוי־אַרבעט. גע־מאַטערט זיך. איצט, דאַנקען גאָט, האָב איך אָנגעהויבן קומען צו זיך. מיינע צוויי ייִנגלעך גייען אין בית־ספר. דער ייִנגערער לערנט זיך גאָר גוט. איך וויל אים מאַכן פאַר אַ פּקיד (רעגירונגס־באַאַמטער). דער עלטערער דאַרף זיך אויסלערנען אַ מלאכה. איך וויל אים שיקן אין מאַקס פיינס טעכנישן בית־ספר. אַ מעכאַניקער וועט ער ווערן, און אַ מענטש, וואָס האָט אַ מלאכה אין האַנט, ווערט נישט פאַרלוירן.

דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען. מיר זענען געפאָרן בלויז אַ פּופּצן מי־נוט, און דער שאָפער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ נישט־אויסגעפּלאַס־טערטן וועג. ער האָט מיר אָנגעזאָגט צו גיין גלייך מיטן וועג, און איך וועל אָנקומען אין מ־ה. מיט מיר איז אַראָפּגעשטיגן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. יאָ, ער גייט אויך אין קיבוץ.

מיר זענען געגאַנגען צווישן גרינס־גערטנער און קוקורודזע־פעלדער. פון דער וווייטנס האָב איך געזען, ווי דער וועג דרייט זיך אַריין צווישן רייעןביימער — אַ היפּשער וואַלד. לינקס איז געווען אַ וויסטעניש און דער באַרג תבור.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געווען אין ארץ־ישראל, פלעג איך קיינמאָל נישט בלייבן רואיק, ווען איך בין אָנגעקומען אין אַ היסטאָרישן פּלאַץ. עס פלעגן זיך אָנהייבן פּלאָנטערן אין קאָפּ פּסוקים און מאמרים, און זיי פלעגן אַרויפברענגען אויפן רעיון געשטאַלטן און געשעענישן. איצט אויך: דער באַרג תבור, ווו דבורה די נביאה איז געזעסן און געמשפּט דאָס פאָלק. דאָ, צופוסנס פון באַרג, האָט זיך צונויפגעקליבן אַן אַרמיי קעגן סיסראַן.

נישט ווייט פון דאנען געפינט זיך עין־דור, וווהין שאול איז געגאַנגען בעטן די כישוף־מאַכערין, אַז זי זאָל אים פאַראויסזאָגן דעם גורל פון דער קומענדיקער שלאַכט.

ס׳איז שטיל אַרום. די זון שיינט העל און די לופט איז קלאָר. דער באַרג — אַ נאַקעטער, אַ וויסטער, איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ס׳איז אַ ליכטיקע שטילקייט, און מיר דוכט זיך, אַז אין דעם וויסטן שטח און אין דער זוניקער שטילקייט זענען געבליבן פאַרגליווערט די עכאָס פון סיסראַס אַרמייען, דער אָפּקלאַנג פון די צען טויזנט מלחמה־מענטשן, פון די שבטים נפתלי און זבולון, אונטער ברק׳ס פירערשאַפט. ממש מיט מיינע אויגן זע איך דאָרטן, אין באַרג, פאַרשטיינערט דעם בוים, וואָס אונטער אים איז דבורה די נביאה געזעסן און געמישפּט די שבטים.

מיין באַגלייטער האָט אָנגעהויבן רעדן צו מיר:

— איר גייט באַזוכן דעם קיבוץ?

די אילוזיע איז פאַרשוווּנדן. איך האָב זיך ווי אויפגעכאַפּט און געענטפערט:

— יאָ.

— איר קענט דאָרטן עמעצן?

איך האָב אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן.

— אַ, ער איז דער פּרינציפּאַל פון אונדזער שול. ער וועט פאַר אייך קריגן אַ פיינעם צימער. ס׳איז גוט, וואָס איר, אַן אַמעריקאַנער ייד, פאָרט אַליין, אָן אַ וועג־ווייזער, צו באַקענען זיך מיט די קיבוצים. דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

איך האָב אַ שמייכל געטון און אים איבערגעגעבן, וואָס דער קרעמער האָט מיר געזאָגט וועגן די קיבוצים.

מיין באַגלייטער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ווייס איך וואָס! מאַלע וואָס אַ קרעמערל האָט זיך צעפּלאַפּלט! די קיבוצים זענען דער רוקנביין פון ישוב. אין דער לעצטער מלחמה האָט קיין איין קיבוץ נישט פאַרלאָזן פרייוויליק זיין פּאָזיציע. דער קיבוץ איז אַזוי געבויט, אַז ער איז נישט נאָר אַן עקאָנאָמישע פעסטונג פון לאַנד, נאָר טאַקע פּשוט פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז יעדער קיבוץ אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע. ווען נישט די קיבוצים אין נגב און אין שרון וואָלטן די אַרמייען פון שונא פאַרפלייצט ישראל אין צען טעג. נגבה, יד מרדכי און רמת הכובש האָבן געוווּנען די מלחמה.

איך האָב געשוויגן און מיין יונגערמאַן האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט:

— ארבעט איז ביי אונדז א הייליקייט, און די גלייכקייט פון מיטגליי־דער איז ביי אונדז די ערשטע און הויפּט מצווה. דער קיבוץ איז באַלעבאָס איבער אַלץ. דער יחיד איז אפילו נישט קיין באַלעבאָס אויף זיין צימערל און די פּאָר שטיקלעך מעבל וואָס שטייען דאָרטן. ס'איז זיינס כל זמן ער וווינט אין קיבוץ. פאַרלאָזט ער דעם קיבוץ, גיט מען אים צוויי־דריי פונט, און ער גייט אוועק מיט די קליידער זיינע און מיט די פּאָר ביכער.

— אָבער איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז די מיטגלידער פילן נישט, אַז עס איז דאָ אַ מאכט, וואָס הערשט און שאַלטעוועט, און איז דער אמתער באַלע־באָס איבערן פאַרמעגן פון קיבוץ. ניין! ס'איז אַ משפּחה. פילן זיך קינדער אין אַ הויז, אַז די באַלעבאַטישקייט איז נישט זייערס? ניין, דער משל טויג נישט, ווייל אַ קינד קאָן זיך אַמאָל געפינען באַעוולט פון טאַטע־מאַמע. בעסער צו פאַרגלייכן די באַלעבאַטישקייט פון קיבוץ מיט דער באַלעבאַטישקייט פון מאַן און ווייב. אין אַ גוט לעבן טראַכט גאָר קיינער נישט, וואָס עס וועט זיין ווען איינער וועט פאַרלאָזן די משפּחה.

— זעט, ס'זענען פאַראַן קיבוצים פון טויזנט נפשות און מער. דאָך איז דאָרט נישטאָ קיין פּאָליציי. די טירן ווערן ביינאַכט נישט פאַרשלאָסן. איצט האָבן מיר אַ נאַכטיקע שמירה אַרום דעם קיבוץ, אָבער נישט אין קיבוץ.

— ס'איז נישטאָ קיין פּאָליציי, ווייל ביז איצט איז נאָך נישט געשען אין קיבוץ קיין גנבה, קיין פאַרגוואַלטיקונג, און אוודאי און אוודאי נישט קיין מאָרד. קריגערייען יאָ. געשלעגן? ווער עס הייבט אויף אַ האַנט אויף אַ חבר, מוז פאַרלאָזן דעם קיבוץ.

— איר האָט מסתמאָ גענוג געלייענט ביכער וועגן קיבוץ. אָבער כדי צו פאַרשטיין די באַציאונג פון אַ קיבוצניק צו זיין קיבוץ, כדי צו באַנעמען די אַבסאָלוטע גלייכקייט פון די מענטשן, צו פאַרשטיין אונדזער קינדער־דערציי־אונג מוז מען עס זען מיט די אויגן. איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל: אינה דומה שמיעה לראיה — הערן צו זען איז נישט גלייך. אַז איר וועט זען מיט די אייגענע אויגן, וועט איר ערשט דעמאָלט גלייבן, וואָס איר האָט געלייענט און וואָס איר האָט געהערט.

איך האָב אים געוואָלט פונאַנדערפרעגן וועגן אים אַליין, אָבער מיר זע־נען שוין אָנגעקומען אין קיבוץ, און ער האָט מיך אַריינגעפירט צום סעקרע־טאַר. איך האָב געזאָגט דעם סעקרעטאַר, אַז איך בין געקומען זען שלומען. ער האָט צוגערופן אַ מענטשן און אים געהייסן אָפּזוכן פאַר מיר מיין פריינט.

איך האָב געקראָגן פון שלומען גאָר אַ פיינעם קבלת־פנים, ערשטנס צו־ליב דעם גרוס, וואָס איך האָב אים געבראַכט פון זיין פעטער און מומע, און צווייטנס, ווייל ער איז געווען מיינער אַ לייענער.

שלום איז אַ טאַטנס אַ זון. דער טאַטע זיינער איז געווען פון די חשובס־טע יידישע וויסנשאַפטלער, דער הויפּט־טוער אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין דער לעצ־טער מלחמה. דער זון האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער יידישער ליטע־ראַטור. האָט ער מיך געדענקט נאָך פון ווילנע. איך האָב זיך געפרייט מיט מיין ערשטן לייענער אין ישראל, זאָל זיין אפילו אַן אַמאָליקער.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין פרוי. ער האָט מיר געענטפערט:

— זי אַרבעט אין וועשעריי. די מאַשין האָט זיך בייטאָג צעבראָכן, וועט זי היינט אַרבעטן שפּעט, ביז האַלב ניין. מיר וועלן עסן שפּעט אַוונט־ברויט. קומט איצט אַריין אין עס־צימער, און נעמט אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל ברויט און איינגעמאַכטס.

איך האָב זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן. ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן:

— עס הונגערט מיך אויך. מיר האָבן נאָך אַ האַלבע שעה ביז איך וועל קאָנען זען מיין טעכטערל. קומט!

נאָכן צובייסן איז ער אַריין צו זיך אין צימער, גענומען אַ זעקעלע האַר־טע צוקערקעס, און מיר זענען אַוועק זען דאָס קינד. ער האָט מיטן קינד פאַר־בראַכט אַ צוויי שעה. נאָך אונדזער צעשיידן זיך מיטן קינד איז נאָך אַליין געבליבן מער ווי אַ שעה, ביז שלומס פרוי האָט זיך געזאָלט באַפרייען פון דער וועשעריי. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען די גרויסע געביידע, און אַ קליין, דאַר, יונג ווייבעלע איז אַרויסגעלאָפן און מיר געגעבן די האַנט, וואָס איז גע־ווען אויסגעווייקט אין וואַסער און זייף. זי האָט זיך אַ פאַרשולדיקטע פאַר־ענטפערט, אַז זי וועט נישט פאַרטיק זיין ביז האַלב ניין. אויב מיר זענען הונ־געריק, זאָלן מיר נישט וואַרטן אויף איר. אָפּגעזאָגט און צוריקגעלאָפן. זי קאָן דאָך נישט לאָזן די מאַשינען אָן אויפזיכט.

הפנים, אַז שלום האָט פאַרשטאַנען, אַז איר אויסגעמאַטערט פאַרשוויצט פּנים און די מידקייט, וואָס איז געווען קאָנטיק אין איר יעדן ריר, האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. האָט ער מיר געזאָגט:

— היינט איז געווען זייער היים, און דערצו האָט זיך נאָך די מאַשין צעבראָכן, מוז זי אַרבעטן לענגער, איז עס געפאַלן זייער שווער אויף איר.

מיר האָבן געוואַרט אויף איר מיטן עסן. זי איז געזעסן מיט אונדז ביים טיש, אָבער געגעסן האָט זי ווייניק. זי איז געווען זייער מיד. נאָכן עסן איז זי לאַנג מיט אונדז נישט געזעסן. ווען שלום האָט גערעדט, האָט זי געשוויגן.

קוים געקאנט האלטן די אויגן אפן. נאך א ווײלע זיצן האט זי זיך אנטשול־דיקט: — שלום וועט אייך נעמען ווייזן דעם קיבוץ. איך מוז זיך לייגן שלאפן.

שפעטער האט ער מיך געבראכט אין מיין צימער — זייער א באקווע־מער צימער. מיר זענען געזעסן און געשמועסט וועגן א סך זאכן. ער האט מיר דערציילט ווי ער איז אנגעקומען אין קיבוץ. ווי עס האט אים גענומען א גאנץ היפש ביסל צייט ביז ער האט זיך צוגעפאסט צו דעם לעבן. דערנאך, זוי קענן זיין ווילן האט מען אים באשטימט צו ווערן א לערער. די קורסן אין שטאט, דאס פארן אלע וואך אהיים און לעצטנס די מלחמה. ער איז גע־זוען, וואס מ׳וואלט גערופן אין אמעריקע אן ערשטער לייטענאנט, און ער איז דורכגעגאנגען אלע צרות פון דער מלחמה.

ער האט מיר דערציילט א סך אינצידענטן פון דער מלחמה. מיר איז אבער געבליבן אין געדאנק איין קורצער עפיזאד, וואס ער האט מיר איבער־געגעבן עפעס ווי צופעליק, אזוי ווי איינער דערציילט כלאחר יד א נישט וויכ־טיקע פאסירונג:

— מיר זענען געלעגן אויף דער פאזיציע און זיך איבערגעשאסן. דער שונא האט געעפנט א שוידערלעכן האגל פון קוילן. איך האב אין עטלעכע מינוטן פארלוירן זעקס מענטשן. לויט אלע סטראטעגישע דינים האבן מיר געדארפט אפטרעטן. אויף מיר איז געלעגן די פאראנטוואָרטלעכקייט צו בא־שטימען וואס צו טון. איך בין זיך מודה, אז אין יענעם מאמענט האב איך נישט געטראכט פון דעם גורל פון דעם יידישן פאלק. מיר איז אפילו נישט איינגעפאלן, אז אויב מיר טרעטן אפ, עפענען מיר פארן שונא דעם וועג צום שרון. איין זאך האב איך נאר געזען: אויב מיר טרעטן אפ, ווערט דער וועג פאר זיי אפן און זיי פארנעמען דעם קיבוץ. זיי וועלן אריין און אונטערצינדן דעם עס־צימער, די שטאלן, די קינדער־הייזער, צעברעכן די מאשינען, פאר־נעמען די בהמות און שעפסן, און מיר וועלן דארפן זיך לאזן אין וועג. זאל זיין, אז מיר וועלן ערגעץ געפינען א היים. אבער וואס פאר א לעבן וועט עס זיין אן דעם קיבוץ? ניין, עס לוינט זיך נישט אפטרעטן. בעסער שוין נישט צו דערלעבן אזא צייט. מיר זענען נישט אפגעטראטן.

אין יענעם קיבוץ האב איך פארבראכט עטלעכע טעג. ס׳איז דווקא נישט געווען פון די רייכסטע קיבוצים, אבער ס׳איז געווען איינער פון די עלטסטע מע מפ״ם קיבוצים, און איך האב געהאט זייער א סך קשיות צו פרעגן. הויפט־זאכלעך האב איך זיך געוואלט באקענען מיט זייער קינדער־דערציאונג. ס׳איז געווען א גוטע סיבה פאר דעם.

דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין געווען אין קיבוץ, האָב איך בייגעוווינט די פּאָר שעה, ווען די עלטערן קומען זען די קינדער נאָך דער אַרבעט. געווייִנטלעך ענדיקט מען די אַרבעט אַרום האַלב נאָך פיר. אַרום פינף אַזייגער הייבן אָן קומען די עלטערן זיך זען מיט די קינדער. איך בין אַוועק מיט שלומען צום שפּיל־פּלאַץ.

דער שפּיל־פּלאַץ געפינט זיך גלייך לעבן די קינדער־היימען. ס׳איז אַ מין קליינער פּאַרק. דאָס גראָז אַרומגעשוירן, ביימער רינגלען אַרום דעם גאַנצן שטח. אויסגעשטאַט איז דער שפּיל־פּלאַץ אויסערגעוויינטלעך גוט: הוידעלקעס, אַ מאַי־שטעקן מיט שטענגעס, גליטש־ברעטער און אַלץ וואָס קינדער דאַרפן האָבן פאַר זייערע שפּילן.

שלום איז געווען דער ערשטער. דאָס קינד איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַזאַ פרייד און אַזאַ אימפּעט, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט. שלום האָט גענומען דאָס ליכטיקע מיידעלע אויף די הענט, געוויגט זי און זי באַדעקט מיט קושן. באַלד זענען אָנגעקומען נאָך טאַטעס און מאַמעס, יעדער איינער מיט עפּעס אין האַנט. די עלטערן זענען געווען אַזוי הונגעריק נאָך די קינדער, אַז יעדער טאַטע־מאַמע האָט נאָכגעגעבן יעדן קאַפּריז פון קינד. און די קינדער, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעלע אויפזעערס, פרעמדע, גערדונגענע מענטשן, האָבן געבענקט נאָך אַ גלעט, אַ קוש און נאָך דער נאָכגעביקייט פון טאַטע־מאַמע. די קינדער האָבן זיך געפּעסטשעט און די עלטערן האָבן זיך געטרייסלט איבער זיי.

איך האָב געזען פיינלעכע סצענעס. אַלע האָבן געשטופּט צוקערקעס די קינדער אין מויל, און דאָס איז געווען גאָר אַ קורצע צייט פאַרן אָוונט־ברויט. קינדער האָבן געשלעפּט טאַטע־מאַמע יעדע ווײַלע אין אַן אַנדער אָרט. אַ ייִנגל פון אַ יאָר דריי האָט געפּאַטשט די מאַמע מיט אַ סאַדיסטישער פרייד. וואָס לענגער איך בין געזעסן, אַלץ מער איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז עס איז נישט קיין גוטער איינשטעל. ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון די צוויי שעה, זענען טאַטע־מאַמע און קינד געווען פאַרמאַטערט און אומרואיק. עטלעכע יונגע קינדער זענען אַזש געוואָרן היסטעריש, און אַ סך פון די עלטערע קינדער זענען געזעסן אָנגעבלאָזן, ברוגז, גלייכגילטיק, געגודיעט זיך מיט דער שעה־באַשטימטער ליבשאַפט.

איך בין געזעסן און האָב זיך צוגעקוקט צו די אַלע סצענעס. איך האָב זיך געוווּנדערט ווי אַזוי עס וואַקסן נישט אויף קיין נערוועזע, הילפלאָזע קינדער אין די קיבוצים. און וואָס מ׳זאָל נישט זאָגן וועגן די סאַברעס, נערוועז און הילפלאָז זענען זיי זיכער נישט. פאַרוואָס נישט? — האָב איך זיך יענעם פאַרנאַכט געוווּנדערט.

אויף מאָרגן האָב איך פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין די קינדער־היימען. מיר זענען קלאָר געוואָרן אַ סך זאַכן וועגן דער יוגנט אין ישראל.

די קינדער־היימען זענען אויסערגעווענלעך גוט און באַקוועם אויסגע־שטאַט. באַלד ווי עס איז נאָר פיזיש מעגלעך פאַרן קינד, טוט ער די נייטיקע אַרבעטן אין זיין צימער און אַרום זיין דירה. פאַרשטייט זיך, אַז די קינדער אַליין וואַשן די דילן, רייניקן און פאַרבעטן די בעטן. אפילו שוין גאָר אין יונגן עלטער זעט מען, אַז דאָס קינד זאָל זיך אַליין באַדינען. אַ קליינינקייט ווערט אפשר בעסער אויפקלערן ווי די לענגסטע באַשרייבונג. די דריי יאָריקע קינ־דער האָבן שפּריץ־בעדער פאַר זיך אַליין. די קראַנען זענען איינגעשטעלט אויף אַזאַ הויך, אַז דאָס קינד זאָל קענען אַליין אָפּדרייען און פאַרדרייען דאָס וואַסער.

קינדער שפּילן זיך בלויז אין גרופּעס. איך האָב בייגעוווינט אַ סצענע ווי אַ דריי־יאָריק מיידעלע האָט געהאַט דאָס גערעכט צו שפּילן שוין גאָר אַליין. די מטפלת (אויפזעערין) האָט געפירט אַכט דריי־יאָריקע קינדער צום שפּיל־פּלאַץ. זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון בלויז אין מייטקעלעך. אַ מיידעלע איז גע־פאַלן און האָט זיך גוט צעקלאַפּט. זי האָט אָנגעהויבן וויינען מיט ביטערע קולות. די אויפזעערין האָט אָפּגעשטעלט די גרופּע, שנעל זיך אַ קער געטון צום קינד און באַקוקט צי זי בלוטיקט נישט, באַטאַפּט זי צי זי האָט אַ ביינדל נישט צעבראָכן. קיין סכנה. מיט אַ רואיקן טאָן האָט זי געזאָגט צום קינד:

— אילונה, שטיי אויף, ס'איז גאָר נישט!

דאָס קינד האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות. די אויפזעערין האָט גע־זאָגט רואיק און שטיל:

— קיין בלוט גייט נישט, שטיי אויף און קום.

דאָס קינד האָט נישט אויפגעהערט וויינען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

די אויפזעערין האָט שוין געזאָגט שטרענג:

— אילונה, דו האַלטסט אָפּ דיין כיתה, זיי אַלע וואַרטן אויף דיר.

אילונה האָט זיך אויפגעהויבן, געריבן מיט די קולאַקעס די אויגן און איז אַוועק צו איר גרופּע.

שוין פון גאָר אַ יונגן עלטער ווערן די קינדער צוגעוווינט צו אַ בשות־פותדיקן לעבן. אין שול־עלטער האָט יעדער קלאַס זיין צימער אין קינדער־היים. זיי וווינען צוזאַמען אין דעם זעלביקן צימער די גאַנצע אַכט יאָר, וואָס זיי לערנען אין פאָלקסשול. ווען זיי טרעטן אַריין אין מיטלשול, גיט מען זיי

דעם גאַנצן קלאַס ווידער אַ באַזונדער צימער. אַזוי ווינט אַפּ דער קלאַס — אַ צוואַנציק יינגלעך און מיידלעך — צוועלף יאָר צוזאַמען.

אין דעם עקסטרעמען קיבוץ, וואָס איך האָב איצט באַזוכט, זענען די מיידלעך און יינגלעך געשלאָפן אין דעם זעלביקן צימער ביז זיי זענען געוואָרן אַכצן יאָר אַלט. אין אַנדערע קיבוצים שלאָפן זיי אין דעם זעלביקן צימער ביז דעם עלטער פון צוועלף יאָר. ווען איך האָב געפרעגט די אויפזעערין צי עס טרעפן נישט קיין אוממאָראַלישע מעשים, ווען יוגנטלעכע פון אַזאַ עלטער שלאָפן אין איין צימער? האָט זי מיר געענטפערט:

— נישט נאָר שלאָפן זיי אין דעם זעלביקן צימער, נאָר זיי נעמען אַ מקלחת — שפּריץ-באָד — אין איינעם. ניין, עס האָט נאָך ביי אונדז נישט פּאַסירט קיין אומאַנגענעמער פאַל. אָבער מיר וועלן אָפּשאַפן די בשותּפות־דיקע דאָרמיטאָריאַס פון מיידלעך און יינגלעך, וואָס זענען עלטער פון צוועלף יאָר. די סיבה איז גאָר אַן אַנדערע: ביי אונדז אין קיבוץ פירן די בחורים און מיידלעך גאָר ווייניק ליבעס. זיי קוקן איינע אויף די אַנדערע ווי אויף ברידער און שוועסטער. נו, ווערן געשלאָסן ווייניק שידוכים צווישן אונ־דזער אייגענער יוגנט. טויג עס נישט. זיי האָבן חתונה מיט פרעמדע קיבוצ־ניקעס און גייען אַוועק פון אונדזער קיבוץ.

איך בין געזעסן מיט דער אויפזעערין אויף די טרעפּ פון דער וועראַנדע און האָב גערעדט מיט איר. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ טומל מיט אַ קלאַפּעניש פון אַ מאַשין, מיט מאָדנע אויסגעשרייען הינטער אַ ריי ביימער. איך בין אויפגעשפּרונגען מיט שרעק. זי איז געבליבן זיצן רואיק און געזאָגט:

— דאָס איז אַן אינסטרוקטאָר אַרוים מיט חברה אויף אַ טראַקטאָר צום ערשטן מאָל.

איך בין אַוועק אָנקוקן וואָס דאָרטן טוט זיך. הינטער די ביימער, אויף דעם ברעג פון אַ צעאַקערט פעלד, איז געשטאַנען אַ רויטער טראַקטאָר. אַרום אים און אויף אים זענען געווען אַרומגעקליבן אַרום פערצן-פופצן יינגלעך. אַ מיטליאָריקער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי וואָס איר ווילט אַליין: אַ רוס, אַן ענגלענדער, אַ סקאַנדינאַווער, אָבער נישט קיין ייד — איז געשטאַנען אין מיטן און מיט ביידע הענט פאַרשטאָפּט די אויערן. חברה האָט זיך געקריגט עפּעס וועגן די טיילן פון דער מאַשין. אַזוי ווי איך האָב נישט געוווסט די טערמינאָלאָגיע, האָב איך נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון זייער רעדן.

סוף־כל־סוף האָט דער מאַן אַ געשריי געטון:

— שקט! (שטיל)

ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָט ער רואיק אַ זאָג געטון:

— חיים איז גערעכט.

איך בין געשטאַנען אין אַ זייט און האָב קוים מיט צרות אויפגעכאַפּט וועגן וואָס עס גייט אָן די קריגעריי. חברה לערנט זיך נישט נאָר צו אַרבעטן מיטן טראַקטאָר, נאָר אויך צו זיין באַקענט מיט דער גאַנצער מאַשינעריי. דער אינסטרוקטאָר איז עס געווען די אויטאָריטעט, וואָס האָט אויסגעגלייכט אַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן.

דערווייל האָט חברה מיך פאַרשאָטן מיט פראַגעס וועגן אַמעריקאַנער יוגנט. די הויפּט־פראַגע איז געווען, צי וויסט די יידישע יוגנט אין אַמעריקע דעם קאַמף, וואָס מיר זענען דאָ דורכגעגאַנגען מיט די זיבן פעלקער? קלייבט זיך אַמעריקאַנער יוגנט צו קומען קיין ישראל? איז אָן אמת, אַז אין אַמערי־קאַנער שולן איז פאַראַן אַ נומערוס קלאַוזוס? איז אָן אמת, אַז אַמעריקאַנער יידן האָבן מורא צו לייענען אַ יידישע צייטונג אין „סאַובעי"? (אונטערערד־באַן) אויף וואָס וואַרטן די יידן אין אַמעריקע און פאַרוואָס פאָרן זיי פון דאָרטן נישט אַרויס? אַ בלינדער קאָן דאָך זען, אַז זייער גורל וועט זיין דער זעלביקער ווי דער גורל פון די יידן אין דייטשלאַנד.

דער אינסטרוקטאָר האָט קיין אָנטייל נישט גענומען אין דעם געשפּרעך. ווען איך בין מיט אים געבליבן אַליין, האָט ער פאַררויכערט און אַ שמייכל געטון:

— איר האָט געזען יאַטן? נו, זענען זיי נישט אַזוי גוט אָריענטירט וואָס עס קומט פאָר אין אַמעריקע. איך בין געווען אין אַמעריקע ערשט פאַראַיאָרן. איך פאָר אָפּט צו אייך, געשיקט פון דער פּאַרטיי, ווייס איך די לאַגע. נו, חברה האָט, וואָס איר וואָלט גערופן, דעם ציוניסטישן קוק, וואָס אָריענטירט זיך אויף אַנטיסעמיטיזם. אָבער קיבוצניקעס וועלן זיי זיין!

ער האָט אַ קוש געטון די שפּיץ פינגער.

די הויפּט אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פון דעם קיבוץ איז אַ גרויסע דרוקעריי, וואָס דרוקט אַלע אויסגאַבעס פון דער פּאַרטיי. איך האָב באַזוכט די דרוקעריי. דער וואַרשטאַט איז אויסגעשטאַט מיט די בעסטע דרוק־מאַ־שינעס, די גרעסטע צאָל געשיקט פון אַמעריקע, מתנות פון די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. איך האָב בייגעוווינט אַ ביטערע סצענע: אַן אַרבעטער האָט אַראָפּגענומען פון פרעס אַ געדרוקטן בויגן און האָט אים מיט אַ שמייכל דער־לאַנגט צו אַ יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל. איך האָב אַ קוק געטון אויפן יונגנמאַן און אים דערקענט. דאָס איז געווען דער זעלביקער יונגער־מאַן, וואָס איז נעכטן אַראָפּגעשטיגן מיט מיר פון אויטאָבוס.

ער האָט שנעל מיט די אויגן דורכגעקוקט דעם געדרוקטן בויגן און אויס-געגרופן מיט כעס:

— מען האָט עס נישט געטאָרט דרוקן! ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט צו שרייבן וועגן די זאכן! ס'איז א סקאַנדאַל!

דער זעצער, אָדער פּרעסמאַן, האָט זיך מיט אים ווי גערייצט:

— ס'איז דורכגעגאַנגען א רעדאַקציע.

— ווען איך וואָלט געוווּסט — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט — וואָלט איך פּראָטעסטירט, און איך וואָלט שוין געפונען א וועג אָפּצולייגן דאָס פאַר-עפנטלעכן פון דעם געדרוקטן.

איך בין צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט מיטן יונגנמאַן. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר ווייזן דעם דרוק-בויגן. ער האָט אים מיר געגעבן און געזאָגט:

— נאַט, לייענט. אדרבה, איר זענט דאָך א שרייבער און א געזעלשאַפט-לעכער מענטש. נו, לייענט און זאָגט: מעג מען עס איצט פאַרעפנטלעכן?

איך האָב איבערגעלייענט די אָנגעוויזענע צוויי זייטן. דאָס איז געווען א באַשרייבונג פון גאָר נישט קיין שיינע מעשים, וואָס יידישע סאָלדאַטן האָבן אָפּגעטון. איבערהויפּט האָט זיך דער שרייבער געבייזערט, וואָס צווישן די סאָלדאַטן זענען געווען א סך מפּמ"ניקעס. זיי זענען נישט געווען בעסער פון די אַנדערע.

איך האָב געזאָגט צום יונגנמאַן:

— איך מיין, אז איר זענט אומגערעכט. מ'מעג שרייבן אַזעלכע זאַכן און דווקא איצט. שפּעטער מיט יאָרן איז קיין קונץ נישט צו פאַרעפנטלעכן אַזעלכע זאַכן. איר ווייסט דאָך, אין צייט פון פרידן איז גרינג צו זיין א פּאַ-ציפיסט. אַלע „אַנשטענדיקע" מענטשן פּראָטעסטירן קעגן פאַרגאַנגענע עוו-לות. אָבער דער אמתער ערלעכער מענטש שרייט, ווען די עוולות ווערן באַגאַנ-גען.

ער האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט:

— היינט ביינאַכט וועלן מיר זיך צוזאַמענטרעפן און רעדן וועגן דעם באריכות. דערוויל ווילט איר זען דעם קיבוץ?

— איך האָב ליב אַליין ארומצוגיין — האָב איך געענטפערט — אָבער איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיך אריינפירן צו עטלעכע חברים אין זייערע צימערן. איך וויל זען ווי זיי וווינען. איך וויל זען צי איר האָט טאַקע גלייכ-קייט.

ער האָט מיך ארומגעפירט. קיינער באַוווינט נישט מער ווי איין צימער. די ותיקים וווינען אין בעסערע הייזער, אָבער קיין צימער האָט נישט קיין בית-

הכסא אָדער באָד־צימער. די אַפּטריטן און בעדער געפינען זיך אין הויף — קהלשע. צום סוף האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, נישט דווקא פון די בעסטע, און האָט באַמערקט כלאחר יד:

— דאָס איז דאָס צימער פון ...ש, דער מיטגליד פון כנסת. ווען די מפא״י וועט אונדז נאָכגעבן אונדזערע פאָדערונגען און מיר וועלן האָבן אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיט זיי, וועט ער זיין אונדזער מיניסטער. קיין בעסערן צימער ווילן מיר אים אָבער נישט געבן. ער איז ערשט צען יאָר אין קיבוץ. די צימערן זענען פאַר דער גרופּע פון זיין עלטער.

יענע נאַכט בין איך געזעסן מיט אַ צאָל טוער פון קיבוץ און מיר האָבן פאַרבראַכט ביזן ווייסן טאָג אַריין. עס איז געקומען צו מיר די סמעטענע פון קיבוץ. מען איז געזעסן אויפן בעט, אויף שטולן, אויפן דיל און אויף דעם געזעמס פון די אָפענע פענצטער. איך האָב זיי דערציילט וועגן אַמעריקע. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. דערנאָך האָב איך אָנגע־הויבן שטעלן פראַגעס וועגן קיבוץ. די ערשטע פראַגע איז געווען וועגן דעם אינצידענט אין דער דרוקעריי. אָבער נישט דער יונגערמאַן האָט מיר געענט־פערט, נאָר שלום:

— נישט איצט איז די צייט צו רעדן וועגן דעם. מיר האָבן נישט גע־וואָלט די מלחמה. די מפ״ם איז דאָך לכתחילה געווען אינגאַנצן קעגן אַ סע־פּאַראַטער רעגירונג. און אוודאי און אוודאי האָבן מיר נישט געוואָלט אַראָפּ־שטויסן די אַראַבער פון דער ערד. אָבער ווייסט איר, וואָס עס מיינט צו ליגן אין שוץ־גריבער, וואָכן און חדשים, זיין מיד, אַזוי מיד, אַז אפילו אָטעמען איז אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט? איר ליגט מיט אַן אַלטער ביקס אין האַנט, און איר ווייסט אַז יעדע מינוט קאָנט איר צעפּערטלט ווערן, צעשניטן ווערן פּשוט כמשמעו. איר האָט געדאַרפט זען די קערפּערס פון אונדזערע סאָלדאַטן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. קאָנט איר אין אַזעלכע אומר־שטענדן רעדן וועגן מצפון (געוויסן) און איינזעעניש, און אָפּהיטן עטישע כללים? נו, האָבן אַ סך פון אונדזערע יינגלעך געצאָלט צוריק מיט דער זעל־ביקער מטבע. קאָן מען עמעצן באַשולדיקן?

איך האָב זיי אָבער נישט אָפּגעלאָזט:

— דאָס איז דאָך טאַקע מיין טענה. מדינה האָט איר לאָגיק. אויב איר זענט געקומען אַהער צו פאַרנעמען אַ לאַנד פאַר זיך, האָט איר נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין פרידלעכע צושטימונג פון דער אַלטער באַפעלקערונג. איר האָט זיך געמוזט ריכטן, אַז איר וועט דאַרפן מלחמה האַלטן.

— דאָס איז טאַקע אמת — האָט געענטפֿערט דער יונגערמאַן — אונדזער טעות איז געווען נאָך אַ גרעסערער. מיר האָבן נישט געשאַפֿן קיין מפּ״ם באַוועגונג צווישן די אַראַבער. מיר זענען געווען גרייט אויף אַלע פּשרות, אָבער די אַראַבער האָבן נישט געוואָלט קיין פּשרות. איבערהויפּט, ווען ביי זיי האָבן געהאַט די דעה די רייכע עפֿענדים, און דערצו האָבן צוגעהאָלפֿן די אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגאַנטן. למעשה זענען מיר נישט געווען בעסער פֿון די עקסטרעמיסטן, דאָס מעג מען באַטאָנען. די איינצלנע פֿאַלן פֿון אכזריות פֿון אונדזערע חברים זענען נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם פּלאָנטער.

— ניין — האָט זיך אָנגערופֿן אַן אַנדער קיבוצניק — זעלבסט־קריטיק דאַרף גיין ביזן ביין. ס׳איז גוט וואָס מ׳דרוקט דאָס בוך. איך גרויס זיך נישט מיט דעם, וואָס מיר האָבן געטון. נישטאָ מיט וואָס. עס מעג זיין אַ שולד־געפֿיל. ס׳איז געזונטער אַזוי.

נאָך דעם ענין האָב איך באַרירט אַן אַנדער פֿראַגע:

— וואָס איז דער יסוד פֿון אייער קיבוץ: אַ מאַטעריאַליסטישער אָדער עטישער?

שלום האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס:

— איר וועט מיר מוחל זיין — דאָס איז גלאַט פּלפּול. וואָס איז דאָ דער חילוק? אַבי מיר האָבן איינגעפֿירט גלייכקייט און אַ יושרדיקע געזעלשאַפֿט.

איך האָב געפּרוווט מאַכן קלאָר מיין געדאַנק:

— איר האָט דאָ אין קיבוץ געגרינדעט גאָר אַ נייע געזעלשאַפֿט. אויב אויף דער וועלט וועט ווען עס איז קומען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט, אָדער ווי איך רופֿ עס, אַן עטישע געזעלשאַפֿט, וועט דאָס זיין לויט אייער ביישפּיל. ביי אייך איז גלייכקייט אָן אַ בייטש. ביי אייך אין קיבוץ איז פֿאַראַן אַ מוסטער־געזעלשאַפֿט. איר קאָנט באַווירקן די וועלט. איר לעבט באַשיידן אָרעם, יעדער איינער בלויז אין איין צימער, די קינדער אין בשותּפֿותדיקע צימערן. מאַן און ווייב און אונטערגעוואַקסענע קינדער אַרבעטן. נישטאָ ביי אייך קיין אומזיסטיקע עסערס. איר האָט געענדערט דאָס פֿאַמיליען־לעבן איר האָט אָפּגעשאַפֿט אָרעמקייט. ביי אייך איז פֿולע דעמאָקראַטיע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע, און איך חזר איבער נאָך אַמאָל: אָן אַ בייטש. נאָך מער, יעדער פֿון אייך טראָגט אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. אייער אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל, וואָס בלייבט צוליב אייער נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד, גיט איר אויס אויף דריי זאַכן: גאָר אַ קליינעם טייל אויף קליינע

לוקסוסן פאַר די מיטגלידער, אַ גרויסן טייל אויף פאַרבעסערן דעם קיבוץ און גאָר אַ גרויסן טייל לטובת הכלל. איין ביישפּיל: אייער אָרעמער קיבוץ האַלט אויס איבער צוויי הונדערט קינדער פון נוער־עולה — די אימיגראַנטן־קינ־דער. אויך קומען צו אייך אַ צוויי הונדערט קינדער אַ זומער פון נוער־עובד, וואָס איך בין חושד, אַז איר דערלייגט געלט צו זיי אויך. נו, שטעלט זיך פאַר, אַז עס איז נישטאָ מער קיין נוער־עולה. דאָס ווייסטע לאַנד איז באַ־זעעצט. נישטאָ קיין עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט צו האַלטן די קינדער אין קינ־דער־היימען. די מאַמע דאַרף נישט אַרבעטן גלייך מיטן טאַטן. וועט איר דע־מאָלט אָנהאַלטן די בשותפותדיקייט פונעם קיבוץ? מיר דוכט זיך, אַז נישט.

— אויב אָבער דער יסוד פון קיבוץ איז אַן עטישער האָב איך ווייטער גערעדט: מענטשן טאָרן נישט לעבן אין צופיל לוקסוס, קינדער דאַרפן גע־האַלטן ווערן אין היימען, נישט מיטן טאַטן און מאַמען; יעדער איינער מוז אַרבעטן פאַר זיין ברויט — דעמאָלט בלייבט דער קיבוץ ווי ער איז איצט. פאַרשטייט זיך, מיט מאָדיפיקאַציעס, וואָס די צייט ברענגט. אין אַנדערע ווערטער, יידישע עטיק זאָגט: לעב אַזוי און אַזוי, כדי דו זאָלסט פירן אַ היי־ליק לעבן, ווייל דו מענטש ביסט הייליק. די מאַטעריאַליסטישע תורה לערנט: לעב אַזוי און אַזוי, כדי דיין לעבן זאָל אין דער צוקונפט זיין באַקוועם.

דער יונגערמאַן, מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט אין אויטאָבוס, האָט אַ שמייכל געטון:

— איר זענט אַ ייד מיט אַ גראָבן פינגער, אָבער ס'איז פאַראַן אַ סך אמת אין דעם, וואָס איר זאָגט. גאָר אייער פּלפּול איז אַן ענין פאַר לעתיד לבוא. פאַר די קומענדיקע פופציק יאָר איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. דער נגב און דער גליל זענען וויסט און נישט באַזעצט, און קאָנען נישט אויפגע־בויט ווערן פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אָדער אפילו פון מושבי־עובדים. דאָס לאַנד מוז האָבן קיבוצים, אַ סך קיבוצים. דאַרפן מיר דעריבער אָן פּילפּולים דערציען אַ דור, וואָס זאָל וועלן לעבן דעם אַסקעטישן לעבן פון אַ קיבוץ, איבערהויפּט דעם שווערן לעבן פון אַ יונגן קיבוץ.

מיר האָבן גערעדט וועגן נאָך אַ סך ענינים, אָבער איך קאָן אַלץ נישט איבערגעבן. איין מיינונג אָבער, אפילו ווען עס האָט צו טון מיט מיר פּער־זענלעך, איז כדאַי צו פאַרצייכענען:

איך האָב באַזוכט די ביבליאָטעק, איך האָב איבערגעקוקט זייער גרינט־לעך די קינדערשע ביבליאָטעק. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די איבער־זעצונגען פון דריי סעריעס ביכער פון ענגליש: די סעריע „דאָקטאָר דו ליטל", „וויזאַרד אוו אָז" און „אַדווענטשורס אוו טאַרזאַן".

איך האָב צו זיי געטענהט:

— די דריי סעריעס זענען זייער ביליקע ביכער, ביכער כמעט אָן שום ליטעראַרישן ווערט, איבערהויפּט די סעריע וועגן טאַרזאַן. און דווקא פון דער סעריע, גאַנצע עלף ביכער, האָט איר צו פינף קאָפּיעס פון יעדן בוך. היתכן?

דאָ האָט מיר געענטפערט אַ ייִד, וואָס איז געזעסן אויפן געזעמס פון פענצטער:

— פאַר אונדז פּאַסן די טאַרזאַן ביכער. אין זיי איז פאַראַן מעשה, אוואַנטורע, קאַמף, שלאַכטן און פערזענלעכער מוט. איצט דאַרפן מיר איינפלאַנצן אַזעלכע מידות אין די קינדער. ס'איז איצט אַ צייט פון שלאָגן זיך ביי אונדז. איר ווייסט, דר. סיימאָן, איך האָב עס אייך נישט געוואָלט זאָגן, אָבער איך בין זייער גוט באַקאַנט מיט אייערע קינדער־ביכער. איך בין אַן אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער קינדער־אָפּטיילונג. איך וויל אייך געבן אַ קאָמפּלימענט. (דאָ האָט ער אָנגעהויבן מיך לויבן ביזן הימל). אייערע ביכער האָט מען אונדז רעקאָמענדירט פון אַמעריקע אויף איבערצוזעצן, אָבער מיר וועלן זיי נישט איבערזעצן. אייערע גלות־יידן זענען פאַר אונדז צו שיינע יידן. נישט נאָר איז „שמערל נאַר" ביי אייך נישט קיין נאַר, נאָר אפילו אייערע „בעלעמער העלדן" זענען נישט קיין יאָלדן. איר לאַכט פון זיי נישט, איר אידעאַליזירט זיי. טייערע, קלוגע, ערלעכע, טיף־אמתדיקע מענטשן זענען זיי גאָר ביי אייך. איצט ווילן מיר נישט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אַזוי קוקן אויף גלות־יידן. איצט ווילן מיר פאַרמיאוסן דעם גלות. מיר דרוקן מענדעלען, וואָס לאַכט אָפּ פון יידן. מיר דרוקן אַ סך ש. בן־ציון, וואָס האָט פיינט געהאַט דאָס שטעטל. דרייסיק, פערציק יאָר שפּעטער וועלן מיר איבערזעצן אייערע קינדער־ביכער. איצט איז עס צו פרי.

מיר האָבן פאַרבראַכט ביזן ווייסן טאָג. מיר זענען אוועק אין עס־צימער און האָבן געגעסן פרישטיק. איך בין אוועק שלאָפן. די קיבוצניקעס זענען אוועק צו דער אַרבעט.

## קאַפּיטל דרייצן

# דער באַרג גלבוע

נישט ווייט פון מ״ה, צופוסנס פון הר גלבוע, ליגן צוויי קיבוצים. זיי זענען נישט פון די עקסטרעמע קיבוצים. איך האָב געזאָגט שלומען, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט דאָרטן זיין צוויי טעג. ער האָט מיר געזאָגט:

— דאָרטן געפינען זיך דער פּאָעט ג־ און דער דערציילער ש־. איך וועל אייך געבן צו זיי אַ בריוו און זיי זאָגן, אַז איר זענט אַ יידישער שרייבער און אַ רעדאַקטאָר. זיי וועלן אייך אויפנעמען בכבוד גדול.

— איך וויל נישט קומען ווי אַן אָפיציעלער מענטש — האָב איך געענטפערט.

— נו, גייט זשע פּשוט אַריין צום סעקרעטאַר און זאָגט אים, אַז איר ווילט זיין אין קיבוץ אַ פּאָר טעג.

— דאָס איז מיר אויך נישט צום האַרצן. ווער וויל זיך אָנוואַרפן אויף מענטשן און עסן אומזיסט ברויט?

שלום האָט זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן דאָרטן אַ ספּעציעלן האָטעל פאַר טוריסטן. איך בין אַרויס פון קיבוץ מיט מיין וואַליזקעלע, און בין צוגעגאַנגען צום הויפּט־וועג, וווּ איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. אויפן גראָז איז געזעסן אַ זעלנער, אַ פאַרוווּנדעטער אין פוס, און האָט אויך געוואַרט אויפן אויטאָבוס. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים.

אין מדינת־ישראל דויערט נישט לאַנג זיך צו באַקענען און זיך פונאַנדערצורעדן. ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, האָט ער מיר גענומען דערציילן וועגן דער מלחמה. ער האָט מיר דערציילט אַ סך זאַכן.

אָבער דאָס זענען געווען מיינסטנס איבערחזורונגען פון דעם, וואָס איך האָב שוין פריער געהערט. אָבער איין עפּיזאָד, וואָס ער האָט מיר דערציילט בלאחד יד, האָט מיר באַוויזן, אַז אַ טייל יידישע זעלנער זענען פּאַרט אַנ־דערש פון אַנדערע. רעדן האָט ער גערעדט יידיש און אַ גוטן ליטעראַרישן יידיש:

— מיר זענען געשטאַנען און פאַרטיידיקט ירושלים. די ביקסן זענען געווען אַלטע און די קוילן געציילטע. פון יענער זייט האָגלט מיט האַרמאַטן־קוילן. דער אַראַבישער לעגיאָן האָט די נייסטע געווער, און מיר שטייען מיט ביקסן פון מלך סאָבעצקעס צייטן. ס'איז אונדז געווען ביטער און פינצטער. דער אָנזאָג, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען אַ שטרענגער: נישט שיסן, סיידן מען מוז. יעדע קויל דאַרף האָבן אַ פּאַרוואָס! ס'איז געווען שווער אויס־צופאָלגן דעם באַפעל. אָבער מיר האָבן אויסגעפאָלגט, ווייל מיר האָבן גע־ווּסט, אַז אויב מיר וועלן שיסן אָן אַ ציל, וועלן אונדז אויספעלן קוילן ווען מיר וועלן זיי דאַרפן.

— מיטאַמאָל, אין אַן אָוונט, איז אָנגעקומען די בשורה: מען האָט גע־בראַכט נייע ביקסן און גענוג אַמוניציע. מיר האָבן גענומען די ביקסן גלייך פון די לאַרים, אַליין אַראָפּגעריסן דאָס וויקל־פּאַפּיר פון זיי. די ביקסן זענען געווען גוט אויסגעשמירט מיט פעטס, גרייט אויף צום שיסן. און קוילן? גאַנ־צע קאַסטנס. איך האָב אַ כאַפּ געטון מיין ביקס און זי צוגעטוליעט צום האַרצן, ווי איינער טוליעט צו צו זיך זיין כלה.

— מיטאַמאָל האָט מיר אַ בורע געטון אין בויך: שמעיה, וואָס פאַר אַ שמחה אויף דיר? ס'איז אַ כלי־משחית, מען הרגעט דאָך מיט דעם מענטשן!

— אָבער איך האָב זיך דאָך געפרייט. איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. מיט אַזעלכע ביקסן אין די הענט קאָנען מיר גיכער בלייבן לעבן ווי מיט די אַלטע ביקסן. און, איך פרעג אייך, ווער וויל עס שטאַרבן?

— פון וואַנען קומט איר? — האָב איך געפרעגט.

— אַ קאָוונער — האָט ער מיר געענטפערט.

דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען. איך בין געפאָרן אַ דריי פערטל שעה. דער שאָפער האָט מיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין מיטן וועג, און אָנגעוויזן דעם וועג צום קיבוץ. ס'איז געווען אַ שווער שטיקל וועג צוצוגיין. איך בין אָנגעקומען אַ פאַרמאַטערטער, אַ דערהיצטער און אַ הונגעריקער אין עס־צימער.

איך האָב זיך געזעצט ביי אַ טיש. קיינער האָט מיך נישט געפרעגט ווער איך בין. אַ חבר האָט באַלד צוגערופן דאָס מיידל, וואָס האָט באַדינט דעם

טיש, און געבעטן פאַר מיר אַ טעלער, מעסער און גאָפּל. איך האָב זיך געזעצט עסן.

איך האָב אָפּגעגעסן און געפרעגט איינעם:

— ווו איז דאָ אייער האָטעל־פּאַרוואַלטער?

ס'איז צוגעקומען אַ מיטליאָריקע פרוי און האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי די פאַרוואַלטערין.

— יאָ — זי האָט אַ צימער.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין זייער מיד, און זי געבעטן, אפשר האָט זי עמעצן צו טראָגן מיין וואַליזקע.

— ניין — האָט זי מיר געענטפערט — געוועגלעך פאָרן אַרויף די אויטאָבוסן מיט די טוריסטן גלייך צום האָטעל, וואָס איז אַרויף באַרג. לוינט זיך נישט צו האָבן קיין ספּעציעלן מענטשן אויף טראָגן זאַכן. אָבער — האָט זי געזאָגט — איך וועל טראָגן אייער וואַליזקע.

— וואָס מיינט איר — האָב איך געענטפערט — איך וועל לאָזן אַ דאַמע טראָגן מיין וואַליזקע? וואָס וועט זאָגן מיין מצפון (געוויסן)?

— איי, איר רעדט דאָך ווי אַ קיבוצניק. קומט, ס'איז גאָר נישט אַזוי ווייט.

איך בין זיך מודה, אַז נאָך די פּאָר טעג אין קיבוץ האָט דער האָטעל מיר שטאַרק געשמעקט. די שיינע קאָלירטע קאָבל־ווענט, די דיקע טערקישע האַנטעכער און די פּריוואַטקייט פון שפּריץ־באָד האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן רייץ.

נאָך דער שפּריץ־באָד האָב איך זיך צוגעלייגט שלאָפן. ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט אויף מיר געוואַרט אַ מאַן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר: ער איז אַ מאָלער. ער פירט אָן דעם מוזיי פון קיבוץ. ס'איז פאַראַן וואָס צו זען דאָרטן. איבערהויפּט איז ער צופרידן וואָס איך בין געקומען אַהער. ער קען מיך. ער האָט ביי זיך מיינע „קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער". אפשר וויל איך איצט זען דעם מוזיי?

איך האָב זיך אַנטשולדיקט. איצט וויל איך זיך אָנזעטיקן מיט די הרי גלבוע. אין אָוונט וויל איך אַליין באַקוקן דעם קיבוץ. מאָרגן קאָן איך מיט אים פאַרברענגען.

ווען ער איז אַוועק, האָט מיר די פאַרוואַלטערין דערציילט, אַז דער מאַן איז טאַקע אַ באַרימטער מאָלער. ער איז אַן אַלטער קיבוצניק און האָט אָנגעהויבן דאָ צו מאָלן. די ערשטע יאָרן אויף זיין אייגענער צייט, נאָך דער אַר־

בעט. אז מען האָט דערזען, אַז ער האָט טאַקע טאַלאַנט, האָט מען אים אָנ־געהויבן באַפרייען צוויי טעג אַ וואָך פון דער אַרבעט, דערנאָך דריי טעג. איצט פאַרנעמט ער זיך בלויז מיט מאָלן. ער איז אויך דער פאַרוואַלטער פון קונסט־מוזיי. אַלע קענען אים ווי אַ ליבהאָבער פון יידיש.

— אַרבעט זיין פרוי אין קיבוץ? — האָב איך געפרעגט.

— אוודאי, וואָס פאַר אַ פראַגע? זי איז דאָך נישט קיין מאָלערין.

דערווייל האָט זי מיך געפרעגט, ווו איך וויל עסן אָוונט־ברויט: אין אַל־געמיינעם עס־צימער, צי דאָ אין האָטעל?

איך האָב פאַרשעמט געזאָגט:

— עס בענקט זיך שוין נאָך אַ געדעקטן טיש און אַ סערוועטקע.

אַ יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן אין ווינקל, האָט זיך אויפגעשטעלט:

— נו, וואָס זאָג איך אייך? אייערע קיבוצים זענען נישט פאַר קיין צי־וויליזירטע מענטשן.

די פאַרוואַלטערין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— הערט זיך צו אים נישט צו, ער איז אַ בורזשוי!

ביים עסן האָב איך זיך באַקענט מיטן יונגנמאַן. ער האָט אַ „בולדאזער“ און טוט אַרבעט פאַר די קיבוצים. ער האָט גאָרנישט געהאַלטן פון דעם אויפ־טו פון די קיבוצים. ער האָט גערעדט וועגן די קיבוצים נאָך שאַרפער ווי דער קרעמער אין שטעטל.

יענעם אָוונט בין איך אַליין אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבערן קיבוץ. איך בין זיך מודה: איך האָב פאַרגנבעטערהייט אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון אַ סך צריפים און אין די צימערן פון די ותיקים. איך האָב געוואָלט זען ווי קיבוצניקעס לעבן ביי זיך אין די צימערן. איך האָב ווייניק מענטשן גע־טראָפן אין די שטיבער. די, וואָס זענען דאָרטן געווען, זענען געזעסן און גע־לייענט, אָדער פאַרבראַכט מיט אַ שכן, וואָס איז אַריין אויף אַ ווײַלע. ראַדיאָס האָבן געשפּילט. היימען ווי אַלע היימען.

איך האָב זיך דערנענטערט צו אַ גרויסן באַלויכטענעם צריף. איך האָב געהערט אַ רעדן פון אַ געשולטן רעדנער. עפּעס האָט ער דערקלערט מיט הארץ. איך בין צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, און האָב דערזען אַ גרופּע יוגנטלעכע, אויסגעזעצט אויף לאַנגע בענק. אין צענטער, לעבן אַ טישל, אַנט־קעגן זיי, איז געזעסן אַ יונגערמאַן און האָט איינגעטענהט מיט זיי.

אין אָנהייב איז מיר געווען שווער צו כאַפּן, וואָס ער האָט גערעדט, ווייל ער האָט גערעדט מיטן ווייכן לאַמעד, מיט דעם האַלבן שין און דעם ח' ווי אַן

אמתער סאברע. אָבער ווען מיין אויער האָט זיך צוגעוווינט צום קלאַנג פון דער אויסשפּראַך, האָב איך באַנומען זיינע רייד:

— ס׳איז אַן אייזערנער געזעץ אין קיבוץ, אַז פּאָר הייבן אַ האַנט טרייבט מען אַרויס פון קיבוץ. נו, איר זענט נאָך ניי און פריש, פאַרקוקן מיר ווען איר שלאָגט זיך. אָבער מעסערס? מיר האָבן פון אייערע צימערן צו־גוויפגעקליבן אַכט מעסערס. נאָך אַ האַרבע עבירה אין קיבוץ איז גנבענען. און איר? יעדן טאָג פעלט עפּעס ביי עמעצן פון דער גרופּע, אָדער אין די וואַרשטאַטן.

— איך ווייס, איך ווייס, אַז אייך איז שווער צו באַנעמען, אַז איר דאַרפט נישט גנבענען. איר דאַרפט נאָר זאָגן, וואָס איר ווילט, וועט עס אייך צוגעשטעלט ווערן פון קיבוץ. שלאָגן זיך? צוליב וואָס? איר לעבט דאָ אַ בשותפותדיקן לעבן. קיינער האָט נישט מער פון דעם צווייטן. עס איז אייך שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק פון שותפותדיקייט. איר קומט פון שטאָט, ווו מען האַלט, אַז וואָס מער איינער כאַפּט אַריין, אַלץ קליגער איז ער. וואָס רייכער איינער איז, אַלץ חשובער איז ער. דאָ, אין קיבוץ, דאַרף מען נישט אַריינכאַפּן, ווייל קיינער קאָן נישט ווערן רייך אָדער רייכער. דאָ זענען אַלע גלייך.

— איך רעד צו אייך ווי צו דערוואַקסענע מענטשן. איר זענט נישט קיין קינדער. אַ סך פון אייך זענען דאָך געווען אין דער מלחמה. האָף איך, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך וועל צו אייך דאַרפן רעדן אַזעלכע רייד.

ער האָט געענדיקט, זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער. ווען ער האָט געערעדט איז די גרופּע געזעסן, און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נישט שטאַרק צוגעהערט צו אים. אָבער מאָדנע, ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל ביזן הימל. יעדער איינער האָט באַשולדיקט דעם אַנדערן:

— ס׳איז דיין שולד! דו האָסט היינט געגנבעט דאָס ראַזיר־מעסערל.

— איך וועל דיר געבן „געגנבעט” — האָט דאָס יינגל געענטפערט — מיט איין קנאַק אין פּיסק מאַך איך דיך שטום.

אַ יינגל איז געזעסן אויף אַ באַנק און זיך געמאַכט שלעפערדיק. אַ מיידל אַ ת׳מנער האָט אים אַ טורקע געטון אַזוי שטאַרק, אַז ער איז שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון באַנק:

— איצט שלאָפט ער, ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן, ברודערל מיינער!

— מען דאַרף אייך געבן גלייך אין בויך — האָט זיך צעקאָכט אַ יינגל מיט האָר פון אַ נעגער — גלייך אין בויך, אַז די קאַראַקאַשקע זאָל אייך אַרויס, וועט איר ווערן מענטשן.

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעלאַכט. ס'איז געווען קאָמיש זייער זידלען זיך און זייער גרייטקייט זיך צו שלאָגן, ווייל זיי טאָרן זיך נישט שלאָגן און זידלען.

די גאַנצע גרופּע האָט זיך אַ קער געטון צום פענצטער:

— מה יש? (וואָס וויל ער?)

איך האָב זיי רואיק דערקלערט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער ייד, און אַז איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען און האָב זיך צוגעהערט, וואָס דער מדריך האָט צו זיי גערעדט, און ווי זיי זענען גרייט זיך צו שלאָגן, ווייל מען טאָר זיך נישט שלאָגן.

— פאַר אַן אַמעריקאַנער יידן רעדט ער דאָך גוט עברית — האָט זיך אָנגערופן אַ יינגל. — קום אריין — האָט ער זיך אַ קער געטון צו מיר — קריך אריין דורכן פענצטער.

— די טיר איז דאָך נאָר אַ מעטער ווייט — האָב איך געזאָגט — צו וואָס קריכן דורכן פענצטער?

— לאָז אים צורו! ער איז דאָך שוין אַלט, זאָל ער גיין דורך דער טיר.

איך בין אריין אין צריף. זיי האָבן מיך אַוועקגעזעצט אויפן מדריכס אָרט, און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן מיט פראַגעס. איך האָב זיך נישט געלאָזן. איך האָב פריער געוואָלט וויסן מער וועגן דער גרופּע און וועגן דעם אָנפירער - מדריך.

— יאָ, ער איז אַ וווילער בחור. ער איז בסדר. ער איז געווען אין דער אַרמיי, אַ גאַנצער קאָמאַנדיר. צוריקגעקומען אין קיבוץ און צוריק אין רפת (שטאַל).

— דערפאַר וויל איך נישט קיין קיבוץ. מען מאַכט פון אַן אלוף (אָפיציר) אַ פערד־באַרשטער — האָט געזאָגט דער תימנערקעס ברודער.

— חכם! פאַרקערט גאָר! אַ פערד-באַרשטער פון קיבוץ קאָן ווערן אַ סגן, אַן אלוף. אָבער אין שטאָט? — האָט געענטפערט די שוועסטער.

— דו מיט דיין קיבוץ!

— יאָ, איך בלייב אין גרעין (קערנדל).

— ווער זאָגט דיר, אַז איך בלייב נישט?

אַ בחורל, וואָס איר האָט געקאָנט אָננעמען פאַר וואָס איר ווילט, נאָר נישט פאַר קיין יידן און נישט פאַר קיין ווייסן, האָט זיך צעטענהט מיט די הענט:

— נאָר מען קריגט זיך. שקט! (שטיל זאָל זיין!) לאָמיר וויסן ווער דער אַמעריקאַנער איז. אפשר גאָר אַ מיליאָנער. אפשר האָט ער צו טון מיט די סיר נעמאַס?

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך מוז זיי אַנטרישן. איך בין גאָר אַ יידישער שרייבער, אַ רעדאַקטאָר פון אַ קינדער־צייטונג.

— אויב אַזוי, איז אויך גוט. שטעל אַריין יעדנס נאָמען אין צייטונג. מיר ווילן זיך איבערשרייבן מיט אַמעריקאַנער מיידלעך.

יעדער איינער באַזונדער און אַלע אינאיינעם האָבן אָנגעהויבן אויסצומאָלן פאַר מיר מיט וואָס פאַר מיידלעך זיי ווילן זיך איבערשרייבן. די איינצלהייטן קאָן איך נישט באַשרייבן, ווייל די צענזור וועט עס נישט דורכלאָזן.

איך האָב זיך געגומען פונאַנדערפרעגן וועגן דער גרופּע. דאָס איז געווען אַ גרופּע בחורים און מיידלעך, כמעט אַלע קיילעכדיקע יתומים. מען האָט זיי צונויפגענומען פון אַלע עקן לאַנד. צווישן זיי געפינען זיך אַ סך, וואָס האָבן געדינט אין דער אַרמיי. די אַצלניקעס האָבן געהאַט אַ סך פּופּצן און זעכצן יאָריקע יינגלעך און מיידלעך אין זייערע רייען. די מערסטע פון דער גרופּע זענען געווען מאַראָקאַנער, עטלעכע תימנער, און דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען תימנער מיידלעך אין אַ חברה. יעדער איינער האָט דערציילט עמעצנס אַנדערש ביאָגראַפיע. אַלע האָבן זיך נישט געקאָנט געגוג אָנדערציילן וועגן איינעם, וואָס מען האָט גערופן „דזשאַנגל”. ער קומט ערגעץ פון טיף מאַראָקאָ. ער האָט זיך אַריינגעשמוגלט דורך מצרים, וווהין ער איז אָנגעקומען אויף אַ לאַסט־שיף. ער איז געווען אַ „מאַשין־גאַנער” אין דער מלחמה. ער קאָן אויסקומען אָן עסן און טרינקען. אַז ער ווערט שטאַרק הונגעריק, עסט ער לעבעדיקע מייז.

— אדרבה — זענען זיי צוגעשטאַנען צו אים — ווייז דעם גאַסט, ווי דו עסט אַ לעבעדיקע מויז.

ער האָט מסכים געווען צו דעם און זיי זענען געווען גרייט אויפזוכן און באַפּן אַ פעלדמויז. איך האָב זיך ביי זיי אָפּגעבעטן. נו, זענען זיי צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאַר מיר אויסשרייען דעם דזשאַנגל־רוף. ער האָט זיך אביסל מכין געווען און דערנאָך אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געשריי, געפּאַטשט מיט דער האַנט איבערן מויל, כדי דער געשריי זאָל זיך איבערברעכן, דערנאָך ווידער אַ געשריי און ווידער געפּאַטשט איבערן מויל. אַזוי דריי מאָל. חברה האָט אָנגעקוואָלן און מיר איז דורך אַ סקרוך איבערן לייב.

צווישן די פּערציק חברה זענען געווען אַרום צען סאַברעס — קינדער פון אונדזערע יידן. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס האָט מען געטון מיט אַ כיוון. מען האָט אַריינגעזעצט קינדער פון טאַטע־מאַמע, אַזוי אַז עס זאָל זיין עפּעס אַ קאָנטראָל איבער דער גרופּע.

ווען מיר האָבן זיך גענוג אָנגערעדט, האָבן די סאַברעס געבעטן עטלעכע טונקעלע בחורים, צווישן זיי דעם „דזשאַנגל”, אַז זיי זאָלן עפּעס זינגען. זיי

האָבן זיך לאַנג געלאָזט בעטן. סוף־כל־סוף ווען איך האָב זיך אַריינגעמישט און האָב צעטיילט צוויי פּעקלעך סיגאַרעטן, האָבן זיי נאָכגעגעבן און אָנגעהויבן זינגען. אין אָנהייב אַביסל צוריקגעהאַלטן, מיט שפּאַט, אָבער ווען זיי האָבן זיך צעוואַרעמט, איז געווען וואָס צו הערן. פאַר מיר איז איבערהויפּט געווען אינ־טערעסאַנט זייער זינגען שבתדיקע זמירות. די ספרדישע אויסשפּראַך, די אָריענ־טאַלישע אינטאָנאַציע האָבן אַלץ נישט געקאָנט פאַרבאָרגן דעם סקאַרבאָוון, באַ־קאַנטן שבתסדיקן נוסח, וואָס מען האָט געזונגען אין די ליטווישע שטעטלעך.

נאָכן זינגען האָבן מיר ווידער גערעדט, אָבער שוין ערנסטער. יאָ, די מער־סטע ווילן בלייבן אין קיבוץ. גאַר פאַטעטיש איז געווען ווי זיי האָבן געוואָרפן די שולד פון זייערע מעשים תעתועים איינע אויף די אַנדערע. קיינער האָט נישט שטאָלצירט מיט זיינע ווילדקייטן. אַלע האָבן באַדויערט, וואָס זייער חברה האָט אַזאַ שלעכטן נאָמען. נישקשה, זיי ווילן נאָך ווייזן, וואָס זיי קאָנען.

ווען איך האָב זיי פאַרלאָזן, האָב איך אויפן וועג צום האָטעל אָנגעטראָפן דעם מדריך. איך האָב חושד געווען, אַז עס איז נישט געווען קיין צופאַל.

— נו, וואָס מיינט איר, מען קאָן עפּעס מאַכן פון דער חברה? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך גלייב, אַז יאָ — האָט איך געענטפערט — ס'איז אַ גוטער סימן, וואָס זיי שעמען זיך מיט זייער שלעכטסקייט.

— אפשר יאָ — האָט ער געזאָגט — אָבער איך האָף, אַז ביז זיי וועלן ווערן שטיקלעך מענטשן, זאָלן זיי נישט אונטערצינדן דעם קיבוץ.

דער האָטעל איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. האָב איך טעלעפאָנירט מיין פרוי און טאָכטער, אַז זיי זאָלן אַרויסקומען קיין ־ן ־ד, און פאַרברענגען מיט מיר אַ פּאָר טעג, און פון דאַנען ווילן מיר פאָרן אין עמק הירדן. מיר זענען דאָרט געווען ביז ערב שבת.

דריי זאַכן קאָן איך נישט פאַרגעסן פון קיבוץ:

די ערשטע זאַך איז זייער מאָדנער מנהג נישט צו אַפּלאָדירן. דער מאָלער, וואָס פירט אָן דעם קונסט־מוזיי, האָט מיך איינגעלאַדן צו האַלטן אַ לעקציע פאַר די קיבוץ־ניקעס. איך האָב מסכים געווען. ער האָט אָנגעקלעפּט אַ קליין מודעהלע אויף דעם טאָוול אין עס־צימער און האָט מודיע געווען, אַז איך וועל רעדן אויף יידיש וועגן „יידן אין אַמעריקע". דער זאַל איז געווען געפּאַקט. מען האָט גע־דאַרפט אין מיטן מיין רעדן עפענען די טירן פון אַ צווייטן זאַל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ באַוועגלעך ווענטל, און צענדליקער מענטשן זענען געשטאַ־נען אין דרויסן. איך האָב גערעדט אַרום אַנדערהאַלבן שעה. ווען איך האָב גע־

ענדיקט, האָט דער עולם ווי איין מענטש זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס. איך בין געבליבן שטיין ביים שטענדער ווי אַן אויסגעפּאַטשטשטער. דער פּאָרזיצער און דער דאָקטער פון קיבוץ, וואָס זענען געבליבן מיט מיר, זענען געווען זייער פריינטלעך. איך האָב געמיינט, אַז פשוט פאַר רחמנות רעדן זיי אַזוי גוט צו מיר.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין האָטעל, האָט די פאַרוואַלטערין געוואַרט אויף מיר מיט טיי און צובייסן. זי האָט מיך גאָר פריינטלעך אויפגענומען, און מיר געזאָגט, אַז אַ שאָד, וואָס זי האָט נישט געקאָנט זיין אויף מיין לעקציע. זי האָט געמוזט צוגרייטן די צימערן פאַר אַ גרופּע, וואָס קומט ביינאַכט. אָבער זי האָט געהערט, אַז ס'איז געווען אַזוינס ווי אַזעלכעס.

איך האָב איר געזאָגט, אַז עס קאָן נישט זיין, אַז זי שפּאַסט פון מיר, און איך האָב איר דערציילט, ווי דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס אָן אַ „גוטע נאַכט".

— אַ, דאָס גאָר? — האָט זי געלאַכט — נו, איר ווייסט נישט, זע איך, אַז ביי אונדז אַפּלאָדירט מען נישט. ס'איז אַ מנהג אַזאַ. מען אַפּלאָדירט נישט קיין רעדנער אין די קיבוצים.

— ס'איז אַ מיאוסער מנהג — האָב איך געזאָגט — עס וועט געזאָלצן אין מויל נאָך אַזאַ שטילשווייגעניש.

— איר זענט נישט דער איינציקער, וואָס באַקלאָגט זיך אויף דעם — האָט זי מיך געטרייסט — אָבער מען אַפּלאָדירט נישט. פאַרפאַלן. אַזוי איז דער מנהג אין קיבוץ. אַצינד טרינקט טיי מיט צובייסן.

די צווייטע זאַך, וואָס איך קאָן נישט פאַרגעסן, איז אפשר אַ קלייניקייט. איך ווייס אפילו נישט, צי איך קאָן דאָס דערציילן ווי אַ מעשה:

איך האָב זיך צופעליק באַקענט מיטן בעקער פון קיבוץ. ער איז געווען אין אַמעריקע און געדרוקט אַמאָל דערציילונגען אין דער „פרייע אַרבעטער-שטימע". האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף שרייבער און פּראָמינענטן אין ניו־יאָרק. אין אָוונט נאָכן עסן האָט ער מיך אַרומגעפירט וויזן „זיין" בעקעריי און די קיך.

די עצם קיך און די בעקעריי זענען געווען אונטן אין קעלער פון עס-צימער. דאָס עסן האָט מען אַרויפגעבראַכט מיט אַ „ליפט". דאָס געשיר האָט מען גע־וואַשן אויבן, און אונטן האָט מען געקאָכט און געבאַקן.

ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט דער בעקעריי. און האָט מיך דאָרטן פאַר־האַלטן ביז נאָך צען דעם זייגער. מיר זענען אַרויף אויבן אין עס-צימער. זעקס מיידלעך האָבן געוואַשן געשיר. אַ פּאָר מיטל־יאָריקע פרויען האָבן צונויפגעקליבן דאָס געשיר פון די טישן.

פינף מיידלעך זענען נישט געווען עלטער פון אַ יאָר זעכצן. זיי זענען גע־וועזן אָנגעטון אין קורצע הייזקעס און בלוזקעס, ווי אַלע יונגע מיידלעך אין קיבוץ. זיי האָבן געוואַשן און געזונגען. זינגען האָבן זיי געזונגען „הדזשיפּ". די מעלאָדיע איז אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע און דער טעמפּ איז אַ שנעלער. אין ווינקל איז געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ קורדעסטאַנער, אָנגעטון ווי מען גייט דאָרטן אָנגעטאָן: ברייטע ווייבערישע קליידער מיט סטענגעס און שאַ־לעכלעך. אויף די אויערן — אוירינגלעך, די גרייס פון רעדער פון אַ וואָגן. דער גאַנצער האַלדז אַרומגעוויקלט מיט קרעלן, וואָס האָבן געהאַט זיבן מאָל זיבן די קאָלירן פון רעגנבויגן. זי האָט געטריקנט דאָס זילבער: די מעסערס, גאָפּלען און לעפל.

יעדע צען מינוט האָט צו איר צוגעטאַנצט אַ מיידל, צוגענומען דאָס פולע קעסטל צעטריקנטע זילבער, און אַן אַנדער מיידל האָט איר צוגעטראָגן אַ קעסטל נאָר וואָס איבערגעוואַשענע זילבער. ביידע מיידלעך פלעגן איבעררהאַקן זייער זינגען, זיך צובייגן צו איר, און מיט אַ שאָקל פון די קעפּ פרעגן:

— בסדר?

— בסדר — האָט דאָס מיידל פריילעך געענטפערט.

דער בעקער האָט מיר דערציילט, אַז דער מאַן פון דעם מיידל איז אַ מאַ־ראָקאַנער. זיי זענען נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען אין קיבוץ. דאָס ווייבל איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי טאָר נישט טון קיין אַרבעט. איר טראָגן איז זייער אַ שווערער. זי וויל זיך אָבער נישט אונטערגעבן. איר איז נישט אָנגעשטאַנען צו עסן ברויט אומזיסט. האָט מען באַשטימט, אַז זי זאָל טריקענען דאָס זילבער. ס'איז אַן אַרבעט, וואָס זי קאָן טון זיצנדיק און זיך נישט שטאַרק אָנשטרענגען. די, וואָס אַרבעטן אין קיך, האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן, אַז דאָס ווייבל זאָל אַרבעטן גרינג. נו, היטן די סאַברע־מיידלעך אָפּ די נייע קי־בוצניצע.

די דריטע זאַך, וואָס איך קאָן נישט פאַרגעסן, איז געשען פאַרטאָג, דעם לעצטן טאָג, וואָס איך בין געווען אין קיבוץ:

דער האָטעל איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן די בערג פון גלבוע. די וועראַנדע איז געווען אַנטקעגן דעם העכסטן באַרג. אויף דעם באַרג, האָט מען מיר געזאָגט, זענען לויט דער טראַדיציע געפאַלן שאול און יהונתן. דוד המלך האָט דאָך פאַרשאָלטן די בערג פון גלבוע, אַז נישט קיין רעגן און נישט קיין טוי זאָלן נידערן אויף זיי, און קיין פּרוכטבאַרע פעלדער זאָלן אויף זיי נישט זיין. איך וואָלט געזאָגט: אַז די בערג זענען מוראדיק וויסט — אַ טרוקנקייט שלאָגט פון

זיי. און גלייך ביי זייער צופוסנס זענען וויינגערטנער, גרינסן-פעלדער און גע־קינצלטע טייכלעך מיט געהאָדעוועטע פיש.

איך האָב ליב געהאַט צו זיצן אויף דער וועראַנדע און קוקן אויף די בערג, איבערהויפּט אויף דעם קאָנטראַסט פון וויסטקייט און פּרוכטבאַרקייט.

אין מיין לעצטן טאָג אין קיבוץ האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט אויפצושטיין פאַרטאָג, און טאַקע צוגיין צום באַרג און זען, צי קיין טוי נידערט נישט אויף אים. איך האָב געוווּסט, אַז עס איז אַ נאַרישקייט. ווי קאָן רעגן אָדער טוי אויסמיידן איין שטיקל ערד? אָבער דאָך האָב איך געוואָלט אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט, אַ טאַפּ טון אַ שטיקל שטיין פון באַרג.

איך בין אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, און אַוועק צו די בערג. איך בין אָפּגע־גאַנגען אַ פּאָר הונדערט מעטער פון האָטעל, און איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער: אין די הויכע גראָזן איז געשטאַנען אויף די קני אַ נעגער, שוואַרץ ווי קויל, אָנגעטון עלעגאַנט, און אויפן קאָפּ אָנשטאָט אַ קאַפּעליוש אָדער אַ היטל האָט ער געטראָגן אַ ווייבערשן „ניילאָן" זאַק. ער האָט תפילה געטון, דער נעגער, די אויגן פאַרגלאָצט, די הענט צוזאַמענגעלייגט אויפן האַרצן. די ליפּן האָבן זיך געשאָקלט און יעדע ווייִלע האָט ער אויסגעשריגן:

— הללויה!!!

ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיך דערזען, איז ער געווען נישט ווייניקער איבעראַשט ווי איך. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און האָט אַ שמייכל געטון:

— איר האָט אויך נישט געקאָנט שלאָפן?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרופּע טוריסטן איז אָנגעקומען ביינאַכט אין האָטעל. ס'איז אַן אַראָנזשירטער טור, און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע. ער איז אַ גלח אין ראָטשעסטער.

מיר זענען ביידע געגאַנגען צום גלבוע. ווען מיר זענען געגאַנגען צוריק, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— איך בין געפאָרן איבער צענדליקער קיבוצים. איך בין אויך געווען אין דער וווּנדער־שטאָט תל־אביב. דאָס, וואָס יידן האָבן אויפגעטון אין לאַנד, איז נישט צו באַשרייבן מיט דער פּען און נישט איבערצודערציילן מיט דער צונג. אָבער ס'איז קיין וווּנדער נישט! גאָטס קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו גאָטס לאַנד! דער עמק איז ווידער באַזעצט מיט די בני־ישראל. גראָבן זיי טייכלעך צו־פוסנס הר גלבוע און פילן זיי אָן מיט אַלערליי פיש. גאָטס קינדער אין גאָטס לאַנד, אין עמק, צופוסנס הר גלבוע, אין עמק יזרעאל, האָדעווען פיש. פאַרוואָס זאָלן זיך די פיש נישט מערן און נישט פּרוכפּערן זיך? גאָטס ברכה איז דאָך אויף זיי!

איך זאָג אייך, אַז איך האָב נישט געלאַכט פון דעם פרומען נעגערשן גלח. ווען מען שטייט פאַרטאָג אין עמק יזרעאל, צופוסנס הר גלבוע, און מען הערט אַזוינע רייד, לאַכט מען נישט... מע גלייבט!...

יאָ, עס נידערט טוי אויפן באַרג גלבוע.

## קאַפּיטל פערצן

# אין עמק הירדן און גליל

מיר זענען געפאָרן פון עמק יזרעאל צום עמק הירדן. מיר האָבן נישט געקענט פאָרן דירעקט. מיר האָבן זיך פריער געדאַרפט אָפּשטעלן אין טבריה. פון דאָרטן האָבן מיר געדאַרפט פאָרן קרוב אַ שעה, ביז מיר זענען געקומען צום קיבוץ, אין עמק הירדן, וווּ מיר האָבן געהאַט לאַנדסלייט.

ווען מען פאָרט דורך דעם באַרג-לאַנד, נעבן ים כנרת, וואַרפן אָן אַן אימה די וויסטקייט און די שטיינערקייט פון די בערג. דער וועג ציט זיך צווישן ווילדע פלוינען און נאַקעטע פאַרוואָרלאָזטע בערג. זעלטן ווען מען זעט אַ ישוב. דער שאָסיי שלענגלט זיך צווישן די הויכע פעלדזן-בערג. דער תושב, וואָס זיצט נעבן מיר, דערציילט מיר ווידער און ווידער דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב געהערט אומעטום, וווּ איך בין געווען: דאָ נישט ווייט איז געווען אַן אַראַביש דאָרף. מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרבייפאָרן. דאָ איז געשטאַנען אַן אַראַבישער ישוב. יידן האָבן אַפילו אין די גוטע צייטן געדאַרפט זיך היטן. איצט, זעט, נישטאָ! ס'איז אַ פרייער און זיכערער וועג.

אַ באַזונדערן איינדרוק מאַכן אויף אייך די יידישע ישובים, וואָס מען טרעפט אָן פאָרנדיק. אין מיטן וויסטעניש, צווישן ברוינע פעלזן-בערג, אָדער אין מיטן פון פעלדער, וואָס זענען פאַרוואַקסן מיט געלבלעך-פאַרטרוקנטע דערנער, וואַקסט פלוצים אַרויס, ווייט אָדער נאָענט פון וועג, אַ גרינע לאַנדשאַפט: ביימער, וויינשטאָקן, מאַראַנצן-סעדער, גרינסן-פעלדער, וואַסער-שפּריצערס, וואָס באַוואַסערן דעם באָדן, און ווייסע הייזלעך. ווען דער ישוב איז נאָענט ביים וועג, קאָן מען אויך דאָ און דאָרטן זען נאָך נישט פאַרשאָטענע שוץ-גראָבנס מיט בערגלעך רויטער ערד אַרום זיי.

דער ים כנרת איז נאָך שענער ווי ער ווערט באַזונגען אין ליד און מעשה. פון דער הייך פון די בערג זעט דער ים אויס ווי אַן אייל־בילד, געמאָלן פון אַ שלעכטן מאָלער, וואָס מאַכט נאָך דער נאַטור מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס און זיינע בילדער זעען אויס ווי פאָטאָגראַפיעס.

ארום דעם ים כנרת זענען צעשפּרייט אַ סך קיבוצים. ארום און ארום איז וויסטעניש, און די ישובים זענען שאָטנדיק־גרין מיט ביימער און פּאַרזייטע פעל־דער. דורך אַ צופאַל איז אין „דבר" פון יענעם טאָג געווען באַשריבן ווי די ערשטע קיבוצים ארום כנרת זענען געגרינדעט געוואָרן. דערציילט אַ תושב:

— מיט איין און פערציק יאָר צוריק, ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך געפין זיך אין דער וווינונג פון ראָבינזאָן קרוזאָ. די געגנט איז געווען וויסט, אויף דער גרענעץ פון אַן אמתן מדבר. איצט איז דער גאַנצער עמק פאַרזייט מיט איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים.

מיר זענען אָנגעקומען אין א־ם צוויי אַזייגער בייטאָג. מיר האָבן זיך נאָכ־געפרעגט אויף אונדזערע לאַנדסלייט, און אַ מענטש פון קיבוץ־ביוראָ האָט אונדז צוגעפירט צום הויז, וווּ זיי וווינען.

דער עמק הירדן ליגט אַ סך נידעריקער פון ים־פלאַך. דעריבער איז דאָרטן זייער היים. צוליב דער היץ האָט מען אין דעם קיבוץ געמוזט בויען די הייזער נאָר אַנדערש ווי אין די איבעריקע קיבוצים. די הייזער זענען צוויי־שטאָקיקע, און יעדער הויז האָט צוועלף צימערן, זעקס אויבן און זעקס אונטן. יעדער צימער האָט צוויי וועראַנדעס, אַ וועראַנדע פון יעדער זייט, אַזוי אַז די ווענטילאַציע פון די צימערן איז אַ גוטע. אָבער די נעכט זענען אַזעלכע הייסע און שטיקנדיקע, אַז דער קיבוץ האָט אַריינגעשטעלט אין יעדן צימער אַן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר.

מיין לאַנדספרוי בעלאַ האָט זיך מיט אונדז זייער דערפרייט, ווי שטאַרק עס קאָן זיך דערפרייען אַ מענטש, וואָס וווינט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל און זעט נישט חדשים לאַנג קיין נייע פנימער, און אָפט גאַנצע יאָרן — קיין געסט.

נישט איר מאַן און נישט מיין לאַנדסמאַן בערטשיק זענען געווען אין דער היים. בעלאַ האָט מיר דערציילט:

— מיין מאַן איז דער איינקויפער פאַרן קיבוץ. פאַרשטייט, אַ קיבוץ פון טויזנט מענטשן מיט אַ געמישטער ווירטשאַפט מוז האָבן אַ מענטשן אין שטאָט, וואָס זאָל פאַרזאָרגן אַלץ, וואָס דער קיבוץ דאַרף. דער מענטש דאַרף וויסן וווּ צו קויפן, ווי אַזוי צו קויפן און ווען צו קויפן. דער איינקויפער קאָן אויפבויען אַ קיבוץ, אָדער חלילה אים רואינירן. דער אַנדער לאַנדסמאַן, בערטשיק, איז דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער „פאָניר"־פאַבריק. מיר האָבן דאָ אַ גרויסע פאַבריק,

וואָס פֿאַבריצירט מעבל־האָלץ. ס'איז אַ געשעפֿט, וואָס נעמט איין טויזנטער פונט אַ יאָר. עס אַרבעטן אין פֿאַבריק איבער הונדערט און פֿערציק מענטשן. פֿאַרקויפֿן אַזוי פֿיל האָלץ דאַרף מען קאָנען. אמת, די רעגירונג האָט אַ באַשטימטן פּרייז פֿאַר יעדן פּראָדוקט פֿון לאַנד, און די נאָכפֿראַגע איז גרויס. דאָך דאַרף מען וויסן ווו איין און ווו אויס. קלעצער פֿאַר דער פֿאַבריק אימפּאָרטירט מען. די מאַשינעס זענען אויך אימפּאָרטירטע. ס'איז אַ קאָמפּליצירטע פֿראַגע פֿון קויפֿן, פֿאַרקויפֿן, אָנפֿירן פֿאַרהאַנדלונגען מיט רעגירונגס־באַאַמטע. ס'זענען דאָ גענוג קאָפּ־דרייעניש.

— וואָס מיין איך, וואָס איז זייער געהאַלט אַ וואָך? זיי זענען דאָך קיבוצ־ניקעס. דאָס איז זייער אַרבעט פֿאַרן קיבוץ. יעדער איינער טוט פֿאַר דעם קיבוץ די אַרבעט, וואָס ער איז צו איר בעסער צוגעפּאַסט. איינער אַרבעט אין שטאָל, אַן אַנדערער איז אַ פּראָפֿעסאָר, אַ דריטער איז אַן אויטאָבוס־אָנטרייבער אָדער אַן איינקויפֿער און אויפֿפּאַסער. קיינער קריגט נישט קיין שכירות. יעדער איינער קריגט וואָס ער דאַרף.

— מיין מאַן און בערטשיק זענען נישט די איינציקע, וואָס אַרבעטן אויסערן קיבוץ. פֿאַראַן ביי אונדז נאָך דריי וואָס אַרבעטן אין תל־אביב. דער קיבוץ האָט געדונגען אַ הויז אין שטאָט, און דאָרטן שלאָפֿן זיי. אַ פֿרוי קומט און גיט אַכ־טונג אויף דעם הויז, און גרייט צו פֿאַר זיי פֿרישטיק. די איבעריקע מאָלצייטן עסן זיי אין רעסטאָראַנען.

— וואָס מיינט איר די אַנדערע הוצאות און ווי אַזוי קאָנטראָלירט מען זיי? יעדער איינער גיט אויס וויפֿל ער געפֿינט פֿאַר נייטיק. יאָ, זיי האָבן אַ רעכט צו גיין אין טעאַטער, צו קאָנצערטן און צו קויפֿן צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף אונדזערע מענטשן. אַ קיבוצניק וועט נישט אויסגעבן קיין איבעריקן גראָשן. ער וועט שפּאָרן דעם קיבוצס געלט נאָך מער ווי עמעצער וואָלט געשפּאָרט זיין אייגן געלט.

עפּעס האָט זיך מיר געבאָמבלט אין קאָפּ, אַז איך האָב אַמאָל געהערט פֿון אַזאַ איינשטעל. איך האָב זיך דערמאָנט: יאָ, אַזוי האָבן זיך געפֿירט די אַמאָלי־קע איסיים אין צייט פֿון צווייטן בית המקדש. געווען צווישן זיי אַזוינע, וואָס האָבן געאַרבעט אויפֿן אָרט, אין דאָרף, און געווען אַזוינע, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט, און געבליבן חברים אין זייער קאָמונאַלער קהילה.

מיין לאַנדספֿרוי האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— זע נאָר, איך רעד און רעד, און האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז ס'איז צייט צו עסן.

מיר זענען אַוועק אין עס־צימער. ס'איז געווען פֿרייטיק. מען האָט אונדז סערווירט אַן אויסערגעוויינלעכן מאָלצייט. איך האָב געטראַכט:

— עס מוז זיין א רייכער קיבוץ אויב פרייטיק בייטאָג סערווירט מען אזא וווּנדערלעכן מאָלצייט. וואָס וועט מען סערווירן פרייטיק-צונאַכטס און שבת בייטאָג?

דער נאָכמיטאָג איז שנעל אַריבער. מיר זענען אַרויס פאַרנאַכט באַגעגענען דעם אויטאָבוס. פון פעלד איז אָנגעקומען א סטאַדע שעפּסן. דער פּאַסטעך איז געלאָפן פאַראויס און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג, ביים טויער פון קיבוץ. א גרויסער שעפער-הונט האָט אָפּגעהיט, אַז קיין שעפּס זאָל נישט אָפּשטיין פון דער סטאַדע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען א הונט אין ארץ ישראל. יידישע פאַרמערס האַלטן נישט קיין הינט. די קיבוצים אויך נישט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט פאַרוואָס מען האַלט נישט קיין הינט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז, ערשטנס, קאָסט אויסהאַלטן א הונט צו טייער, און צווייטנס, ווערן דאָ הינט זייער אָפט קראַנק אויף הידראָפאָביע (הינטמשוגעת).

דער פּאַסטעך איז געשטאַנען ביים טויער. א הויכער און שלאַנקער יונג, דאָס פּנים אָפּגעברענט, אויפן קאָפּ עפּעס א מאָדנע קאַפּעליוש און א טאָרבע אויף דער זייט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט א לאַנגן שטעקן, פאַרדרייט ווי א קאָטשערע, און האָט מיט דעם שטעקן צעטיילט די סטאַדע אויף צוויייען. האַלב שעפּסן לינקס און האַלב רעכטס. ער האָט עס געטון אַזוי געשיקט און שנעל, און מיט אזא מאָדנער רואיקייט און גענויקייט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז א פּאַסטעך בן־בן־פּאַסטעך, אַזש ביז יעקב אבינו.

איך האָב זיך אויף אים נאָכגעפרעגט ביי בעלאַן. זי האָט מיר דערציילט, אַז דער יונג איז א באַפרייטער סאָלדאַט, א זון פון א קיבוצניק. אין דער אַרמיי איז ער געווען אַן אָפיציר. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך אומגעקערט צו זיינע שעפּסן. ער פּיטערט די שאָף שוין א יאָר צען, זינט ער איז געוואָרן דרייצן יאָר. דער בחור איז זייער א געראָטענער. ער וועט אַמאָל זיך נאָך לאָזן הערן.

מאָדנע געדאַנקען זענען מיר געקראָכן אין קאָפּ: וויפל פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס וואָלטן געווען צופרידן, אַז זייער געראָטענער זון זאָל ווערן א פּאַסטעך. און אויב ער וואָלט יאָ געוואָרן אזא נחות דרגא וואָלטן דאָך אים אַלע ביי אונדז באַדויערט.

מיטן לעצטן אויטאָבוס זענען אָנגעקומען בעלאַס מאַן און מיין לאַנדסמאַן בערטשיק. מיר זענען א שעה שפּעטער געזעסן אויף א באַנק אונטער דעם שאָטן פון דיביימער, נעבן דעם וואַסער-טורעם. מיט אונדז איז אויך געזעסן א יונגער מאַן, דער גאַראַזש-מאַן מיט זיין ליבטיקן יינגעלע. איך האָב געשוויגן און

זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דערווירטשאַפט פון קיבוץ און וועגן צענדליקער קלייניקייטן. דער גאַראַזש־מעכאַניקער האָט זיך אָנגערופן:

— לכבוד די געסט לאָמיר אַלע אין איינעם עסן אָוונט־ברויט. מיר וועלן זיצן אַרום איין טיש און עס וועט זיין יום־טובדיק.

מיין לאַנדסמאַן בערטשיק האָט געענטפערט:

— איר עסט צוזאַמען. אָבער איך קאָן נישט עסן מיט אייך. ס'איז מיין תור (ריי) אין קיך.

איך האָב צו אים געטענהט:

— היתכן, בערטשיק, איך בין דאָ אַ גאַסט. מיר האָבן זיך נישט געזען אַכט און דרייסיק יאָר. ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען אין לעבן. איז פונקט היינטיקן שבת ביסטו אין קיך. און בכלל וואָס פאַר אַן אַרבעט איז עס פאַר אַ פאַרוואַלטער, וואָס ברענגט אריין אַזוי פיל געלט אין קיבוץ? אַ גאַנצע וואָך וואַלגערסטו זיך אין שטאָט, און קומסטו אויף שבת צו ווייב און קינדער, דאַרפסטו נאָך אַרבעטן אין קיך אויך?

בערטשיק האָט געשמייכלט:

— איך זע, אַז דו ווילסט מיך מאַכן פאַר אַ מיוחס. ביי אונדז זענען נישטאָ קיין מיוחסים. פאַרוואַלטער — פאַרשמאַלטער. ס'איז אַן אַרבעט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטן. יעדער איינער טוט דאָ, וואָס ער איז פעאיק צו טון. יאָ, וואָס אמת איז אמת: ווען איך וואָלט געוווסט פאַראַכטאָגן, אַז דו וועסט זיין ביי אונדז צו גאַסט, וואָלט איך אייגנגעשטעלט אַזוי, אַז איך זאָל היינטיקן שבת נישט זיין אין קיך. איך וואָלט געביטן מיין ריי אויף אַ וואָך שפּעטער. איצט איז פאַרפאַלן. קיינער וויל נישט זיין אין קיך שבת. אַוועקשטעלן אויף מיין אָרט אַ חבר, וואָס האָט זיך נישט געריכט צו אַרבעטן אין קיך און האָט מסתמא געפּלאַנעוועט עפּעס אַנדערש צו טון, איז נישט יושרדיק. מילא, אַז מען ווערט קראַנק אָדער אין אַן אַנדער ערנסטן פאַל, קאָן מען זיך נישט העלפן. אָבער טון אַזאַ זאַך צוליב מיין פאַרגעניגן וועגן איז נישט שיין.

מיר האָבן געגעסן דעם פריטיק־צו־נאַכט־מאָלצייט אָן בערטשיקן. צו מיין איבערראַשונג איז דער מאָלצייט געווען זייער אַ מאָגערער. אַ פּראָסטער עסן ווי אין אַלע אָוונטן פון דער וואָך. מיך האָט עס אַ היבש ביסל פאַרדראָסן: מילא אויב אַ קיבוץ מאַכט צוליב אָרעמקייט פון שבת וואָך, קאָן מען זיך נישט העלפן. אָבער סערווירן אַ שבתדיקן מאָלצייט פריטיק ביי טאָג, און פרייטיק־צו־נאַכטס — אַ וואָכעדיקן מאָלצייט איז דאָך עפּעס אַ מין צו להכעיס.

אין עס־צימער איז בכלל נישט געווען קאָנטיק קיין סימן פון שבת און דער גאַנצער שבת אין קיבוץ איז געווען אַ נודנער. מענטשן האָבן אַרומגעבלאָנקעט

אן א ציל און אן א צוועק, נישט געהאט וווּ אהינטון זיך דעם גאנצן טאג. יא, למען האמת, פּריוויט־צו־נאכטס האט מען געוויזן א רוסישן פילם.

בעלא און איר מאן האבן אונדז אוועקגעגעבן זייער צימער, און אליין זענען זיי אוועק ערגעץ אנדערש שלאפן. פיר אזייגער פארטאג האט מען אנגעקלאפּט אין טיר:

— בעלא, ס'איז שוין נאך פיר. דו וועסט פארשפעטיקן.

איך האב פארשטאנען, אז דאס וועקט מען מיין באלעבאסטע צו דער אר־בעט. איך האב געענטפערט:

— זי שלאפט דא נישט. זי האט אונדז אפּגעגעבן דעם צימער.

דער אנקלאפּער האט זיך אנטשולדיקט און איז אוועק. איך האב שוין מער נישט געקאנט איינשלאפן: א מאדנע וועלטל דא. דער פארוואלטער פון פאבריק וואלגערט זיך א גאנצע וואך אין שטאט, און אז ער קומט אהיים אויף שבת, מוז ער אפּטון זיין חלק אין קיך. דער הויפּט־איינקויפער פון קיבוץ איז אויך א גאנצע וואך אין דער פרעמד. קומט ער אהיים צום ווייב אויף שבת, דארף זי אויפשטיין פיר אזייגער פארטאג צו גיין ארבעטן ביי די ווייַנטרויבן אין וויינגארטן.

אונדזער באלעבאסטע איז געקומען פון דער ארבעט ארום איינס אזייגער בייטאג. פיר אזייגער איז זי ארויף צו אונדז אין צימער: צייט צו טרינקען טיי. אבער זי וועט מיט אונדז נישט גיין אין עס־צימער טרינקען טיי. לכבוד אונדז, די געסט, וועט זי צוגרייטן טיי און קאווע דא אין צימער. זי האט אויך פארבעטן אויף טיי איר שכן, וואס וווינט מיט איר א טיר נעבן א טיר, און דעם גאראזש־מאן.

זי האט געבראכט פון עס־צימער צוויי־ערליי טארטן און צוקער, קאווע און טיי. זענען מיר געזעסן געמיטלעך אויף דער ווערענדע און גערעדט: דער גא־ראזש־מאן און זיין פרוי, וואס ארבעט אין קינדער־היים; דער איינקויפער פון קיבוץ און זיין פרוי, וואס ארבעט אין פעלד, און דער שכן, א פראפעסאר פון ענגליש, וואס האט אנגעפירט ספּעציעלע קורסן פאר א גרופּע סטודענטן אין ניו־יארק אוניווערסיטעט, און זיין פרוי, וואס איז, דאכט זיך, א לערערין אין קיבוץ. זענען געזעסן די דריי פאמיליעס און גערעדט וועגן קיבוץ־זאכן. איך בין געזעסן און האב געשלונגען יעדעס ווארט. אזא גלייכקייט און אמתע דעמאקראַ־טישקייט האב איך נאך נישט געזען.

אין מיטן שמועסן האט חיים באמערקט:

— איר ווייסט וועמען איך האב געזען אין קיבוץ ש־ם? ברוך כהן (פון מיר אן אויסגעטראכטער נאמען).

— וואס טוט ער דארטן? — האט מיט שרעק א פרעג געטון דער פּראָ־פעסאר.

— ער איז נישט קיין מיטגליד פון קיבוץ — האָט חיים געענטפערט — ער אַרבעט בלויז דאָרטן. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט דער נפש אויסגע־דרייט דעם קאָפּ. פריער איז ער געוואָרן רויט ווי אַ בורעק, דערנאָך ווייס ווי קאַלך. ער האָט זיך הפנים דערשראָקן. איך האָב נאָכגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז ער אַרבעט בלויז דאָרטן. נו, קיין פּרנסה נעמט מען נישט צו אַפילו ביי אַזאַ מיאוס מענטשל.

איך בין געוואָרן נייגעריק און האָב אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן וואָס זיי רעדן. חיים האָט מיר דערציילט:

— אָט דער מענטש איז געווען ביי אונדז אין קיבוץ אַ יאָר. מיר האָבן אָנ־געהויבן באַמערקן, אַז עס פעלן ביי חברים זאַכן. מיר האָבן נאָכגעפאָרשט און דער חשד איז געפאַלן אויף אים. מיר האָבן באַשטימט צוויי חברים נאָכצופאָרשן דעם ענין. זיי זענען אַריין צו אים אין צימער, ווען ער איז געווען אין פעלד, און האָבן געפונען אַ סך גענגבעטע זאַכן. זיי האָבן גענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן געפונען, און אויסגעלייגט ביי אים אויפן טיש און אויפן דיל. דעם קליידער־שראַנק האָבן זיי געלאָזט אָפן און די טיר פון זיין צימער האָבן זיי נישט פאַר־מאַכט. ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט און אין אַריין אין צימער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אויסגעפונען זיין סוד, האָט ער שנעל איינ־געפּאַקט זיין וואַליזקע און האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ.

דערווייל איז דער געשפּרעך אַרויף אויף גנבים אין קיבוץ.

— ניין, זעלטן אַז עס טרעפן אַזעלכע פאַלן. אויב יאָ, פאַרפירט דער קיבוץ נישט קיין פּראָצעס. מען לאָזט די גנבים גיין, אָבער מער קיין קיבוצניקעס קאָ־נען זיי נישט זיין.

נאָך איין עפּיזאָד איז כדאי צו דערציילן וועגן דעם קיבוץ אין עמק הירדן:

חיים האָט אונדז גענומען אויף אָוונט־ברויט אין נאָענטן קיבוץ, וואָס איז געלעגן נישט מער ווי אַ פיר־פינף קילאָמעטער פון זיין קיבוץ. פירן האָט אונדז געפירט אַהין דער גאַראַזש־מאַן. ער האָט איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און אונדז צוגעפירט. אַליין אָבער איז ער גלייך צוריק אַוועק אין קיבוץ, ווייל די לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן נאָך זון־אונטערגאַנג געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

דער קיבוץ א־י איז געווען פון די אַלטע קיבוצים. ער געפינט זיך אויף דער סירישער גרענעץ. דער גאַנצער קיבוץ איז איין געדיכטער פּאַרק. אַ גאַנצע גרופּע האָט אונדז אַרומגעפירט און געוויזן די ווירטשאַפט. יעדער איינער האָט געקענט חיימען. ער איז מער פון פופצן יאָר געווען אַ מיטגליד פון א־י. ווען ער האָט חתונה געהאַט איז ער אַריבער אין זיין ווייבס קיבוץ.

אָוונט-ברויט האָבן מיר געגעסן אויף אַ באַזונדער טישל. אַרום אונדז און חיימען האָבן זיך אַרומגעזעצט זעקס פון די ותיקים, אַלע שוין מיט גרויע האָר, צעקנייטשטע און פון ווינט-און-זון פאַרברוינטע פּנימער און שווער אויסגעאַר־בעטע הענט. מען איז געזעסן און צוגעגרייט דעם סאַלאַט. אַ סאַלאַט מאַכט יעדער איינער פאַר זיך. מען גרייט אים צו פּאַמעלעך און מיט כוונה. פּאַרזיכטיק שיילט מען אָפּ די אוגערקעס און מען וואַרפט די שאָלעכץ אַריין אין כלבויניק. ווען מען צעשניידט די אוגערקע אויף דינע פּענעצלעך, נעמט מען זיך צו די גרינע פּע־פערלעך: מען צעשפּאַלט זיי, מען נעמט אַרויס די קערנדלעך, מען טרייסלט אָפּ יעדעס שטיקל פּעפּערל אין כלבויניק און מען צעשניידט די פּעפּערלעך אויף לאַנ־גע לאָקשן. פאַרטיק געוואָרן מיט די פּעפּערלעך, קלייבט מען אויס טאָמאַטן. מען באַקוקט יעדע טאָמאַטע פּאַרזיכטיק, מען שניידט אויס, אויב עס זענען פאַראַן, די צעפּוילטע „אייגלעך" און מען צעפּערטלט יעדע טאָמאַטע. מיט אַ לעפל מישט מען אויס די גרינסן און מען באַזאַלצט זיי. דערנאָך באַגיסט מען דעם סאַלאַד פּאַרזיכטיק מיט אַביסל עסיק און מיט אַ היבש ביסל שמן (אייל). מען פּאַר־זוכט דעם סאַלאַד מיט דעם שפּיץ צונג, צי ער האָט דעם ריכטיקן טעם. אויב נישט, גיסט מען צו עסיק, אייל, מען גיט צו נאָך זאַלץ, ביז מען קריגט דעם געוואונטשענעם טעם.

זיצן אַזוי די ותיקים, גרייטן צו דעם סאַלאַט און רעדן:

— ס'טוט זיך ביי אונדז אין קיבוץ אויף טיש און אויף בענק — זאָגט חיים — ס'איז דאָ ביי אונדז אַ גרויסע אָפּאָזיציע צו אונדזער האָליץ-פּאַבריק. אַ סך פון אונדזערע ותיקים טענהען, אַז מיר ווערן אויס אמתע קיבוצניקעס, ווייל דער משק ליידט צוליב אונדזער פּאַבריק. די ערגסטע זאַך איז, וואָס עס פעלן אונדז אַרבעטער און מיר דאַרפן דינגען פרעמדע אַרבעטער פון שטאָט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט עסן און שלאָפן. מיר זענען דאָך ווייט פון שטאָט, דאַרפן די אַרבעטער עסן און שלאָפן אין קיבוץ. רעכענען מיר זיי פאַרן עסן און שלאָפן. טענהען אַ סך פון די חברים: פון ווען אָן רעכנט עס אַ קיבוץ פאַר עסן און שלאָפן? אָבער נאַרישקייטן! נישט רעכענען פאַרן עסן צו־פעליקע געסט איז איין זאַך, און קאָרמענען זיבעציק אַרבעטער טאָג איין טאָג אויס איז אַן אַנדער זאַך.

— ביי אונדז איז אויך דאָס זעלביקע — האָט געענטפערט אַ חבר — ס'טוט זיך מיט דעם עסק פון דינגען דרויסנדיקע אַרבעטער. דערצו ווילן מיר נאָך פאַרגרעסערן אונדזער ריבה — איינגעמאַכטס-פּאַבריק. אָנפירן אָן פרעמדע אַרבעטער קאָנען מיר נישט. אָבער — טענהען אַנדערע — מוזן מיר דען האָבן אַ ריבה-פּאַבריק?

זאָגט אַ דריטער:

— א שיינע מעשה! אויפגעבן א פאבריק! און ווי אז עס וועט זיין א שלעכט יאר אויפן פעלד? ווי אז דער מארק פון גרינסן און פרוכטן און אייער און פלייש וועט פאלן? אן קיין געמישטער ווירטשאפט קאן קיין קיבוץ נישט עקזיסטירן. זיי האבן שוין פארגעסן אמאליקע יארן פון נויט און ארעמקייט.

— אבער ס'איז דאך פארט עקספלואטאציע!

— ווער עקספלואטירט וועמען? ווער נעמט פראפיט פאר זיך אין קעשענע?

— אלע נעמען מיר. קאלעקטיוו לעבן מיר בעסער.

— די זעלביקע טענות ווי ביי אונדז — זאגט חיים.

איינער פון די ותיקים האט אוועקגעלייגט מיט כעס דעם לעפל, און האט אנגעהויבן רעדן מיט הארץ, און באטאנט זיינע רייד מיט די הענט:

— נו, גוט, מסכים. נישט אלץ איז ביי אונדז לויטן שולחן ערוך. אבער איך פרעג אייך, חברים, האבן מיר זיך אפגעזאגט אריינצונעמען די ארבעטער אין קיבוץ? מיר ווילן דאך יא, נאר זיי ווילן נישט. איז וואס זאלן מיר טון? אויפגעבן דעם קיבוץ? זאלן מיר זיין ווי יענע ארבעטער מאשין-ברעכערס, וואס האבן געוואלט אפשטעלן די אינדוסטריאליזאציע פון דער וועלט? עס מוז זיין אן אויסוועג פון דעם פלאנטער!

— אדרבה, לאמיר הערן!

— חכם מיינער, ווען איך וואלט געוווסט דעם אויסוועג, וואלט איך עס דען געהאלטן א סוד פאר זיך? איך ווייס נאר, אז אויפגעבן די פאבריק איז נישט דער אויסוועג. האלטן געדונגענע ארבעטער טויג אויך נישט. דער פלאנ־טער וויפל צו רעכענען פארן עסן איז גלאט א מיאוסער ענין. אבער מיר זענען נישט די איינציקע קיבוצים, וואס זענען אין א קלעם. עס וועט מוזן אויסגע־דראשן ווערן אויף די פארטיי-צוזאמענפארן.

— ס'וואלט געווען זייער א שיינע זאך, ווען ס'ברעכט אוים א שטרייק אין א קיבוץ — האט זיך איינער א וויצל געטון.

אלע האבן זיך צעלאכט:

— איי, וואלט דאס געווען א חתונקע!

— איר לאכט — האט זיך א חבר געבייזערט — אז אך און ווי צו אייער געלעכטער.

— נו, צעוויין זיך! מיין געוויסן איז ריין. איך וווין נישט אין קיין שענערע צימערן ווי די ארבעטער, וואס ארבעטן ביי אונדז. איך האב פונקט אזוי פיל געלט אין באנק, וויפל איך האב געהאט איידער די פאבריק האט זיך געעפנט, און אנגעטון בין איך אויך נישט בעסער. וואס נאך ווילסטו?

— זאָל שוין זיין גענוג — האָט געזאָגט חיים — היינט וועלן מיר נישט געפינען קיין לייזונג צו אַלע פּראָבלעמען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן די פּרייזן פון וויינטרויבן אין דעם מאַרק פון ירושלים, און וויפל טאָמאַטן און אוגערקעס דער קיבוץ האָט היי־יאָר געהאַט. צי מער ווי פאַראַיאָרן, צי ווייניקער.

אויף צוריק האָט מען מיך אָפּגעפירט מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. אין דער פרי האָב איך פאַרלאָזט דעם קיבוץ, און שפּעט נאָך מיטאָג זענען מיר געווען אין אַן אַנדער קיבוץ אין גליל.

---

דער קיבוץ אין גליל איז כמעט אויסשליסלעך אַן אַמעריקאַנער קיבוץ. עס געפינען זיך דאָרטן אויך עטלעכע יונגעליט פון ענגלאַנד און אַפריקע — אַלץ אַן ענגליש־רעדנדיקער עלעמענט.

באַלד ווי מיר זענען אָנגעקומען אין קיבוץ, בין איך מיט מיין טאָכטער און מיט איינעם פון קיבוץ אַוועק צום ירדן, וואָס שניידט דורך דעם קיבוץ.

איך בין צוגעגאַנגען און האָב געזען פאַר זיך אַ טייכל מיט הויכע ברעגן, אָט ווי אַ טיף־אויסגעגראָבענע ברייטע קאַנאַווע. אַ שטראָם גרינלעך־געל וואַסער האָט געפלייצט שנעל און מיט אימפּעט. איך האָב אויסגעטון מיינע שיך, בין אַריין אין וואַסער און בין דאָרטן געשטאַנען אַ היבשע ווייל. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט, אויף אַ שטיין מיט די פיס אין וואַסער, און געלאָזט דעם שטראָם וואַשן מיינע פיס. איך בין געווען אַזוי פאַרטון, אַז איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי מיין טעכטערל האָט אויך אויסגעטון אירע שיך און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר מיט אירע פיס אין דעם שטראָם.

מיין באַגלייטער האָט מיר דערקלערט:

— איצט, זומער־צייט, זעט דער ירדן אויס ווי אַ קליין טייכל מיט אַ שמאָלינקן שטראָם. איר האָט אים געדאַרפט זען אין רעגן־צייט! ער ווערט פול איבער די ברעגן, ווי הויך זיי זענען. איר שפּילט זיך מיטן ירדן?

וווּ האָב איך געהערט די רייד? יאָ, אין יהושע שטייט דאָך געשריבן: „דער ירדן איז פול איבער אַלע זיינע ברעגן די אַלע טעג פון שניט־צייט". און באַלד איז מיר אַרויף אַן אַנדער פּסוק אויפן געדאַנק, אַ פּסוק, וואָס האָט לכתחילה נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט מיינע געדאַנקען:

— און איך בין מיט מיין שטעקן אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן, און איצט בין איך געוואָרן צוויי מחנות. אויף דעם מאַכט רש"י: איך האָב נישט געהאַט נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין פי, נאָר מיין שטעקן אַליין, און איצט בין איך געוואָרן צוויי מחנות.

זיצן איצט איך און מיין טעכטערל אויף די ברעגן פון ירדן, און זיינע וואַסערן שווענקען אונדזערע פיס. וויפל מאָל זענען יידן אריבערגעגאַנגען דעם ירדן צו גיין אין פרעמדע לענדער, און זענען צוריקגעקומען? האָט א יחיד געקראָגן א באַפעל צו באַזעצן זיך אין כנען. האָט ער געפאָלגט. זיין משפחה האָט זיך פאַרמערט און זיבעציק נפשות זענען אויך פרייוויליק אין גלות — קיין מצרים. זענען זיי דאָרט אָפּגעווען פיר הונדערט יאָר און צוריקגעקומען ווי א פאָלק — צוריק אין צוגעזאָגטן לאַנד. באַקומען דאָס לאַנד און געלעבט אינעם איבער זעקס הונדערט יאָר און ארויסגעטריבן געוואָרן. צוריקגעקומען א פאָר דורות שפּעטער, געשטאַרקט אין גלויבן פון זיין אויסדערוויילטקייט. לכתחילה געקומען אין לאַנד מיט אראַמעאיש און אוועק מיט העברעאיש. ארויסגעטריבן געוואָרן, אין ערשטן חורבן, מיט העברעאיש אין מויל, צוריקגעקומען מיט צוויי לשונות — העברעאיש און אראַמעאיש. ארויסגעטריבן געוואָרן צום צווייטן מאָל, און דאָס פאָלק האָט ווידער געהאַט צוויי לשונות אין מויל און די אינטעליגענץ — א דריטע שפּראַך. איצט נאָך ניינצן הונדערט יאָר איז ווידער דאָס פאָלק צוריקגעקומען. אויף די ברעגן פון ירדן איז ווידער א ישוב פון יידן און איך הער דריי שפּראַכן, יידיש, ענגליש און העברעאיש. וואָס פאַר א כוח ליגט אין דעם שמאָלן וואַסער, וואָס מען רופט ירדן? וואָס פאַר א קראַפט ליגט אין דעם פאַרוואָרלאָזטן שטיקל ערעם לאַנד, וואָס ציט אַלץ דאָס זעלביקע פאָלק צוריק?

— יאָ, ער ווערט פול איבער זיינע ברעגן, ווי הויך זיי זענען.

מיטן ירדן שפּילט מען זיך נישט!

מיינע באַקאַנטע האָבן מיך געזוכט און געפונען זיצנדיק מיט די פיס אין דעם פלייצנדיקן שטראָם פון ירדן. זיי האָבן זיך געוויצלט איבער מיין סענטימענטאַליטעט:

— א ליטוואַק זאָל זיין אַזוי סענטימענטאַל!

ב׳לעבן זיי זענען געווען גערעכט.

מיר זענען לאַנג נישט געווען אין דעם קיבוץ. די באַקוועמלעכקייטן און סאַניטאַרישע באַדינגונגען זענען געווען אַזעלכע אָרעמע, אַז מיר האָבן דאָרטן נישט געקאָנט איבערנעכטיקן מער ווי איין נאַכט. אָבער איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן דעם קיבוץ נישט דורכגעלאָזט.

דעם אָוונט האָב איך פאַרבראַכט מיט א יידישן יונגן מאַן פון אַפריקע. ער האָט חתונה געהאַט מיט מיינער א באַקאַנטערס א טאָכטער, א געבוירענע אין אַמעריקע. זי איז א גראַדואירטע קראַנקנשוועסטער, וואָס איז געפאָרן קיין ישר־

ראל פאַר דער צייט פון דער מלחמה. זי האָט זיך באַגעגנט מיט דעם יידישן יונגן מאַן פון אַפריקע, וואָס האָט געדינט אין דער אַרמיי און פאַרנומען גאָר אַ וויכטיקן פּאָסטן דאָרטן, און זיי האָבן חתונה געהאַט. זיי זענען בלויז ציטווייליק אין קיבוץ. דער יונגער מאַן האָט אָרגאַניזירט אַ נייעם קיבוץ פון אַ גרופּע, וואָס האָט געקראָגן די הכשרה דאָ אין דעם אַמעריקאַנער קיבוץ. די חברה וועט פאַרלאָזן דעם איצטיקן קיבוץ פאַר ראש השנה. זיי האָבן שוין דעם באָדן. זיי פּלאַנעווען אַ מושב עובדים, אָבער די ערשטע צייט וועט דער מושב זיין איינגעאָרדנט ווי אַ קיבוץ. ס'איז עקאָנאָמישער.

איך בין געזעסן מיטן יונגן מאַן און גערעדט ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט געקענט ווייניק העברעאיש, יידיש כמעט גאָרנישט, האָבן מיר גערעדט ענגליש. ער האָט ווייניק געוווסט פון יידישקייט אפילו איצט. ער קומט פון זייער אַ רייכער פאַמיליע, האָט געענדיקט אַן אוניווערסיטעט און קיינמאָל נישט געטון קיין פיזישע אַרבעט. ער איז אַ הויכער, אַ שיינער, אַן ענערגישער און גאָר אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. איך האָב זייער געוואָלט דערגרונטעווען פאַרוואָס ער איז געקומען קיין ישראל און פאַרוואָס ער איז פאַרבליבן אין לאַנד. ער קאָן דאָך נעמען זיין פרוי און לעבן אַ סך גרינגער אין קעיפּטאַון.

אָט וואָס איך האָב אַרויסגעקראָגן פון זיינע רייד:

— זיין יידישקייט האָט אים קיינמאָל נישט באַאומרואיקט. ער איז געקומען אַהער אין צייט פון מלחמה, ווייל נאָך דער וועלט־מלחמה האָט ער זיך צו קיין זאַך נישט געקאָנט צופּאַסן. פאָרן און קעמפן אין מדינת ישראל איז געווען אַ מין קאַפּריז, אַן אַוואַנטורע, אַן אויסוועג צו דער נאָך־מלחמהדיקער אומרואיקייט. ווען ער האָט געזען דאָס לאַנד און דאָס לעבן אין לאַנד, האָט ער קיין חשק נישט געהאַט זיך צוריקצוקערן אַהיים. ווען ער האָט באַגעגנט נעמין און מיט איר חתונה געהאַט, האָט ער באַשטימט צו בלייבן דאָ. אים איז איבערהויפּט געפעלן געוואָרן די פּיאָנערישקייט און דער גערעכטער איינשטעל אין די קיבוצים. ס'איז אַ רעאַליזירונג און קאָנקרעטיזירונג פון דער נעפּלדיקער אַבסטראַקטער עטישער יידישקייט, וועגן וועלכער זיין טאַטע האָט אַלעמאָל גערעדט. בכלל געפעלט אים די פּרימיטיווקייט, פרייהייט און ערלעכקייט פון היגן לעבן.

יענע נאַכט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די פירערס פון די ציוניסטן וואָלטן געקאָנט אַ סך אויפטון צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, ווען זיי, די פירערס, וואָלטן אַפּעלירט צו דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט צו קומען קיין ישראל, כדי צו לעבן אַן עטישן און גערעכטן לעבן. איצט האַלטן זיי אין איין דערציילן דער יידיש אַמעריקאַנער יוגנט, אַז זיי דאַרפן אַנטלויפן פון אַמעריקע, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם איז גרויס און וועט נאָך ווערן ערגער. לויט דעם ציו־

ניסטישן קוק זענען יידן אומעטום פרעמדע. אָדער די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט פילט זיך נישט פרעמד אין אַמעריקע. זי איז אַן אומרואיקע יוגנט, וואָס זוכט יושר און גערעכטיקייט. זי שטרעבט צו אַ בעסערן און שענערן לעבן, צו אַ מער אידעאַליסטישן לעבן. אַזאַ לעבן קאָן זי גרינג געפינען אין מדינת ישראל. גאָר אַ גרויסע טייל פון יידישער יוגנט וואָלט באַווירקט געוואָרן פון אַן אַגיטאַציע, וואָס וואָלט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אידעאַלן.

מיר זענען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, כדי אָפּצופאָרן מיט דעם ערשטן אויטאָבוס. דער עס־צימער איז שוין געווען אָפן. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן דעם אַפריקאַנער יונגן מאַן און צוויי יידישע ברוקלינער יונגעלייט. איך קען זייער גוט זייערע עלטערן. זיי זענען גאָר פאַרמעגלעכע יידן. די בחורים זענען געווען אָנגעטון ווי פויערים, גרייט אָפּצופאָרן אין פעלד. זיי האָבן צו מיר גערעדט ענגליש:

— זאָגט זיי דאָרטן אין איסט פלעטבוש, אַז זיי זאָלן אויפהערן רעדן וועגן ציוניזם און קומען אַהער. ווער דאַרף זיי דאָרטן? מיר דאָ קאָנען נוצן יעדן אייגעם פון זיי, איבערהויפּט אַ פּאָר גוטע „פּלאָמבערס" און מעכאַניקער. גיט אײבער אַ גרוס דעם טאַטן.

מיר האָבן זיך געזעגנט. איך האָב צוגעזאָגט דעם אַפריקאַנער יונגן מאַן צו באַזוכן זיין קיבוץ מושב עובדים נישט שפּעטער ווי אין דריי יאָר אַרום.

מיר זענען אָפּגעפאָרן צוריק קיין רעננה.

## קאַפּיטל פופצן

# אין אַ פרומען קיבוץ

איך האָב באַגעגנט און גערעדט מיט אַ סך פרומע יידן אין מדינת ישראל. זיי האָבן צענדליקער טענות און תביעות סיי צו דער רעגירונג, סיי צו דער באַפעלקערונג. זייער הויפּט־טענה איז: „לא יעשה כן בישראל" — אַזוי פירט מען זיך נישט אויף און אַזוי לעבט מען נישט אין יידן־לאַנד. קומען קיין ארץ ישראל און לעבן אַ גוייש לעבן, אָן תורה און אָן מצוות, טענהען זיי, איז זינלאָז. צו לעבן אין ארץ ישראל איז אַ פּריווילעגיע, איז מחייב דעם יידן צו זיין פרומער און גאָטספאָרכטיקער.

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג שטערט נישט חלילה דעם פרומען צו זיין פרום. אָבער קלאָר איז, אַז ווען די פרומע וואָלטן געקראָגן די מאַכט, וואָלטן זיי געשטערט דער גרויסער מערהייט פון מדינת ישראל, וואָס איז ווייט פון פרומקייט, צו לעבן ווי זי וויל. די פרומע וואָלטן אַרויסגעצוווּנגען אַ שטרענגן שבת, וואָלטן איינגעשטעלט אַן אַנדער שול־סיסטעם און איינגעפירט הלכות־כשרות אין עפנטלעכע פּלעצער. בכלל וואָלטן זיי געהאַלטן דעם שולחן ערוך ווי דעם געזעצלעכן וועגווייזער פון לאַנד.

אויבנאויף איז דאַכט זיך נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן די סעקולאַרע יידן און די פרומע. איך מיין נאַטירלעך נישט די עקסטרעם־פרומע. אַנגעטון גייען זיי אַלע גלייך, רעדן אַלע יידיש און העברעאיש. די שול־סיסטעמען זענען כמעט די זעלביקע. אָבער דאָס איז נאָר אויבנאויפיק. אין תוך איז פאַראַן אַ גרויסער תהום צווישן ביידנס וועלט־קוק. אַט טאַקע לאָמיר נעמען די פאָלק־שול.

איך האָב באַזוכט אַ מזרחי בית־ספר און אַ בית־ספר כללי. אין גרונט גענומען, ליגט צווישן די צוויי שולן אַ תהום. אין בית־ספר כללי זענען די לימודים

חיצונים, ווי געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט, ליטעראַטור, היסטאָריע און מאַטע־מאַטיק די עיקר לימודים, תנ״ך און משנה זענען קענגנשטאַנדן. אין דער מזרחי־שול זענען תנ״ך, משנה און שולחן ערוך די עיקר לימודים, און די לימודים חיצונים זענען קענגנשטאַנדן.

איין אילוסטראַציע: אין בית־ספר כללי האָב איך געזען אַ סך קינדערשע פּראָיעקטן. די פּראָיעקטן זענען געווען די זעלביקע ווי אין די אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקולס, נאָר אויף העברעאיש. אין דער מזרחי־שול זענען די קינדערשע פּראָיעקטן געווען בלויז וועגן תורה, וועגן יידישע מנהגים און דינים.

די ערשטע און צווייטע כיתות אין דער מזרחי־שול האָבן שיין אויסגעאַרבעט אַ גרויסן פּראָיעקט וועגן בריאת העולם, דער באַשאַפונג פון דער וועלט. אַ גרויסער פיר־עקיקער טאָוול. אין מיטן טאָוול אַ לאָך, און אַ קינד האָט מיר געוויזן וואָס גאָט האָט באַשאַפן יעדן טאָג, אַריינשטעלנדיק אַ פּאַסיק בילד אין דעם לאָך פון טאָוול.

איך האָב געזען אַ פּראָיעקט וועגן דער פּרה אדומה. פריער ווערט דער־קלערט דער אונטערשייד צווישן אַ חוק און אַ מצווה. מיט שיינע ספר־תורה־כתב ווערט געבראַכט דאָס שטיקל רש״י אויפן צווייטן פּסוק פון פּרשה חקת, און דערנאָך ווערט באַשריבן ווי די פּרה אדומה ווערט געקויפט און צוגעגרייט. אויך די מעשות פון תלמוד וועגן פּרה אדומה. דערנאָך ווערן אין צוויי עמודים אויס־גערעכנט די חוקים פון דער תורה, וואָס זענען ווי גזרות פון גאָט, וואָס מען טאָר זיי נישט אָפּפרעגן, ווייל דער מענטשלעכער שכל קאָן זיי נישט באַנעמען. אויף דעם צווייטן עמוד זענען אויסגערעכנט די מצוות, וואָס האָבן אַ טעם, אַ דער־קלערונג, וואָס מענטשלעכער שכל קאָן באַנעמען פאַרוואָס גאָט האָט זיי געגעבן דעם מענטשן.

דער מנהל (פּרינציפּאַל), אַ ליטווישער ייד מיט אַ הויכער בילדונג און אַ מוסמך, האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז די שטאַט שטיצט נישט אַזוי ברייט די פרומע פאָלק־שול ווי דעם אַלגעמיינעם בית־ספר. די פּני קומען נישט אויף די יום־טובים פון דער שול, און נאָך טענות. בכלל פילן זיך די פרומע יידן אביסל אין גלות אין מדינת ישראל.

אין דער אמתן, איז ער נישט געווען גערעכט. די שטיצע צו דער פרומער שול איז נישט ווייניקער ווי צו דער אַלגעמיינער שול. דאָס, וואָס די אינטעלי־גענץ קומט נישט צו די פייערונגען פון די פרומע, איז פּשוט דערפאַר, ווייל די אינטעליגענץ איז נישט פרום. די פרומע פילן זיך ווי אין גלות, ווייל זיי זענען אַ קליינע מינאָריטעט. דער ברייטער עולם איז ווייט פון זיין פרום. למשל, ס׳איז

א סך שווערער צו געפינען א כשרן רעסטאראן אין תל־אביב ווי אין ניו־יארק. דער עולם איז נישט פאראינטערעסירט אין כשרות. דער ברייטער עולם וויל אויך נישט אפהיטן שבת אויפן פרומען שטייגער. די פרומע זעען ווי מען פארט שבת אויף פריוואטע אויטאמאבילן און טאקסיס, האלטן זיי עס פאר א סקאנדאל. דער אלגעמיינער עולם אבער איז נישט צופרידן, וואס מען האט נאכגעגעבן די פרומע צו האלטן פארמאכט די קינאמאטאגראפן און אפגעשטעלט דעם אויטאבוס־פארקער אום שבת.

דער קאנפליקט וועגן פרומקייט איז דער איינציקער קאנפליקט צווישן די צוויי גרופעס. אין אנדערע גרונט־פראגעס איז נישט פאראן קיין שום קאנפליקט. די שטעלונג צו די פליטים, דער אופן ווי די לעצטע מלחמה איז געפירט געווארן, דער עקאנאמישער איינשטעל פון דער רעגירונג, די פראגע וועגן ירושלים — אויף די אלע פונקטן זענען אלע איינিק.

די שטאטישע פרומע יידן האבן נישט קיין ספעציעלע פראבלעמען און שוועריקייטן. נאך אלעמען, איז דאס לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון ישראל נישט אנדערש פון דעם לעבן אין די שטעט פון כל תפוצות ישראל. נישט מער, אין מדינת ישראל איז פאר דעם פרומען יידן גרינגער אפצוהיטן זיין יידיש־קייט. שבת איז דער אפיציעלער רו־טאג. נישטא קיין נישט־יידישע באפעלקערונג, צו וועלכער מען דארף זיך צופאסן עקאנאמיש און גייסטיק. די קינדער־דערציאונג קאן זיין מער גאנץ־יידיש. די עקאנאמישע אומשטענדן צווינגען נישט, אז דאס קינד זאל זיך אפגעבן מיט א פרעמדער שפראך און מיט לימודים, וואס זענען נישט קיין יידישע.

אנדערש איז אבער אין די קיבוצים. דארטן זענען פאראן א סך שוועריקייטן פאר דעם פרומען עלעמענט. שבת איז שווער אפצוהיטן אין א קיבוץ, ווו די עקאנאמיע איז פארבונדן מיט אגריקולטור און פיצוכט. די פראגע פון שמיטה איז נאך ווייט נישט געלייזט און לקט, שכחה און פאה זענען אויך שווערע מצוות אפצוהיטן.

דערפאר האב איך זייער געוואלט זיין אין א פרומען קיבוץ. איך האב גע־וואלט זען מיט מיינע איינענע אויגן די פירעכץ זייערע און רעדן פה אל פה מיט די קיבוצניקעס. אבער אלעמאל האט זיך געמאכט עפעס אן אפהאלט.

א וואך פאר מיין אפפארן פון ישראל מאכט זיך, אז מיין שוועגערינס א קרובה, וואס איז א לערערין אין א פרומען קיבוץ, לאדט אונדז איין אויף איר חתונה. מיין שוועגערין שטאמט פון גרויסן חסידישן יחוס און איז אויסגעבונדן מיטן פרומען עלעמענט. איך האב זיך דערפרייט מיט דער געלעגנהייט. איבער־

הויפּט האָב איך זיך געפריייט מיט דעם, וואָס דער קיבוץ טראָגט דעם נאָמען „חפץ חיים". איך האָב אַ שייכות מיטן חפץ-חיים. איך האָב געלערנט אין זיין ישיבה אין ראַדין און געגעסן ביי אים שבתים אַ פולן יאָר.

דאָנערשטיק נאָך מיטאָג זענען מיר אַוועקגעפאָרן אויף דער חתונה. אויפ־שרייבן די ווערטער „זענען מיר אַוועקגעפאָרן אויף דער חתונה", אָדער אַרויס־זאָגן די עטלעכע ווערטער איז גאַנץ גרינג. אָבער דער עצם פאָרן איז געווען אַ גאַנצע אַוואַנטורע. נאָרמאַל פאָרט אַהין אַן אויטאָבוס איין מאָל אַ טאָג, אַזייגער אַכט אין דער פרי. איצט, צוליב דער חתונה, האָט מען באַשטעלט אַ ספּעציעלן אויטאָבוס. מער ווי איין אויטאָבוס האָט דער „אגד", דער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף טראַנספּאָרטאַציע קיין דרום יהודה, נישט געקאָנט געבן. איין אויטאָבוס „מיוחד" קאָן נישט אַריינגעמען קיין הונדערט מענטשן. ווי מען האָט דעם אויטאָבוס אָנגעפּאַקט, האָבן פערציק מענטשן געמוזט אויס־בלייבן, און דער קיבוץ האָט געדאַרפט שיקן נאָך זיי אַ לאַסט-אויטאָמאָביל. נו, פרעגט שוין נישט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אויף דער אויטאָבוס-סטאַנציע. איך בין אַריין אין זכות פון מיין אַלטער מחותנתטע, די מאַמע פון מיין שוויע־גערין. זי איז אַ פרוי ניינציק יאָר אַלט, אַלע געסט האָבן זי געקענט ווי די גרויסע מיוחסת. אַריינגיין אַליין האָט זי נישט געקאָנט. מען האָט זי געמוזט אַריינטראָגן. איך האָב צוגעהאַלטן איר האַנט און בין אַריין מיט מיין פרוי און טאָכטער.

די נסיעה אין דעם אָנגעפּאַקטן אויטאָבוס איז דווקא געווען אַן אָנגענעמע. נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך אַריינגעקוועטשט, איז יעדער איינער געווען העפלעך און גוטמוטיק. ס'איז געווען אַן אייגענער היימישער עולם. איינער האָט דעם אַנדערן געקענט און אַלע האָבן זיך גערופן ביי די ערשטע נעמען. ס'איז אויך געווען פריילעך — מען איז געפאָרן אויף אַ חתונה. מ'האָט זיך געחכמהט, געוויצלט און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן זינגען. רעדן האָט מען גערעדט אויס־שליסלעך יידיש, נאָר ווען מען האָט זיך געווענדעט צו אַ קינד, האָט מען גע־רעדט העברעאיש. זינגען האָט מען געזונגען בלויז העברעאיש.

אין אָנהייב איז דאָס געזאַנג געווען אַביסל אָנגעצויגן. בלויז די מענער האָבן געזונגען. איך האָב זיך געוווּנדערט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. אמת, אַ סך פרויען זענען געגאַנגען אָנגעטון אין קאָפּ-טיכלעך. אָבער די טיכלעך זענען געווען אַזוי קאָקעטיש אויסגעבונדן אַרום די קעפּ, אַז ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז טראָגן טיכלעך טראָגן בלויז די פאַרהייראַטע פרויען און זיי פאַרשטעלן דאָס זייערע אייגענע האָר.

איך האָב אָנגעהויבן בעטן, אַז די פרויען זאָלן אונדז אַרויסהעלפן אין גע־

זאַנג. זיי האָבן זיך געקווענקלט. אַ ייד מיט אַן אַסקעטישן אויסזען און מיט אַ דינער פלאַכער באָרד האָט זיך געבייזערט: קול שבאשה — אַ פרויען־קול איז דאָך ערוה, נו דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די אַלטע מחותנתטע, די גרויסע מיוחסת:

— נישקשה, נישקשה, אַז מען פאָרט אויף אַ חתונה, מעגן אַלע זינגען. זינגט, טעכטער!

און זיי האָבן געזונגען. אַלע האָבן געזונגען. אַזאַ וואַרעמען, האַרציקן און וואַריאירטן געזאַנג האָב איך נאָך נישט געהערט. מען האָט געזונגען חלוצים־לידער, פאָלקס־לידער אויף העברעאיש, פאָפּולערע ראַדיאָ־לידלעך, און שטיקלעך תפילות און פסוקים.

אַזוי טאַקע, מיט געזאַנג אויף די ליפּן, זענען מיר אָנגעקומען אין קיבוץ. ביים אַריינפאָרן אין קיבוץ האָבן אונדז באַגעגנט קינדער אין יאַרמעלקעס מיט געשרייען און ליאַרעם. זיי זענען נאָכגעלאָפן דעם אויטאָבוס, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיי האָבן מיטגעזונגען מיט אונדז. איך בין זיך מודה: די קינדער האָבן מיך אָפּגעקויפט. מיר זאָל זיין פאַר אייערע ביינדעלעך! שוין לאַנג, לאַנג, קרוב צו פיר צענדליק יאָר, האָב איך נישט געזען קיין קינדער אַנטקעגנלויפן מקבל צו זיין חתונה־געסט.

די געסט האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון דעם אויטאָבוס און ס'איז געוואָרן אַ קושרייַ און אַן אַרומנעמעניש. איטלעכער וואָס־ווען איז דער גאַנצער עולם, מענער, פרויען און קינדער אַוועק אין אַ ריקודל. פאַרשטייט זיך, אַז די פרויען האָבן געטאַנצט באַזונדער. אַפילו די קליינע מיידלעך האָבן געטאַנצט בלויז אין דעם פרויען־קאַראַהאָד.

מען האָט זיך גוט אָנגעטאַנצט. אָבער ס'איז אַלץ געווען צו פרי פאַר דער חופה. דערצו האָבן אַ סך מחותנים נאָך געפעלט. מען האָט געדאַרפט וואַרטן אויף דעם לאַסט־אויטאָמאָביל מיט די איבעריקע מחותנים. דער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט באַקוקן דעם קיבוץ. איך בין געבליבן שטיין ביים עס־צימער, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן פרייען הימל. אַ גרויסער שטח, פופציק מעטער די לענג און אַ פופציק מעטער די ברייט, איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט אַספאַלט. אויף אים זענען געווען אויסגעשטעלט טישלעך און בענק, אויסגעאַרבעטע פון שטיין און צעמענט. די טיש־פלאַכן זענען געווען פון איין שטיק שטיין. איך בין געשטאַנען און באַוווּנדערט די פרימיטיווע שיינקייט פון דער אַרבעט, און אין דער זעלביקער צייט האָב איך געטראַכט:

— וואָס טוען זיי אין די רעגנדיקע חדשים?

אַ יונגער מאַן מיט אַ רויטער באָרד און נישט קיין לאַנגע פּאות איז אויס־געוואַקסן נעבן מיר:

— איך זע, אַז איר וווּנדערט זיך וועגן אונדזער עס־צימער. מיר קאָנען זיך נישט העלפן. דריי פערטל פון אַלטן עס־צימער האָבן מיר פאַרנומען פאַר אַ בית־מדרש. קיין געלט פאַר אַ נייעם בנין האָבן מיר נישט. נו, האָבן מיר אויס־געבויט אַן עס־צימער אונטערן פרייען הימל. אין עונת הגשמים (רעגן־סעזאָן) זענען גרויסע צרות. מיר פּרוּוון פאַרשפּרייטן אַ ברעזענט איבער די טישן און בענק. אָבער ארץ ישראלדיקע רעגנס גייען דורך אפילו ברעטער, נישט נאָר לייוונט. מאַטערן מיר זיך.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם קליינעם עס־צימער, וואָס איז געווען אונטער אַ דאַך. פון איין זייט איז געווען דער גראַמער בית־מדרש, פון דער אַנ־דערער זייט — די גרויסע קיך. דער מיטלסטער צימער, וואָס האָט געקענט אַריינגעמען בלויז אַרום פופציק מענטשן, איז געווען נישט נאָר אַן עס־צימער, נאָר אויך אַ ביבליאָטעק. פון דער דיל ביז דער סטעליע זענען געווען פּאָליצעס אָנגעפּראָפּטע מיט ספרים. איך האָב באַקוקט די ספרים: גמרות און גמרות. מען האָט געקאָנט זען, אַז זיי שטייען נישט גלאַט צוליב שיינקייט וועגן, נאָר מען לערנט טאַקע דאָ. ס'איז נישט געשטאַנען בלויז אַ ש"ס, ווי עס פירט זיך אין ביבליאָטעקן, נאָר באַזונדערע מסכתות. די פּאָפּולערע מסכתות פון סדר נזיקין, מועד און נשים זענען געווען אין די צענדליקער, מער ווי צוואַנציק פון יעדער מסכתא. פון די נישט פּאָפּולערע מסכתות, וואָס מען לערנט נישט אַזוי אָפט, זענען געשטאַנען צו צוויי און דריי עקזעמפּלאַרן. דאָרטן זענען אויך געווען אַ סך פּילפּול־ספרים, ווי די ספרים פּני יהושוע און שיטה מקובצת. און מוסר ספרים: דער מסילת ישרים, חובת הלבבות, חפץ־חיים און אַ סך ספרים פון „מוסר קוק". די ספרים זענען נישט געווען קיין נייע. צעריסענע רוקנס, צע־פליקטע בלעטער.

— איך זע, אַז מען לערנט ביי אייך גאַנץ געשמאַק — האָב איך זיך אָנ־געררופן צום יונגן מאַן.

— אַ דאַנק דעם שם יתברך, מיר לערנען צו ביסלעך. אָבער איר ווייסט דאָך, לערנען תורה איז איינע פון די דריי זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין גרענעץ און קיין מאָס.

דערווייל איז צוגעקומען מיין פרוי און געזאָגט צו מיר:

— דו מוזסט גיין זען דער כלהס צימער. האָסט נאָך אַזוינס אין דיין לעבן נישט געזען.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אין קיבוץ, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען? — האָב איך געפרעגט.

— קוק עס אָן מיט דיינע אייגענע אויגן וועסטו צוגעבן, אַז איך בין גע־רעכט — האָט געענטפערט מיין פרוי.

איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם יונגן מאַן און בין אוועק מיט מיין פרוי. יאָ, עס איז געווען וואָס צו זען. דער כלהס צימער איז געווען פיר פינגער די לענג און צוויי פינגער די ברייט. דער קיבוץ האָט איר אויפגעבויט אַ וווינונג פון אַ „ליפט". אַ ליפט מיינט פשוט אַ גרויסער קאַסטן. פון אַמעריקע קומען אָן אַ סך מאַשינען קיין ארץ ישראל. די מאַשינען ווערן געשיקט אין גרויסע היל־צערנע קאַסטנס. נעמט מען די קאַסטנס און מען שטעלט זיי אויף אויף דער שמאָלער זייט. מען שניידט אויס לעבער פאַר פענצטער, אַ גרויסן לאָך פאַר אַ טיר. מען באַדעקט דעם קאַסטן מיט סמאָלע־פּאַפּיר, און... ס'איז פאַרטיק אַ וווינונג.

איך בין געשטאַנען און געקוקט מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט דאָס קאַסטן־צימערל איז אויסגעפּוצט: אויסגעקאַלכט אין צוויי קאָלירן, דער דיל אָפּגעפאַרבט רויט, און די פענצטערלעך באַפּוצט מיט פאָרהענגלעך. דאָס מעבל איז באַשטאַ־נען פון צוויי בעטן, אַ טישל, צוויי שטולן און אַ פּאָר פּאָליצעס מיט עטלעכע ספרים. אַלץ איז געווען ציכטיק־ריין, אַן אמתע ליאַלקע־שטיבל. ס'איז געווען זייער שיין אָנצוקוקן די וווינונג. אָבער ווי אַזוי מען קאָן וווינען אין אַזאַ צי־מערל ווייס איך נישט. שפּעטער, נאָך דער חופּה האָב איך גערעדט מיט דעם פּאָרל, איך האָב ממש אָנגעטאַפּט מיט די הענט זייער פרומקייט, פּשטות און איבערגעגעבנקייט צום קיבוץ און גרוים ליבשאַפט צו תורה. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן זיין אַ סך מער גליקלעכער אין דעם קעסטל־צימער ווי אַ סך אַנ־דערע, וואָס וווינען אין פּאַלאַצן. און אוודאי און אוודאי וועט עס זיין אַן אמתע יידישע היים.

מען האָט געשטעלט די חופּה. פיר בחורים האָבן אונטערן פרייען הימל געהאַלטן פיר עקן פון אַ טלית פאַרשפּרייט פאַר אַ חופּה. צוויי פרויען פון קי־בוץ, די אונטערפירערינס, האָבן געבראַכט די כלה. מיין אַלטע מחותנתטע, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט געכליפּעט און געשעפּטשעט:

— איינע איז זי געבליבן פון דער גאַנצער גרויסער משפּחה אין פּוילן. זאָל איר גאָט געבן געזונט און יאָרן, און זי זאָל אויפשטעלן אַ נייעם דור גאָטספאָרכ־טיקע יידן.

מען האָט געבראַכט דעם חתן. איך האָב זיך אַזש אַ הייב געטון פון מיין באַנק. זיין געשטאַלטיקייט איז נישט צו באַשרייבן. אָבער נישט דאָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט: שיינקייט איז אַ גאָט־זאַך. אָבער זיין הלבשה: ער האָט גע־טראָגן ברוינלעכע ספּאָרט־הויזן, אַן „אייזנהויער" זשאַקעטל, וואָס האָט נאָך

מער בולט געמאַכט זיין פיינע פיגור. ברוינע אָפּגעפּוצטע שיך, אַ ווייס העמד מיט אַ שלייף־שניפּס, אַ בלויע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און אַ זיידענעם טלית אַרי־בערגעוואָרפן איבער די אַקסלען.

די געסט־פרויען האָבן געפּנט מויל און אויגן:

— קיין עין־הרע נישט, ס׳אַרא פּאַרשוין!

שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער פרומער שיינער חתן איז דער ספּאָרט־לערער פון קיבוץ.

די חתונה־צערעמאָניע איז געווען קורץ אָן פּליטערלעך. באַלד נאָך דער חופּה האָט מען אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן. די מענער האָבן געטאַנצט באַזונדער און די פרויען באַזונדער. זיי האָבן געטאַנצט אַ האָראַ, און די מענער האָבן געזונגען. די פרויען האָבן געטאַנצט שטיל, נאָר איין פרוי האָט באַגלייט דאָס טאַנצן אויף אַ מויל־האַרמאָניקע. געזונגען האָט מען נישט קיין קיבוץ־לידער, נאָר מען האָט צוגעפּאַסט פּסוקים צו די קיבוץ־ניגונים. פריער האָבן זיי געזונגען פּסוקים פון ירמיהו ל״ג. ווען דער עולם האָט זיך אויסגעשטעלט און פאַרפלאָכטן הענט אויף אַקסל, האָט אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, מיט אַן אַרומגעשויר־רענער שוואַרצער באָרד אָנגעהויבן דאָס געזאַנג:

— עוד ישמע במקום הזה — עס וועט נאָך געהערט ווערן אויף דעם אָרט.

דער עולם האָט זיך צעוויגט, צעטאַנצט און געענטפערט מיט אַ האָראַ־געזאַנג:

— קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה — אַ קול פון פרייד און אַ קול פון שמחה, אַ קול פון אַ חתן און אַ קול פון אַ כלה.

מען האָט געטאַנצט און געטאַנצט, אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, זיך צע־וויגט, און דער ייד מיט דער אַרומגעשוירענער באָרד האָט ווידער אויסגעזונגען:

— קול אומרים — אַ קול פון די וואָס זאָגן.

און דער עולם האָט זיך צעטאַנצט אַ נייע האָראַ און געענטפערט:

— הודו את ה׳ צבאות, כי טוב ה׳, כי לעולם חסדו — לויבט דעם גאָט פון צבאות, ווייל גאָט איז גוט, ווייל אויף אייביק איז זיין גענאָד.

אָפּגעטאַנצט אָט די פּסוקים פון ירמיהו, האָבן זיי אויסגעזונגען פּסוקים פון תהילים קי״ח:

— קול רינה וישועה באהלי צדיקים — אַ קול פון געזאַנג און הילף אין די געצעלטן פון די צדיקים.

דערנאָך האָבן זיי געזונגען אַן אייגענע ווערזיע פון דעם באַוווסטן קיבוץ־ליד:

„הבה נצא למחול,

שלמה סיימאָן

הבה נצא למחולות,
לעבודה, לקיבוץ,
להגנה, להכשרה!"

לאָמיר גיין אַ טאַנץ, לאָמיר אַרוים טאַנצן, פאַר אַרבעט, פאַר קיבוץ, פאַר הגנה און פאַר הכשרה.

זיי האָבן געענדערט די לעצטע פיר ווערטער: לעבודה, לקיבוץ, להגנה, להכשרה אויף:

לתורה, לעבודה,
לקיבוץ ולתפילה.

פאַר דער תורה, פאַר אַרבעט, פאַרן קיבוץ און פאַר תפילה.

אַ זשורנאַליסט, וואָס איז געזעסן נעבן מיר, האָט אָפּגעשפּאָט:

— כניאָקעס, זעט נאָר ווי נישט־שעפעריש זיי זענען. זיי האָבן אפילו נישט קיין אייגענעם כוח צו שאַפן פּאַסיקע לידער. נעמען אַלץ פון גרייטן, פּאַרטיקע אַלטע פסוקים, קלישעען.

איך האָב פון אים אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. איך בין געזעסן און געקוקט אין דער ווייטקייט. מיר זענען אין דרום יהודה. דער קיבוץ איז אַ גרין פּינטעלע אין דער ווּיסטעניש. זענען געקומען יידן פון אונגאַרן, פון פראַנקפורט, פון ליטע, פון רייסן און פּוילן, און האָבן צוריק באַזעצט דאָס חרובע לאַנד, דעם ווּיסטן באָדן. ווי קאָנען זיי אויפהערן זיך וואונדערן אויף דעם גרויסן נס? ירמיהוס רייד זענען דאָך לעבעדיקע ווערטער אין דעם מויל פון קיבוץ־גליות:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: עס וועט נאָך געהערט ווערן אין דעם דאָזיקן אָרט, וואָס איר זאָגט: עס איז וויסט, אָן מענטשן און אָן בהמות, און די שטעט פון יהודה און די גאַסן פון ירושלים, וואָס זענען פאַרוויסט, אָן מענטשן און אָן איינוווינער — אַ קול פון פרייד און אַ קול פון שמחה, אַ קול פון אַ חתן און אַ קול פון אַ כלה, אַ קול פון די וואָס זאָגן: לויבט גאָט פון צבאות, ווייל גאָט איז גוט, ווייל אויף אייביק איז זיין גענאָד.

מ'דאַרף זיין אַ טרוקענער זשורנאַליסט, אָדער אַ מעטאַלענער ראַציאָנאַר־לער מאַשין־מענטש נישט נתפעל צו ווערן פון דעם געזאַנג פון די פסוקים, וואָס עס זינגט דאָס פּינטעלע־ישוב אין יהודה, אין מיטן פון דער ווּיסטעניש. זיי זעען גאָטס האַנט אין דעם וואונדער, וואָס איז געשען פאַר זייערע אייגענע אויגן. פאַר זיי זענען ירמיהוס רייד נישט גלאַט אַלטע לידער, פאַרשריבן אין אַן אַלטן ספר. דאָס זענען די לעבעדיקע רייד פון דעם לעבעדיקן גאָט. זאָל דער נישט גלויבי־קער שווייגן!

מען האָט געהייסן דעם עולם זיך אַרומזעצן אַרום די טישן. איך האָב זיך

געוואַלט זעצן צווישן די קיבוצניקעס. מען האָט מיך נישט געלאָזט און מיר אָנ־געוויזן אַן אָרט אויבנאָן, לעבן חתן. מיין פרוי האָט מען געזעצט ביי אַ באַזונ־דערן טיש, מיט די ווייבער, לעבן דער כלה.

מען האָט אונדז געגעבן אַ גוטן מאָלצייט: **פיש, יויך, געבראָטענע עוף** און קאָמפּאָט. ווי מיין טבע איז, בין איך נישט איינגעזעסן אויף איין אָרט. אין מיטן עסן האָב איך זיך צוגעזעצט צום טיש, וווּ דער יונגערמאַן מיט דער רויטער באָרד איז געזעסן, צווישן די קיבוצניקעס. איך האָב געזען, אַז זיי עסן דעם געוויינט־לעכן אָרעמען וואָכעדיקן קיבוץ־מאָלצייט. דער יונגערמאַן האָט מיר דערקלערט:

— מיר עסן פיש און עוף בלויז איין מאָל אַ וואָך — שבת. נו, עסן צוויי מאָל אַ וואָך פיש און עוף איז פאַר אונדז אַ צו גרויסער לוקסוס. מאַכן שבת אין דער וואָכן ווילן מיר ניט, יאָ חתונה, ניט חתונה. פאַר די פרעמדע געסט האָבן מיר אָבער אָנגעגרייט אַ חתונה־מאָלצייט. מיר וועלן דאָך נישט פאַרשע־מען חלילה חתן-כלה.

נאָך דעם מאָלצייט האָט מען געבענטשט בציבור. דער רב פון קיבוץ האָט זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן אַ דרשה. ער האָט געלויבט דעם חתן פאַר זיין יראת שמים און פאַר זיין חשק צו לערנען תורה. דערנאָך האָט ער געזאָגט אַ פּילפּול. דער עולם איז נישט נאָר געזעסן שטיל, נאָר ממש אַלעמענס אויגן זע־נען געווען צוגעקלעפּט צום רבס מויל. דער זשורנאַליסט איז ווידער אויסגע־וואַקסן לעבן מיר, און האָט מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— יאָ לאַנד, נישט לאַנד; יאָ מלחמה, נישט מלחמה — די אַלטע בטלנים.

איך האָב געבעטן נישט צו שטערן. ס'איז מיר אַזוי אויך געווען שווער נאָכ־צופאָלגן דעם רבס חריפות. דער זשורנאַליסט האָט אַ שפּאָט געטון:

— דער ישיבה־בחור פון חפץ־חיים האָט צוריק דערוואַכט אין אייך.

לכבוד חתן־כלה האָבן די קינדער געגעבן אַ פאָרשטעלונג. איך בין געזעסן גאַנץ נאָענט צו זיי, אָבער איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן דעם זין פון זייער סאַ־טירע. ס'האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום דעם חתן און דער כלה — וועגן זייער אַר־בעט אין קיבוץ, און מען האָט זיך אויך קאָנטיק געוויצלט וועגן געוויסע מנהגים אין קיבוץ. איך האָב אויפגעזוכט דעם יונגנמאַן מיט דער רויטער באָרד, און האָב אים געפרעגט צי ער וויל בלייבן דאָ, אָדער גיין מיט מיר ערגעץ שמועסן. ער איז אַוועק מיט מיר אַביסל וויטער פון עס־צימער, און מיר האָבן זיך צעשמועסט:

— געבן עסן די בהמות און עופות שבת איז דאָך מותר על פי דין. ס'איז דאָך אַ צער בעלי חיים. מעלקן די בהמות שבת מעלקט מען מיט אַן עלעקט־רישער מאַשין, וואָס ווערט אָנגעשטעלט אויף אַ זייגער. יאָ, אין אַ סך פרומע קיבוצים מעלקט מען די בהמות מיט די הענט, נאָר מ'נוצט נישט די מילך די־

רעקט, נאָר דאָס, וואָס מ'באַקומט פון דער מילך: קעז, סמעטענע און פּוטער. ס'זענען דאָ מקילים, אָבער דאָ אין קיבוץ איז מען פון די מחמירים.

— די פראַגע פון שמיטה? אין צוויי יאָר אַרום, ווען שמיטה וועט אָנקומען, וועלן מיר אָפּהיטן שמיטה. אוודאי וואָלט געווען גוט, ווען מיר קאָנען איינפירן אַ געמישטע ווירטשאַפט. מיר וואָלטן אין יאָר פון שמיטה געקאָנט ציען חיונה פון אַ פאַבריק. מיר זענען אָבער אָרעם, וועלן מיר דאַרפן אָנקומען צו לייטן. יאָ, ס'איז אַן אָרעמער קיבוץ. פריער איז דאָ געווען אַ קיבוץ פון שומר־הצעיר. זיי האָבן אויפגעגעבן די נקודה, און מיר האָבן איבערגענומען דעם באָדן, שוין פינף יאָר. ס'איז געווען שווער. ס'האָט געפעלט ערד. איצט, געלויבט איז השם יתברך, נאָכן נצחון, האָבן מיר גענוג ערד און כרמים (ווייגגערטנער) און פּרדסים.

— פאַרכאַפּט די ערד מיט דער שווערד? מיר האָבן נישט פאַרכאַפּט. מיר זענען דאָך נישט געקומען אין קיין פרעמד לאַנד און צוגענומען ביי די תושבים זייער ערד מיט דער שווערד. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ־ישראל. זענען אָנגעפאַלן אויף אונדז זיבן פעלקער, אַט ווי אַמאָל: די שבעה עממים. האָבן מיר קעגן זיי מלחמה געהאַלטן, און, דאַנקען השם יתברך, זיי מנצח געווען. עס שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז מ'טאָר נישט מלחמה האַלטן. ס'איז געווען אַ מלחמה מצווה. מיר זענען נישט געגאַנגען מלחמה האַלטן צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון לאַנד.

— מיר האָבן נישט אין קיבוץ קיין נוער עולה. זעט איר זיי דאָ נישט. מיר זענען צו אָרעם זיי אויסצוהאַלטן.

— יאָ, מיר האָבן אַ חברה ש"ס, אַ חברה משניות, אפילו אַ חברה תהילים. אָבער למען האמת, מיר קאָנען נישט לערנען אַזוי פיל וויפיל מיר וואָלטן געוואָלט. מיר מוזן דאָ שווער אַרבעטן, זענען מיר מיד. אָבער מיר רייסן אָפּ צייט און מיר האָבן שבת אַ גאַנצן טאָג אויף צו לערנען.

דער עולם האָט נאָך אַלץ געהוליעט און מיר האָבן גערעדט. ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב געלערנט ביים חפץ־חיים און געגעסן שבתים ביי אים, האָט ער זיך זייער דערפרייט. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר יעדן איינעם און מיך צוגערעדט צו בלייבן אויף שבת.

— איר האָט נישט קיין טלית און תפילין? נו, אינדערפרי זענען דאָ צוויי מנינים, וועט איר נוצן מיינע תפילין. טליתים האָבן מיר פאַר געסט. שבת וועט איר דאָ הערן אַ שיעור גמרא און זען ווי מיר פּראַווען דאָ שבת.

מען האָט אָפּגעהוליעט און זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. נאָך מעריב האָט מען אויסגערופן, אַז די וואָס ווילן בלייבן נעכטיקן זאָלן זיך פאַרשרייבן, וועט

מען זיי געבן געצעלטן. די וואָס ווילן צוריקפֿאָרן, וועט זיי אַ לאַסט־אויטאָמאָ־ביל אָפּפֿירן קיין תל־אביב נאָך עלף אַזייגער.

איך האָב זיך פֿאַרשריבן צו בלייבן נעכטיקן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַנט־שולדיקט פֿאַר מיר:

— איך וואָלט מיט אייך פֿאַרבראַכט לענגער, דאַרף איך אָבער היינט ביי־נאַכט גיין אויף שמירה.

אַ לאַסט־אויטאָמאָביל איז צוגעפֿאָרן. די קיבוצניקעס האָבן אויף אים אַרויפֿ־געשטעלט בענק, און די געסט, וואָס האָבן געוואָלט צוריקפֿאָרן אין שטאָט, האָבן אָנגעהויבן אַרויפֿקריכן. דער קיבוץ האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום די געסט זיך צו געזעגענען. מען האָט זיך געזעגנט מיט געזאַנג. דער עולם האָט געזונגען דעם פּסוק פֿון תהילים:

— ימין ה׳ רוממה, ימין ה׳ עושה חיל — גאָטס רעכטע האַנט איז דער־הויבן, גאָטס רעכטע האַנט טוט העלדישקייט.

ווען מען האָט אויסגעזונגען די ווערטער „גאָטס רעכטע האַנט איז דער־הויבן", האָט דער רויטער יונגערמאַן מיט נאָך צוויי מענער, וואָס זענען געשטאַ־נען מיט ביקסן, גרייט צו גיין אויף שמירה, אויפֿגעהויבן די ביקסן אין דער הויך.

דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט. אַלע, ווי איין קול, האָבן אויסגעשריגן:

— שלום, יידן! שלום, יידן!

מען האָט מיר און מיין פֿרוי געגעבן אַ געצעלט צום שלאָפֿן. קיין ליכט איז אין געצעלט נישט געווען. אין דער פֿינצטער האָבן מיר אָנגעטאַפּט צוויי אַרמיי־בעטלעך אָן בעטגעוואַנט און אָן ליילעכער. יעדעס בעטל האָט געהאַט אַ שלאָף־זאַק. מיר האָבן זיך אויסגעטון, זענען אַריין אין די שלאָף־זעק און האָבן פֿאַר־צויגן דעם „זיפּער" ביזן האַלדז. מיר האָבן פֿאַרמאַכט די אויגן.

איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. פֿאַר מיר זענען געשטאַנען ווי לעבע־דיקע די ישיבה פֿון חפֿץ־חיים אין ראַדין און די הונדערטער בחורים. ווי וואָלטן זיי, יענע ישיבה בחורים, זיך אַריינגעפּאַסט אַהער? איך האָב מיט מאַטערניש זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז יענע פֿאַרדבקעטע בחורים, די גרויסע לערנערס און בעלי־מוסר, וואָלטן אפֿשר געקאָנט טרייבן אַ טראַקטאָר און מעלקן בהמות. אָבער איך האָב בשום אופֿן ניט געקאָנט צונויפֿפּאָרן יענע בחורים, וואָס האָבן פֿאַר־נאַכט אויסגעזונגען טיילן פֿון דעם מסילת ישרים און דעם חובת הלבבות, מיט ביקסן אויף די אַקסלען. ס'איז אַן איבערבראָך אין יידישער געשיכטע. אָט די פֿרומע יידן, וואָס אַקערן פֿעלדער, שניידן וויינטרויבן, זייען קאַרטאָפֿל און ווייסן ווי אַרומצוגיין מיט בהמות און פֿערד, און האָבן נישט קיין מורא פֿאַר קיין ביקס

און מאַשין־געווער, זיי קאָנען נישט בלייבן די זעלביקע ווי פון דער וועלט אָפּגעפרעמדטע פרומאַקעס, ווי די בחורים פון ישיבה חפץ-חיים אין ראַדין.

איך האָב אַ שמייכל געטון צו זיך, אַ מאָדנער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן:

— ס׳איז דאָך מעגלעך, אַז אַט דער קיבוץ וועט נאָך אַמאָל האָדעווען פערדפאַר געוועט־לויף, אַליין זיי ברענגען אויפן מאַרק און זיי טרייבן אין געוועט־לויף. ווי וועט זיך דאָס קלעפּן מיטן מסילת ישרים און חובת הלבבות, מיט דער שיטה מקובצת און פּני יהושוע און באָרד און פּאות?

פונדערוויטנס האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון שאַקאַלן. פעלד־מייז זענען איילִיק אַריינגעלאָפן אין געצעלט און אַרויסגעלאָפן. איך האָב זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. ענדלעך האָב איך איינגעדרימלט. מיין פרוי האָט מיך אַ טרייסל געטון:

— שלמה, שטיי אויף, אַ מויז איז אַריבערגעלאָפן איבער מיין פּנים.

איך האָב איר געענטפערט:

— שלאָף איין, ס׳איז גאָרנישט. לעבן אַ פעלד זענען פאַראַן פעלד־מייז.

מיין פרוי האָט מיר געענטפערט אַ פאַרציטערטע:

— איך האָב מורא איינצושלאָפן. איך שלאָף אָפט מיט אַן אָפענעם מויל. אַ מויז קען דאָך נאָך מיר אַריין אין מויל.

מיר זענען שוין איבערגעזעסן די נאַכט. אַ שפּראָץ אויף טאָג האָבן מיר זיך אָנגעטון. מיין שוועגערין אין אַנדערן געצעלט האָט אויך נישט געקאָנט איינשלאָפן איבער די מייז. אַן אויטאָבוס פאָרט פאַרביי דעם קיבוץ זעקס אַזייגער אינדערפרי. מיר זענען אָפּגעפאָרן מיט דעם אויטאָבוס.

נישט באַשערט געווען צו הערן אַ שיעור פון דעם רב און ווידער זיך זען מיט דעם יונגנמאַן מיט דער רויטער באָרד און אין איינעם לערנען אַ בלאַט גמרא. ער איז זיבער געבליבן אַנטוישט. איך אויך. הפנים, אַז דער ישיבה־בחור האָט טאַקע דערוואַכט אין מיר.

## קאַפּיטל זעכצן

# שאַ, אַ פֿאָלק ווערט געבוירן

די טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין חולון, זענען געווען די גליקלעכסטע און ליכטיקסטע טעג פֿון די דריי חדשים, וואָס איך בין געווען אין מדינת-ישראל. אין חולון, אַ נײַ שטעטל, וואָס ליגט אַ דרײַ פֿערטל שעה פֿאָרן פֿון תּל-אָבֿיבֿ, האָט געוווינט מײַן יוגנט-חבֿר ביינוש. אַכט און דרײַסיק יאָר האָב איך אים נישט געזען. איך האָב אַביסל זיך געשראָקן זיך צו באַגעגענען מיט אים. איך האָב געטראַכט: עס קאָן דאָך זײַן, אַז איך וועל טרעפֿן אַן עלטערן ייִדן, וואָס איז פֿאַרטון אין זײַנע מיחושים און ווייסט גאָר נישט וועגן דעם קערנדיקן לעבן אַרום אים.

איך האָב אָבער געטראָפֿן מײַן אַלטן חבֿר ביינוש מיט זײַן אַמאָליקן שאַרפֿן קאָפּ, מיט זײַן הילכיקן געלעכטער, זײַן פֿײַנעם הומאָר און דורשט צום לערנען. ווי אַלע ייִדישע אינטעליגענטן פֿון ישׂראל האָט ער שוין נישט גערעדט קיין ייִדיש זינט ער איז געקומען קיין ארץ-ישׂראל, אַ קימאַ-לן פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר. אָבער דאָס ייִדיש לשון האָט נאָך געלעבט אין זײַן מויל און אין דעם מויל פֿון זײַן פֿרוי, אויך אַן אַלטע חבֿרה מײַנע. די עלטערע טאָכטער, עכסה, האָט גערעדט נישקשהדיק ייִדיש. דאָס בחורל זײַנס, דן, וואָס איז געווען ייִנגער פֿון דער טאָכטער מיט אַכט יאָר, האָט שוין ייִדיש קוים פֿאַרשטאַנען. זײַן אייִדעם, זיאָמע, אַ הויכער באַאַמטער אין אויסערן מיניסטעריום, האָט גערעדט ייִדיש פֿלייסיק, אַפֿילו מיט אַ היפּש ביסל העברעיזמען.

מיר פֿלעגן אָפּזיצן שעהען און שעהען אויף דער וועראַנדע, טרינקען טיי, דייכערן און רעדן. אַרום אונדז זענען געלעגן די זאַמדן פֿון חולון. ווי ווײַט דאָס אויג קאָן כאַפּן זאַמד און זאַמד. אין מיטן דעם זאַמד אַ שמאָלער פּאַס, אויסגע-

פלאַסטערט מיט אַספאַלט און פון ביידע זייטן פאַרבויט מיט איין־שטאָקיקע ווייסע ליכטיקע הייזער. לעבן די באַנגאַלאָס — גרינס־גערטנדלעך, בלומען־בייטן און שאָטנדיקעביימער. הינטער די פּלויטן — אַ טיפער, זאַמדיקער מדבר. ס'איז געווען אַן אמתער גייסטיקער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען און רעדן מיט דער משפחה. זיי האָבן געקאָנט גרינטלעך דאָס יידישע לעבן פון ישראל, זענען געווען גוט אָריענטירט אין אַלע פראַגעס. זיי זענען געווען הייסע ציוניסטן, פאַר־לייקענער פון גלות. זיי האָבן אָבער מיך גוט פאַרשטאַנען און גוט אויפגענומען מיין ספקות און מיין צער. זיי האָבן נישט אָפּגעלייקנט אַ סך באַשולדיקונגען, האָבן נישט געפּרוווט פאַרטושן נעגאַטיוון. זיי זענען געווען ערלעכע פאַרשטענד־לעכע קענער, נאָר אָפט האָבן זיי מיינע נעגאַטיוון פאַררעכנט ווי פּאָזיטיווע דערשיינונגען.

— וואָס כעסטו זיך — האָט ביינוש, מיין חבר, מיר געענטפערט גוטמוטיק — ווען מיר זאָגן: אַ פאָלק ווערט געבוירן? אוודאי זענען יידן געווען אַ פאָלק איידער אייראָפּע האָט נאָך געוווּסט, אַז מ'דאַרף טראָגן הויזן. אָבער אין משך פון צוויי טויזנט יאָר זענען מיר געווען אַן אומנאָרמאַל פאָלק, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט אַ מינימום שייכות פון זיינע בירגער צו זיין נאַציאָנאַלן לעבן. איצט, נאָך דער גרינדונג פון מדינת־ישראל, זענען מיר גע־וואָרן אַ נאָרמאַל פאָלק. אין דער בחינה איז אַ פאָלק ערשט געבוירן געוואָרן.

— ניין, מיר נעמען נישט אָן, אַז איצט קאָנען יידן אויך זיין אַ פאָלק אין גלות. אַמאָל, ווען רעליגיע האָט געשפּילט אַ ראָל, האָט עס געקאָנט געמאָלט זיין. איצט, ווען רעליגיע האָט אויפגעהערט צו זיין דער הויפּט־פאַקטאָר אין לעבן, קאָנען זיך יידן נישט האַלטן פאַר אַ פאָלק אויסער מדינת־ישראל. יידיש לעבן האָט אויפגעהערט צו זיין שעפעריש אין גלות. שעפעריש מיין איך נישט צו שרייבן ביכער אָדער מאָלן בילדער. פאַראַן אַ טיפערע שעפערישקייט: איינ־שטעלן אַן אייגן לעבן. איר אין אַמעריקע, וואָס איז איצט די פעסטונג פון יידישן לעבן, יידישער קולטור, טראַדיציע און לעבנס־שטייגער, איר האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דעם שטעטל. מיר דאָ האָבן צוריק אויפגעלעבט דאָס שטעטל. איר אָבער לעבט גיט נאָר פיזיש אין שכנות, נאָר אויך גייסטיק. אייער גאַנץ יידיש לעבן איז געוואָרן אַ צוגאָב־לעבן. נישט אומזיסט האָט איר צוגאָב־שולן. אייער טאָג־טעגלעך לעבן מוז זיין אויסגעליידיקט פון יידישקייט, דעריבער איז אויך אייער קהלש לעבן אָרעם און בלוטלאָז. ווען נישט מדינת־ישראל האָט איר נישט וואָס צו טון.

— פאַרוואָס האָבן אונדזערע קיבוצים און מושבי־עובדים נישט באַאיינ־פלוסט די יידן פון אַמעריקע און פון די איבעריקע טיילן פון דער וועלט, אָט ווי חסידות האָט באַאיינפלוסט דאָס יידישע לעבן? דער ענטפער וועט זיין אפשר

שרעקלעך פאר דיר. ס'איז נישטאָ וועמען צו באאיינפלוסן. אייער גלות־לעבן איז אזא, וואָס וויל האָבן אַ גרינגע יידישקייט, אַ יידישקייט, וואָס זאָל נישט שטערן דעם יחידים באַקוועמלעכקייט. אויף פּראָסט־לשון — דער מענטשן־מאַטעריאַל אין גלות טויג נישט. דער יידישער מענטש האָט פאַרלוירן זיין יידישן איך.

— דו, ווי אַלע יידן, וואָס לעבן אַ סעקולאַר לעבן, דאַרפן דאָך זיין אין זיבעטן הימל, ווען איר קומט אין אונדזערע יידישע שטעטלעך אהער. חולון, רעננה, כפר־סבא, רחובות, פתח־תקווה — דאָס זענען דאָך די אַלטע שטעטלעך, נאָר איבערגעבויטע, גייסטיק־באַנייטע. אוועק זענען די לופט־מענטשן, פאַרשווונדן זענען די חומרות פון שבת און יום־טוב. די יוגנט רייסט זיך נישט צום פרעמדן לעבן, נישטאָ די שרעק פאַר גוי. די חדרים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאָדערנע שולן. אוים קאַנטשיק און פאַרשטיקטע צימערן. אויף דעם האָבן מיר דאָך געחלומט.

— דאָס לייזט נישט יידישקייט און די יידן־פראַגע? פאַר אייך אין גלות טאָקע נישט. פאַר אונדז אָבער לייזט עס ביידע פראַגעס. אַ פאָלק אויף זיין אייגן לאַנד דאַרף נישט האָבן קיין פאַרוואָס פאַר זיין עקזיסטענץ. און דאָ וועלן מיר אויך נישט האָבן קיין יידן־פראַגע. זאָג זיך אָפּ פון דעם געדאַנק, אַז יידן זענען אַ וועלט־פאָלק. נעם אָן אונדזער צעשפּרייטונג ווי אַ קללה, וועסטו לייזן ביידע פראַגעס. אַ טייל וועט קומען צו אונדז, די איבעריקע וועלן פאַרשווינדן. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן וועלן זיי פאַרשווינדן גייסטיק, אַסימילירן זיך. אין אַן עת־צרה וועלן זיי פיזיש פאַרניכטעט ווערן.

— אוודאי לעבט איצט מדינת־ישראל אויפן חשבון פון גלות. דאָס פּלוצימדיקע פאַרשווינדן פון גלות וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן ישוב. אָבער עס האַלט נישט דערביי. דאָס פּאַמעלעכע פאַרשווינדן פון גלות איז אַ הילף פאַר אונדז. איר זענט גייסטיק, עקאָנאָמיש און פיזיש גוטע באַמיסטיקונג פאַר אונדז. (ער האָט גענוצט דאָס וואָרט: זבל).

— מיט דיינע טענות קעגן העברעאיש און איבערהויפּט קעגן דער ספרדישער אויסשפּראַך ביסטו פולקאָם גערעכט. דאָס רייסט אונדז אָפּ פון כלל־ישראל, פון יידיש־רעדנדיקע טיילן און פון די, וואָס פאַרשטייען אשכנזישן העברעאיש. אָבער ערשטנס, האַלטן מיר זיך פאַר כלל־ישראל. צווייטנס, ווילן מיר זיך בכוונה דערווייטערן פון אַלץ, וואָס שמעקט מיט גלות. דריטנס, דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט קיין יידיש און וויל עס איצט אויך נישט אויפהאַלטן. און לסוף, פאַרוואָס האָט איר נישט אויפגעשטעלט אַ יידיש־רעדנדיקן דור אין אַמעריקע, וואָס איז איינגעעקשנט ווי מיר דאָ מיט העברעאיש? וואָלט געווען אזא דור, וואָלטן מיר זיך געמוזט מיט אים רעכענען. איצט אָבער — געדענק! מיר, עלטערע יידן, האָבן דאָ לאַנג נישט צו זיין.

— איינשרומפּן זיך אויף א קליין יידיש שטיקל לאנד איז א נאציאנאלער פּארלוסט? מסכים. אָבער ווען דאָס יידישע לעבן אין גלות איז שעפעריש, שפּרודלט מיט יידיש לעבן, וואָלט דיין טענה געהאַט א זין. אָבער איר גייט דאָך אונטער אין גלות. מיר האַלטן, אז אייער צוגאָב-יידישקייט איז איצט פון קליינעם ווערט. און עס וועט ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער ווערט. איר שפּייזט זיך נאָך מיט דעם שטעטל. איר לעבט נאָך אויף שיריים. אייערע קינדער, וואָס זענען היפּש אויסגעליידיקט, וועלן שוין אויך קיין שיריים נישט האָבן. ווילן מיר ראַטעווען וואָס מ'קאָן. ס'איז אַביסל קאָמיש, ווען א קבצן האַלט זיך „משה גרויס”. איר, די יידישע קיומיסטן, זענט אין דער בחינה.

מיין חבר בייגוש איז א לערער פון מאַטעמאַטיק, און אפילו זומער איז ער פאַרנומען אין די נאָכמיטאָגס. ער גיט פּריוואַטע לעקציעס. די סטודענטן פלעגן קומען צו אים נאָכמיטאָג אַלע שעה און א האַלב. פאַר מיר איז געווען טשיקאַווע זיין הילוך און זיין גאַנצע האַלטונג בשעת די לעקציעס. ער פלעגט זיין אָנגעטון בלויז אין קורצע „קעקי”-הויזן און אין אן אונטערשטן העמד און גיין באָרוועס. מיך האָט עס שאָקירט. אָבער דאָרט איז אַזאַ מנהג און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אַזעלכע קלייניקייטן. די פענצטער זענען דאָרטן אַלע מאָל אָפן. איך פלעג זיצן אויף דער וועראַנדע און זיך צוהערן צו די לעקציעס. א שטים האָט ער א הויכע, א הסברה זייער א קלאָרע. ער איז אַלעמאָל געווען באַגייסטערט. איך פלעג אים נאָכקוקן דורכן אָפענעם פענצטער. ער פלעג זעלטן זיצן, נאָר שטענדיק אַרומגיין אהין און צוריק און דערקלערן אויף אויסנווייניק, אויף א שנעלן קלאָרן העברעאיש, די שווערסטע געאָמעטרישע פּראָבלעמען, און אפילו טריגאָנאָמעטריע. אין אָנהייב איז מיר געווען שווער נאָכצופּאָלגן דאָס העברעאישע לשון. ווען איך האָב זיך צוגעוווינט, בין איך אָפּט פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין וווּנדערלעכער הסברה.

דער איידעם האָט געוווסט, אַז דער שווער איז פאַרנומען די נאָכמיטאָגס, פלעגט ער צוליב מיר אַהיימקומען פריער ווי געוויינלעך פון דעם אויסערן-מיניסטעריום. ער און זיין פרוי זענען געקומען זייער יונג קיין ארץ-ישראל.ביידע האָבן זיך געהאַלטן פאַר סאַברעס. זיי זענען געווען יאָרן אין פּלמ”ח.

ביידע זענען געווען אויסערגעוויינטלעך גוט אינפאָרמירט וועגן דעם גאַנג פון דער לעצטער מלחמה. זייערס א פעטער, מיין חברס ווייבס ברודער, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מלחמה-פירערס. ווען איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל, איז ער געווען א יינגל פון א יאָר צען-עלף. ער איז געקומען קיין ארץ-ישראל, ווען ער איז שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר. ער איז געוואָרן א קיבוצניק און האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיליטערישע פּראָבלעמען. מען האָט

מיר פון א סך קוועלן איבערגעגעבן, אז ער איז געווען דער „מארך" פון סטראַ־טעגישן שטאַב. ער איז דורך אַ צופאַל דערהרגעט געוואָרן אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה. הגם ער איז נישט געווען באַוווסט דעם ברייטן עולם, זענען די צייטונגען געווען פול מיט זיין טויט. איך האָב דעמאָלט אַ סך געלייענט וועגן אים, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט פאַרבונדן דעם פאַרשטאָרבענעם מ. גלאָר־בערמאַן מיט שלמה דעם מנקרס יינגסטן זון. זיאַמע, מיין חברס איידעם, איז געווען גלאָובערמאַנס רעכטע האַנט. עבסה, זיאַמעס פרוי, האָט אויך געהאַט אַ סך מיליטערישע דערפאַרונג.

די נאָכמיטאָגס פלעגן מיר אָפט ליגן אין דרייען אויפן גראָז, רייכערן און רעדן. איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס אַזעלכע יונגע מענטשן, וואָס זענען געווען אַזוי פיל יאָרן אין דער אַרמיי, האָבן צייט געהאַט אַזוי פיל צו לייענען און לערנען, און זיין אַזוי גוט אינפאָרמירט.

זיי זענען געווען די זעלביקע עקסטרעמע ציוניסטן ווי מיין חבר ביינוש. ער אָבער האָט נאָך געקענט דעם גלות. זיי אָבער האָבן שוין קיין אַנדער לעבן אויסער ארץ־ישראל נישט געקענט. זענען זייערע רייד דעריבער געווען ווייניקער אַבסטראַקט. זיי האָבן מיך אָפּגעפרעגט מיט זייערע דערפאַרונגען, נישט מיט קיין חקירות.

דאָס רעדן פון דעם יונגנמאַן איז געווען מאָדנע רואיק:

— איך פאַרשטיי אייך גאַנץ גוט. איר קוקט אויף אונדז יידן אַנדערש ווי מיר זעען זיך דאָ אַליין. איר זעט יידן ווי אַ וועלט־פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע פיר עקן פון דער וועלט (בארבע כנפות הארץ), און פאַר אייך איז ישראל — נאָך אַ יידישער ישוב. האָט איר טענות צו אונדז, וואָס מיר האָבן אָפּגעניייגט פון דעם וועג פון יידישן איינשטעל, פון אַבסטראַקטן יושר. אָבער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע דאָס אַבסטראַקטע יידישע פאָלק. שטעלט זיך פאָר, אַז איר זענט נישט אין אַמעריקע, ווו איר לעבט רואיק און ווו אייער לעבן און דאָס לעבן פון אייער משפחה שטייען נישט אין סכנה. שטעלט זיך פאָר, אַז איר זענט דאָ, ווי איך, אַן אַכט־צען יאָר צוריק און איר אַרבעט מיט מיין פעטער אין אַ געהיימען שטאַב. דער שטאַב מוז זיין אַ געהיימער, ווייל מיר זענען אַרומגערינגלט פון צווייערליי שונאים: די אַלטע איינגעזעסענע באַפעלקערונג: און אַן אימפּעריאַליסטישע מאַכט, וואָס הערשט איבערן לאַנד.

— מיר ווייסן, אַז עס וועט קומען צו אַן אַנטשיידנדיקער מלחמה. גרייטן מיר זיך. צוערשט האָבן מיר אָנגעהויבן אויסצומאַפּירן דאָס לאַנד. מיר האָבן געמאַכט אַ טאָפּאָגראַפישע מאַפּע פון יעדן ווינקעלע, פון יעדן בערגעלע, טאָל, שטיין, און אַלץ איז פאַרצייכנט געוואָרן. יעדער אַראַבישער דאָרף איז אויסגע־פאָרשט געוואָרן ביז דער קלענסטער קלייניקייט.

— מיר האָבן אָנגעהויבן אויסצורעכענען: כדי די וועגן צו אונדזערע ישו־בים זאָלן זיין זיכער, דאַרפן מיר איינגעמען די און די דערפער, דאַרפן מיר זיין באַלעבאַטים איבער די און די בערג. די און די וועגן מוזן זיין ביי אונדז אין די הענט. געוווּר האָבן מיר געהאַט ווייניק, אַמוניציע נאָך ווייניקער. מענטשן האָבן געפעלט. האָבן מיר גערדאַרפט אויסרעכענען וואָס מיר קאָנען טון מיט דעם, וואָס מיר האָבן.

— דער פעטער האָט אויסגערעכנט יעדן צוג, יעדע באַוועגונג, יעדע צו־קונפטיקע שלאַכט. דאָס און דאָס דאָרף וועט מען דאַרפן נעמען מיט פינף און צוואַנציק מענטשן. פאַר יענעם דאָרף וועלן זיין גענוג צוואַנציק מענטשן. דעם און דעם באַרג וועלן קאָנען האַלטן פופציק מענטשן.

— מיר, יונגוואַרג, פלעגן זיך דינגען: „מיר מוזן האָבן נאָך פופציק מענטשן, אַז ניט..." איך געדענק ווי דער פעטער פלעגט אונדז אָפט ענטפערן מיט אַ ביטערן שמייכל:

— גערעכט, איר זענט גערעכט. עס וואָלטן געפאַלן אַ סך ווייניקער קרבנות, ווען מיר וואָלטן געהאַט נאָך אַ צען טויזנט יוגנטלעכע און אַרטילעריע און שווערע מאַשין־ביקסן. נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען מיר האָבן אַ לופט־פלאָט. אָבער מיר האָבן נישט די אַלע זאַכן. אַט פאַר דעם שטיקל אַרבעט, וואָס איך האָב דאָ אָנגעצייכנט, קאָנען מיר זיך נישט פאַרגינען מער ווי צוויי און צוואַנ־ציק מענטשן.

— צענדליקער פּלענער האָבן מיר אויסגעאַרבעט, און יעדער פּלאַן האָט געהאַט דריי אַלטערנאַטיווע פּלענער. אַז די מלחמה מיט די אַראַבער האָט אויס-געבראָכן, האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דעם פעטערס פּלענער, אָפט אפילו נישט מאָדיפיצירט. ווען מיר האָבן געשיקט אַ גרופּע בחורים און מיידלעך איינצונעמען אַ דאָרף אָדער אַ באַרג האָבן מיר געזאָגט:

— איר זענט צוואַנציק אין צאָל. גאָט, דאָס איז אייער אַמוניציע. איר דאַרפט נעמען דאָס און דאָס דאָרף. איר דאַרפט פאַרנעמען דעם און דעם באַרג. און זוי האָבן געוווּסט, וואָס דאָס מיינט: קומען צוריק מיט ליידיקן קאָנט איר נישט. נעמט איין, אַז נישט קומט נישט צוריק. זענען זיי געגאַנגען. זיי האָבן איינגענומען. אַ סך זענען צוריק נישט געקומען. אָפט איז אַ גאַנצע גרופּע „פאַר־פאַלן" געוואָרן.

— נו, האָט איר טענות, אַז עס איז נישט רעכט צו באַזיגן אַ לאַנד מיט דער שווערד. איר האָט טענות, אַז מיר זענען לכתחילה געקומען צו ווערן די מערהייט אין לאַנד, און דאָס מיינט באַזיגן אויב נויטיק. נו, זאָל זיין אַז איר זענט גערעכט. איז וואָס זאָלן מיר געווען זאָגן צו די אַראַבער בשעת דער מל־

חמה: קומט און טרייבט אונדז אריין אין ים? קומט און צעפערטלט אונדז?

— אייערע טענות ווענן יידיש זענען פאר מיין שווער טענות. מיר האבן דא גענוג צרות אן צוויי שפראכן. עס פעלט אונדז מער נישט ווי איינצופירן דא יידישע שולן. מיר האבן שוין אלץ איינס פיר־פינף מינים שולן. אלע האבן שולן — די פרומע, די אלגעמיינע ציוניסטן, די מפ״י און די מפ״ם. קיין נאציאנאלע פאלקס שול האבן מיר נישט, אבער אמווייניקסטן האבן אלע שולן איין געמיינ־שאפטלעכע שפראך. דארף מען נאך גרינדן יידישע שולן, וועט די שמחה זיין פארפול.

— די אראבער פראגע. ווען מיר זאלן אננעמען דעם אבסטראקטן יושר און זיי צוריק אריינלאזן, וועט ווערן דער אמתער כאאס. די כרמים זייערע זענען פארדארט, די פרדסים זענען נאך א יאר נישט באוואסערן גאר נישט ווערט. די הייזער זענען טיילווייז פארנומען און טיילווייז חרוב. עס איז א סך גרינגער צו באזעצן די אראבער צווישן די אראבישע פעלקער, איידער זיי צו באזעצן דא ביי אונדז.

— איר וועט אויף מיר נישט ברוגז זיין, אויב מיינע רייד וועלן קלינגען צו שארפלעך. איר האט אבער געזען וואס פאר א שווער לעבן מיר לעבן דא. ווען איר אין אמעריקע וואלט געוואלט לעבן אזא שווער לעבן ווי מיר דא, וואלט איר גרינג געקאנט איבערבויען אייער אייגן לעבן ווי מיר האבן דא געטון. איר האט אבער אויף דעם קיין כוח נישט. אלץ וואס אייך סטייעט איז אביסעלע כוח צו געבן געלט. זעט איר דעם תהום פון אסימילאציע און איר ווילט, אז מיר זאלן אייך ראטעווען. פאר די יידישיסטן זאלן מיר דא אויפלעבן יידיש, פאר די פרומע — אויפלעבן פרומקייט, פאר די עטיקער — אנהאלטן יידישע עטיק. מיר האבן אונדזערע אייגענע דאגות. מיר דארפן זיך פארזיכערן סטראטעגיש מיט א גרוי־סער באפעלקערונג. מיר דארפן פארשטארקן אונדזער עקאנאמיע. מיר דארפן באזעצן דאס לאנד. אליין איז עס אונדז שווער. ווילן מיר אויסנוצן אייער כוח פאר אונדז. ס'איז א פראגע ווער וועמען עס וועט אויסנוצן. איך האלט, אז מיר וועלן זיגן. ערשטנס, זענען מיר בעסער ארגאניזירט, און צווייטנס, זענען מיר גרייט אויף קרבנות. איר, אין גלות, זענט פארמשפט צו זיין בלויז באמיסטיקונג פאר מדינת־ישראל. ס'וועט אייך נישט העלפן.

מיר זענען געלעגן אויפן גראז, לעבן א בלומען־בייט. אנטקעגן אונדז, דורך די קוסטעס, האט זיך געזען דער ליידיקער שטח פון טיפן זאמד. גלייך ביים שא־סיי זענען געווען אנגעלייגט גאנצע קופעס אפגעשניטענע צווייגן און אויסגע־וואַרצלטע קליינע ביימלעך. זיאמע האט מיר אנגעוויזן:

— זעט, ווי פארנומען מיר זענען. אט נעמט חולון. מיט עטלעכע קורצע יאר צוריק איז דא געווען א וויסטעניש. זאמד. זאמד ווי ביים ברעג ים, ווו א

מענטשלעכער פּוס האָט נישט באַטראָטן הונדערטער יאָרן. זענען מיר געקומען און האָבן אָפּגעקויפט די וויסטעניש פאַר גוט געלט. די אַראַבער האָבן גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס: די יידן זענען משוגע געוואָרן. מיר האָבן אָבער גע־ווּסט וואָס מיר טוען. מיר האָבן געוואָלט אַ גרויסן שטח פאַר פאַרשטעטלעך לעבן תל־אביב. דאָ, אויף דעם זאַמד, האָבן מיר אויסגעבויט צוויי פאַרשטעט־לעך: חולון א׳ און חולון ב׳, און געמאַכט לעבן ברעג־ים אַ גאַנצע פּאַרוויילונגס־קאָלאָניע. פאַר דער מלחמה זענען די זאַמדן געווען אַן אידעאַל אָרט אויסצו־פּרוּוון היימיש־געמאַכט געווער.

— אָבער בויען אין ארץ־ישראל איז קיינמאָל נישט קיין גרינגער ענין. נאָכן אָפּזיין דאָ אַ פּאָר יאָר האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז זאַמד גיט זיך נישט אַזוי גרינג אונטער צו ציוויליזאַציע. אונדזערע גערטנדלעך, אונדזערעביימער און אונדזערע הייזער האָבן אָנגעהויבן פאַרשאָטן צו ווערן פון דעם זאַמד. האָבן מיר אָנגעהויבן פּלאַנצן פּאַרקן. מיר האָבן אָבער אויסגעפונען, אַז עס איז נישט גרינג צו פאַרפּלאַנצן פּאַרקן אויף זאַמד. איר פאַרפּלאַנצט יונגע ביימעלעך און איידער זיי וואַקסן אויס ווערן זיי פאַרשאָטן. האָבן מיר זיך אויסגעלערנט, אַז לעבן די יונגע ביימעלעך דאַרפן מיר אַריינגראָבן טויטע גראָבע צווייגן, כדי צו פאַרהיטן די יונגע ביימעלעך. דאָס קאָסט געלט און נעמט אַוועק צייט. מיר האָבן נישט קיין איבעריק געלט, און צייט דאַרפן מיר פאַר הונדערטער אַנדערע זאַכן. מיר האָבן אָבער געמוזט האָבן פאַרשטעטלעך צו תל־אביב, איר פאַרשטייט?

יענע נאַכט זענען מיר געזעסן אויף דער וועראַנדע. נאָכן עסן איז דאָס יונגע פּאָרל מיטן בחור׳ל אַוועק זען אַ פילם. מיר, די דריי אַלטע, זענען געבליבן זיצן און האָבן געשמועסט. מיר האָבן זיך דערמאָנט אַמאָליקע יאָרן:

— געדענקסט, שלמה, אַ זומער בייטאָג אין וואַלד, טיף אין דובניק, האָבן מיר געמאַכט אַ ביידל פון צווייגן און מיר זענען דאָרטן אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן יענעם נאָכמיטאָג זיך אויסגעלערנט „מתי מדבר" פון ביאַליקן אויף אויסנווייניק.

איך האָב זיך דערמאָנט און האָב אויף שפּאַס אָנגעהויבן ציטירן; איך האָב אָפּגעציטירט אַ דריי־פיר שורות און זיך פאַרהאַקט. ביינוש האָט אויפגע־כאַפּט ווייטער, אָבער ער איז אויך געבליבן שטיין נאָך עטלעכע שורות. אַ יונגע שטים פון דעם שכנישן הויז האָט אָנגעהויבן ציטירן די ווייטערדיקע שורות. מיר האָבן זיך אַ ווײַלע צוגעהערט. דערנאָך האָט ביינוש אויסגערופן:

— עי, זבולון, דו נאַרסט אונדז! דו לייענסט פון בוך!

דאָס יינגל איז אַרויס אויף זיין וועראַנדע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון אונדז אַ זעקס פוס, און האָט ערנסט געזאָגט:

— איך קען עס אינגאנצן אויף אויסנווייניק. איר ווילט הערן?

— נו, איך גלויב דיר.

— אָבער דער אַמעריקאַנער — האָט דאָס יינגל אָנגעוויזן אויף מיר — האָט ציטירט דאָס ליד ווי אַן אויסלענדער, ווי אַ גוי, וואָס האָט זיך אויסגע-לערנט העברעאיש.

ביינוש האָט זיך צעלאַכט:

— שוטה, ווען אַ גוי לערנט זיך אויס עברית, לערנט ער זיך אויס די ריכטיקע הברה, אָבער אַ ייד, וואָס קען עברית פון געבוירן אָן, רעדט ער נישט ווי אַ סאַברע.

דעם יינגלס רייד האָבן איבערגעהאַקט אונדזער פּריילעכקייט. ס'איז גע־ווען אַ וווּנדערלעכע לבנה־נאַכט. לינקס פון אונדז זענען געשטאַנען איינגע־גראָבן אין זאַמד די טויטע אָפּגעהאַקטע צווייגן לעבן די יונגע ביימלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי הויכע דיקע גראָזן. רעכטס איז געלעגן אַ ים זאַמד, נאַקעט אָן אַ פּינטעלע, און האָט געגלאַנצט מיט זיין ווייסקייט אין דער נאַכט.

ביינוש האָט גערעדט שטיל, גאָר נישט ווי זיין שטייגער:

— איך ווייס, ס'איז דיר דאָ זייער שווער. ס'איז דיר נישט גוט. דו ביסט געקומען אין יידן־לאַנד און פילסט זיך נישט ווי אין דער היים. מען האַלט דיך פאַר אַ שטיקל פרעמדן. דיך, וואָס דו ביסט איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן, רופט מען: גלות־ייד, אַמעריקאַנער ייד מיט אַ שלעכטן עברית־אַקצענט. מען האַלט אין איין סטראַשען דיך מיט אַ היטלער. אָבער דו האָסט דאָך אַליין גע־זאָגט, אַז מדינת־ישראל איז אַן איבערבראָך אין דער יידישער געשיכטע. דו זעסט דאָ אַנדערע יידן, ווי די וואָס דו ביסט געוווינט צו זען. יידן איינגע־וואָרצלטע אין אַן אייגענעם לאַנד, יידן, וואָס האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט, יידן וואָס פאַרלאָזן זיך נישט אויף חסדים, נישט אויפן חסד פון פעלקער און נישט אויפן חסד פון געשיכטע, און נישט אויפן חסד פון גאָט, נאָר אויף זיך אַליין. גלייב מיר, אָפּט זענען מיר אויך אַ סך זאַכן נישט צום האַרצן. אָבער פון ווען אָן דאַרף אַן עלטערער ייד זיין אינגאַנצן צופרידן?

—יאָ, אַ פאָלק ווערט געבוירן! ס'איז אַביסל מאָדנע און פריקרע עס צו זאָגן וועגן אונדז יידן. ס'איז אָבער פאָרט אמת. ס'וועט אויפקומען אינגאַנצן אַ ניי, אַנדערש יידיש פאָלק. אַ סך וועלן זיך אָן דיר און אָן דיין גלייכן אין גלות. וועט אייך דאָרטן געלינגען ציען ווייטער דעם פאָדעם פון אַלטער יידיש־קייט, און וועלן די גוים נישט ווערן קיין גרעסערע רשעים ווי זיי זענען איצט, וועט דאָס יונגע, נייע יידישע פאָלק נישט זיין אַזוי האָפערדיק, חוצפּהדיק און אַנדערש. אויב אָבער אייך וועט עס נישט געלינגען — און איך, ווי אַן אַלטער

ציוניסט, גלויב נישט, אז עס וועט אייך געלינגען מאַכן דעם גלות אַנדערש
— זאָג איך דיר: מאַך שלום מיטן גורל. שריי נישט. עס וועט דיר נישט העלפן.
שאַ, שטיל, אַ פאָלק ווערט געבוירן!

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעלייגט מיין האַנט אויף זיין אַקסל, און געזאָגט:

— דו ווייסט, ביינוש, דו האָסט דאָך אין דער יוגנט געשריבן לידער. אויף דער עלטער ביסטו גאָר געוואָרן אַ מאַטעמאַטיקער. אָבער דאָך איז אין דיר געבליבן אַ לחלוחית פון אַ פאָעט.

די יונגע חברה איז צוריקגעקומען פון דעם קינאָ. זיי האָבן געזען ווי מיר זיצן שטיל, און זיאַמע האָט אָנגעהויבן שפּאַסן:

— זע נאָר, ווי די אַלטע זיצן פאַרחלומט. מסתמא זיך דערמאָנט ווי זיי זענען געווען יונג און האָבן געהאַט פולע קעפּ האָר.

די באַלעבאָסטע האָט סערווירט טיי. אַזעלכע טעג און נעכט האָב איך פאַרבראַכט אין חולון.

## קאַפּיטל זיבעצן

# צוליב אַ קוצו של יוד

מדינת ישראל איז אַ פֿרייע מדינה. אין די דריי חדשים, וואָס איך בין דאָרט געווען, בין איך געגאַנגען וווהין איך האָב געוואָלט, גערעדט וואָס איך האָב געוואָלט, געזאָגט דעות, ווען מען האָט מיך געפֿרעגט און ווען מען האָט מיך נישט געפֿרעגט, און קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן מיר צו זאָגן: מישט זיך נישט, עס איז נישט אייער עסק, איר זענט אַ פֿרעמדער. אָפֿט האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע און אַריין וווהין איך האָב נישט געטאָרט אַריינגיין, און מען האָט מיך נישט געפֿרעגט אויף קיין פּאַספּאָרט. ס'איז דאָרט פֿולקאָמענע פֿרייהייט פֿון באַוועגונג און פּרעסע. דער בירגער איז באַלעבאָס. זיינע רעכט זענען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. אָפֿט האָב איך געטראַכט, אַז די רעגירונג לאָזט שוין אָפֿט אָפּ צופֿיל די לייצעם. ס'איז דאָ אַזויפֿיל פֿרייהייט אין לאַנד, אַז מיר דוכט זיך, אַז ס'איז גרינג פֿאַר שונאים צו פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר יידן און אָנטון גרויסע צרות. קיינער איז קיינעם נישט חושד, און אַלע טירן זענען אָפֿן און קיינע טויערן זענען נישט פֿאַרשלאָסן.

אָבער דער בירגער פֿון ישראל איז דווקא נישט קיין גלייכגילטיקער אָדער נאָכלעסיקער מענטש ווען עס האַנדלט זיך וועגן אידייען, אמונות אָדער אידעאָלאָגיעס. יעדער איינער איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד און ער איז זיכער, אַז נאָר ער האָט דעם גאַנצן אמת אין קעשענע און נאָר זיין פּאַרטיי ווייסט ווי אַזוי צו לייזן אַלע שוועריקייטן פֿון ישוב און גלות. אָפֿט זענען די גרענעצן צווישן די פּאַרטייען זייער מטושטשדיקע, כמעט גאָרנישט קיין קאָנטיקע. דאָך האָט יעדע פּאַרטיי איר טאָג־צייטונג, איר אָרגאַניזאַציע און וועט זיך בשום אופֿן

נישט פאראייניקן מיט קיינעם נישט, אפילו מיט דער פארטיי, וואס האט די זעלביקע אידעאלאגיע.

איין ביישפיל: וויפיל איך האב זיך געמאטערט צו וויסן דעם אונטערשיד צווישן דער מפ״ם און מפא״י האב איך נישט געקאנט אויסגעפונען דעם חי־לוק. ביידע זענען סאציאליסטיש, ביידע זענען סעקולאר, ביידע זענען פאר צנע, ביידע זענען קעגן ארייננלאזן צוריק די אראבער, ביידע אריענטירן זיך אויף די קיבוצים, ביידע האבן געקעמפט מיט אויסערגעוויינטלעכן מוט אין דער מלחמה און ביידע זענען לכתחילה געווען פאר א בשותפותדיקער מיט־ארבעטערשאפט מיט די אראבער. ביידע זענען איצט פאר העברעאיש, ווי די נאציאנאלע שפראך אין מדינת ישראל און אין גלות. וויכטיקער נאך איז וואס ביידע פארטייען זענען צוזאמענגעשטעלט פון דעם זעלביקן עלעמענט יידן — מזרח־אייראפעאישע יידן, וואס האבן זיך אויפגעהאדעוועט אויפן סאציאליזם און אויף דער מאדערנער יידישער און העברעאישער ליטעראטור. די פירער פון ביידע פארטייען זענען דערצויגן געווארן אין דער ישיבה און אויף דער ארבעטער בירזשע. דאך זענען זיי אין אפאזיציע איינע צו די אנדערע.

מען זאגט, אז דער גרונט־פרינציפ, וואס טיילט זיי פונאנדער איז וואס די מפ״ם אריענטירט זיך אויף סאוויעט רוסלאנד און די מפא״י אויף מערב. אבער דאס איז אינגאנצן נישט אמת. די מפ״מניקעס זענען נישט קיין סטאַ־ליניסטן. זיי האלטן, אז דער קיבוץ איז דער גרעסטער פאטש אין פנים דעם רוסישן קאמוניזם. איך האב זיי געהערט זאגן ווידער און ווידער, אין וועלכן מפ״ם קיבוץ איך בין געווען, אז אין סאוויעט רוסלאנד איז סאציאליזם מיט א בייטש, וואס איז קיין סאציאליזם ניט, אבער אין מדינת ישראל איז דער קי־בוץ א פרייע סאציאליסטישע געזעלשאפט, א מיטגליד קען פארלאזן ווען ער וויל. און די מפאי״ניקעס זענען נישט קיין קעגנער פון סאוויעט רוסלאנד. אט האבן זיי געזוכט א הלוואה ביי די סאוויעטן. די רוסן האבן אבער אפילו נישט געענטפערט. די מפמניקעס וויסן, אז זיי וועלן האבן דעמזעלביקן מזל מיט די סאוויעטן ווי די מפא״י האט געהאט. יעדער איינער ווייסט אין מדינת ישראל, אז די סאוויעטן ווילן קיינמאל נישט מיטארבעטן געמיינשאפטלעך" מיט קיינעם נישט. סאוויעט רוסלאנד פאדערט א געהארכזאמקייט אן א תנאי. אויף דעם וועט קיינער נישט מסכים זיין אין מדינת ישראל, די מפמניקעס אויך נישט. בלויז די קאמוניסטן וואלטן געווען מרוצה אויף אזא איינשטעל.

איבערהויפט ווארפט זיך אין די אויגן וואס אי די מפא״י און אי די מפ״ם לעבן אויף אנקל סעמס חשבון. איך רעד שוין ניט וועגן די מאשינען און אנ־דערע הצטרכותן, וואס ווערן געשיקט פון אמעריקע אויפן חשבון פון דער הונ־דערט מיליאניקער הלוואה, נאר פשוט אן די געלטער פון אמעריקאנער יידן

וואלטןביידע פּאַרטייען געווען באַנקראָט. די מפ"ם מיטגלידער קאָנען דאָך אפילו נישט אויסהאלטן זייער אייגענע צייטונג. איך האָב נאָך דערוויילי נישט געהערט, אז די מפ"ם זאָל זיך אָפּזאָגן פון נעמען דאָס געלט פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַמעריקע.

אָבער ווען איר לייענט די פּאַרטיי־פּרעסע מיינט איר, אַז גאָט ווייסט פאַר אַ תהום עס ליגט צווישן מפ"ם און מפא"י.

צען טאָג־צייטונגען אויף העברעאיש ווערן געדרוקט אין מדינת ישראל. אכט פון זיי זענען פּאַרטיי צייטונגען. מען דערלייגט צענדליקער טויזנטער פונטן צו דער פּרעסע. קיינעם פּאַלט נישט איין, אַז עס איז אַ פאַרשווענדעניש פון געלט, צייט און מי, און די אַלע זאַכן האָבן געקאָנט פּאַרטון ווערן אויף בעסערע זאַכן. די סיבה איז, וואָס יעדער ישראלי האַלט, אַז זיין פּאַרטיי איז אַ נויטווענדיקייט, פּרינציפּן גיט מען נישט אויף. יאָ, אָפּט הערט איר אין לאַנד, אַז עס זענען דאָ צופיל פּאַרטייען אין ישוב, אָבער דער באַקלאָגער האָט טענות אַלץ צו דער אָפּאָזיציע: די איבעריקע פּאַרטייען טאָרן ניט זיין אַזוי ענג־האַרציק. זיי דאַרפן זיך אויפלייזן און פאַרשמעלצן זיך מיט זיין פּאַרטיי, וואָס האָט די ריכטיקע לייזונג צו אַלע פּראָבלעמען און ווייסט ווי אַזוי צו ברענגען די גאולה שלימה.

איך האַלט, אַז די קאָכעניש אין די פּאַרטייען און צוגעבונדנקייט צו אי־דעאָלאָגיעס און אידייען איז נישט קיין חסרון. יידן זענען נישט געקומען קיין ארץ־ישראל צו זוכן פּערזענלעכע מאַטעריעלע גליקן. די וואָס האָבן אַזוינס גע־זוכט זענען געפאָרן אין די אַמעריקעס אָדער האָבן אימיגרירט קיין מערב אייי־ראָפּע. די יידן, וואָס זענען געקומען אין דעם לאַנד פון די אבות זענען אויך נישט געקומען בלויז צו גרינדן אַ יידישע מלוכה. פאַר דעם צוועק זענען געווען פּאַסיקערע לענדער. דער סעקולאַרער מאָדערנער ציוניזם איז סוף־כל־סוף דאָך פאַרבונדן מיט דער משיח־אידייע, מיט דעם אידעאַל פון לעתיד לבוא, מיט אַ טרוים פון מלכות שדי אויף דער ערד. ווען מען קוקט זיך צו טיפער צום ישוב זעט מען קלאָר, אַז יידן זענען געקומען צו גרינדן אַ מלוכה, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט. עדות זענען די אַלע סאָציאַלע עקס־פּערימענטן; עדות זענען די צענדליקער טויזנטער אידעאַליסטן, וואָס האָבן אויפגעגעבן זייער פּערזענלעכן גליק צוליב דעם אויפלעב פון פאָלק. ס'זענען דאָ גאָר ווייניק צווישן די תושבים, וואָס האָבן ניט „געפּטרט" אַ פאָר יאָר אין אַ קיבוץ, אָדער אין אַ גרופּע וואָס האָט אויפגעגעבן איר גאַנצן פּערזענ־לעכן לעבן לטובת הכלל. אפילו ווען די גרופּע האָט כלומרשט געאַרבעט בלויז פאַר אייגענער חיונה, האָט דאָס פאָלק געהאַט מער נוצן פון איר אַרבעט ווי די יחידים פון דער גרופּע.

אין מדינת ישראל יווירעט, קאָכט און זידט מיט צענדליקער סאָציאַלע עקספּערימענטן. אויבערפלעכלעך זעט אויס ווי יידן זענען געוואָרן פאַרהאַר־טעוועטע וועלט־מענטשן: זיי רעדן ווויל־יונגעריש וועגן אומרעכט און נישט יושרדיקע מעשים. עס זענען דאָ יחידים וואָס גרויסן זיך מיט נישט־שיינע מע־שים און פאַרברעכנס, ווייל אַזוי דאַרף זיין אַ נאָרמאַל פאָלק. אָבער אין תוך איז עס נישט אמת. ווען איר וועט רעדן לאַנג גענוג מיט וועלכן ס׳איז יידן אין מדינת ישראל וועט ער אייך צוגעבן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך נישט אָפּגעמאַטערט צוויי טויזנט יאָר, כדי צו דערגרייכן די גרויסע מדרגה פון אַ באַלקאַניש לענדל. מען רעדט דאָ נישט פון די פרומע יידן, וואָס האַלטן, אַז ארץ־ישראל איז מחייב אַן אַנדער לעבן. נאָר אַפילו אין די סעקולאַרע קיבוצים רייסט מען פון זיך פּאָסן כדי צו דערגרייכן שלימות. יעדעס עקאָנאָמישע פּראָבלעם ווערט אויפגענומען נישט בלויז ווי פּראַקטיש זי קאָן געלייזט ווערן, נאָר שטענדיק גיט מען אַכטונג, אַז די לייזונג זאָל חלילה נישט פאַרלעצן קיין סאָציאַלן אָדער עטישן פּרינציפּ.

דאָך קומט אויס שווער פאַר דעם דרויסנדיקן מענטשן צוצוזען ווי צוליב אַ קוצו של יוד ווערן גאַנץ אָפט פאַרשוועכט געלט און צייט און שווערע פּראַצע.

איך האָב בייגעוווינט אַ שטרייט וועגן דערציאונג, אַ מחלוקת לשם שמים טאַקע, אָבער איך קאָן עס בשום אופן נישט באַרעכטיקן, וויפיל איך זאָל דעם ישוב נישט דן זיין לכף זכות.

אין מדינת ישראל זענען דאָ אָפיציעל דריי הויפּט־שול ריכטונגען: די בתי ספר כללים, די אַלגעמיינע פאָלקס־שול; זרם עובדים שול — די אַרבע־טער שטראָם שול; און די אָרטאָדאָקסישע שולן. ביז נישט לאַנג צוריק, ביזן לעצטן סעפּטעמבער 1949, האָבן די עלטערן געצאָלט שכר־לימוד און די שולן האָבן זיך גערדאַרפט אַליין אויסהאַלטן. די אַלגעמיינע פאָלקס־שול האָט געהאַט ביז איצט מער תלמידים ווי אַלע אַנדערע שול־ריכטונגען. אָבער לעצטן זומער האָט די כנסת אָנגענומען אַ שול־צוואַנג געזעץ. זי האָט אָבער נישט געשאַפן קיין איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע שול־סיס־טעם, נאָר יעדע שול פון וועלכער ס׳איז ריכטונג, אויב זי קאָן אַריינ־קריגן פינף און צוואַנציק קינדער קריגט שטיצע פון דער רעגירונג.

אין רעננה זענען געווען צוויי שולעס — די אַלגעמיינע פאָלקס־שול, וווּ עס האָבן זיך געלערנט קרוב צו פינף הונדערט קינדער און דער בית ספר פון די אָרטאָדאָקסן. דער בית ספר כללי איז די עלטסטע שול אין דער קאָלאָניע. זי האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן בנין מיט אַ פיינעם גאָרטן און פּאַרק און שפּיל־פּלאַץ און אַ גרויסע קיך און אַ פאַרזאַמלונגס־זאַל, אין קורצן באמת אַ

מוסטער שול. פאַרשטייט זיך אַז אַלע לערערס זענען גוטע סאָציאַליסטן און זענען מיטגלידער פון הסתדרות.

אין אַ שיינעם טאָג אין אויגוסט האָבן זיך באַוויזן מודעות אָנגעקלעפּט אויף די פּלויטן פון רעננה, אַז שבת וועט פאַרקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, ווו פאַרשטייער פון הסתדרות וועלן אַדרעסירן, וועגן גרינדן אַ זרם־עובדים שולע — אַן אַרבעטער שולע.

אַ היפשער עולם איז געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג. דער פאַרשטייער פון הסתדרות האָט גערעדט לאַנג און שיין. ער האָט באַטאָנט אַז די זרם עובדים שול גיט נישט נאָר אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג די קינדער נאָר פלאַנצט אין זיי איין ליבשאַפט צו אַרבעט און צו סאָציאַלער גערעכטיקייט. אויך לערנט זיך דאָס קינד ליב צו האָבן די קיבוצים און אוודאי און ווערט איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון די תלמידים אַ פייערדיקער פאַטריאָטיזם און דאָס קינד איז גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר דעם פאָטערלאַנד און פאַרטיידיקן דעם ישוב מיט זיין בלוט. ועל כולם לערנט מען דאָס קינד צו אונטערשיידן צווישן אָרעם און רייך און מען גרייט אים צו ווי אַן אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זיין רעכט. ער האָט געענדיקט מיט אַ פּראַקטישן פאָרשלאָג: היות ווי די גרויסע מערהייט פון די קינדער וואָס באַזוכן דעם בית ספר כללי זענען פון עלטערן, וואָס זענען מיטגלידער פון הסתדרות זאָלן די עלטערן חתמענען אַ פּעטיציע, אַז זיי ווילן אַ זרם עובדים שולע און איבערנעמען דעם איצטיקן בית ספר אין רעננה און מאַכן פון אים אַ זרם עובדים בית ספר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע. די טאַטעס און מאַמעס האָבן געטענהט אַז אויב זיי וואָלטן געוואָלט אַ זרם עובדים שולע וואָלטן זיי עס לאַנג געהאַט אין רעננה. ביז איצט איז דאָך דער בית ספר אויסגעהאַלטן געוואָרן פון שכר־לימוד און שטיצע פון דער שטאָט קאַסע. ווער וואָלט זיי נישט געלאָזט גרינדן לכתחילה אַ זרם עובדים שולע? אָט האָבן די אָרטאָדאָקסן געגרינדעט אַן אייגענעם בית ספר. די מערהייט פון רעננה וויל נישט קיין פאַרטיי־שולע. דער בית ספר כללי גיט די קינדער אַ גוטע נאַציאָנאַלע דערציאונג און פלאַנצט אין זיי איין אַ ליבשאַפט צו אַרבעט און אַ געפיל פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. אַ גרויסע צאָל פון די גראַדואירטע געפינען זיך איצט אין קיבוצים, און מען האָט אויסגערעכנט אַ צעטל פון נעמען. פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד? רעננה האָט צוגעטראָגן איר חלק קרבנות אָט פונקט ווי וועלכער ס'איז קיבוץ. און בכלל, וואָס הייסט איבערנעמען אַ גרייטן בית ספר, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזויפיל מי פון דער גאַנצער קאָלאָניע? נישט געפּאַקט און נישט געמאָלט און אַריינכאַפּן אַ בנין מיט פרייען באָדן, מיט אַ

גאָרטן, מיט אַ פּאַרק און אַ פּאַרטיקן וואַסער קוואַל. דאָס איז דאָך פּשוטע גזילה.

דער רעדנער האָט זיך געפילט ווי אַ קאָזאַק הנגזל. ער האָט געענטפערט מיט שאַרפן מוסר: שעמען מעגן זיך די פּאַרזאַמלטע. אַזוי רעדן עס סאָציאַליסטן, מיטגלידער פון הסתדרות? מיר דאַרפן אַן אמתן סאָציאַליסטישן בית ספר, ווו די קינדער וועלן פייערן דעם ערשטן מאַי און וועלן נישט דאַרפן זיצן אויף דער זעלביקער באַנק ווו די רייכע קינדער זיצן, למשל רוקחס קינדער!

מען איז אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער: קיינער האָט נישט געצוואונגען די קינדער צו באַזוכן די שולע דעם ערשטן מאַי. רייכע און אָרעמע אויף דער זעלביקער באַנק? ווו וועט איר דאָ, אין רעננה, געפינען קאַפּיטאַליסטן? אַלע זענען דאָ קליינע פּאַרמערס, מושבניקעס און אַרבעטער. יאָ, אין תל־אביב איז דאָ אַ רוקח, אָבער וואָס זענען זיי דאָ שולדיק? און סטייטש און סטייטש צו וואָס זאָל מען צעברעכן אַ שולע ווו עס לערנען זיך איבער פיר הונדערט קינדער? ס׳איז דאָ אַ גוטער שטאַב לערער, וואָס פירט אָן אַ מוסטער־שולע, גרינדן נאָך אַ שולע וועט דאָך זיין אַ טאָפּלטע הוצאה — מען וועט דאַרפן אויפשטעלן נאָך אַ בנין, אָנשטעלן נאָך אַ מנהל־פּרינציפּאַל. ווו איז דער שכל הישר?

ס׳איז געווען אמרו לאלהים — רעד צו דער וואַנט. די פּאַרזאַמלטע האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז רעננה נויטיקט זיך אין אַ זרם־עובדים שול און מען האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט צו קלייבן אונטערשריפטן.

אין איין וואָך ציים האָט דער קאָמיטעט געבראַכט העכער צוויי הונדערט אונטערשריפטן. די קאָלאָניע האָט געקאָכט: ווו האָבן זיי גענומען אַזויפיל חתימות?

אַ וואָך שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל נייס אין די צייטונגען: די מייסטע חתימות זענען אַריינגעקראָגן געוואָרן דורך אָפּנאַרעריי און אַ סך חתימות זענען גאָר נישט געווען פון די טאַטעס נאָר פון די תלמידים. גאָר אַ גרויסע צאָל חתימות זענען געווען פון תימנער יידן, וואָס זענען כמעט אַלע אַן אויסנאַם אָרטאָדאָקסן. זיי שיקן זייערע קינדער אין דעם פרומען בית ספר און בכלל ווינען זיי ווייט פון בית ספר כללי און זייערע יונגע קינדער וועלן גאָר נישט קענען גיין אַזאַ ווייטן מהלך. ווי אַזוי האָט מען אַרויסגעקראָגן די חתימות? פּשוט מען איז געקומען צו זיי און זיי דערקלערט אַז דאָס איז אַן אָפּיציעלער דאָקומענט, אַ צושריפט פון דער רעגירונג. דער תימנער האַלט אַז דינאָ דמלכותא דינא, מען דאַרף פּאָלגן מלוכה.

אָבער די זרם עובדימניקעס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן צורגעגעבן, אַז זיי האָבן נישט געקאָנטראָלירט די זאַמלונג פון די אונטערשריפטן.

אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט דערעפענען אַ זרם־עובדים שול? זיי ווילן איצט שוין קאָנטראָלירן די זאַמלונג פון די חתימות. זיי וועלן אוועקזעצן אַ קאָמיטעט אין „סיטי האָל" — אין שטאָטראָט־בנין. נישקשה די פּאַראינטע־רעסירטע אין אַן ארבעטער־שולע וועלן קומען צו דעם קאָמיטעט זיך צו רע־גיסטרירן.

יאָ, זיי האָבן צונויפגעקליבן איבער הונדערט אויטענטישע אונטער־שריפטן. אין דער קאָלאָניע האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסער וויכוח: ווו וועט זיין דער נייער בית ספר? די זרם עובדימניקעס האָבן געענטפערט, אַז מען וועט צעטיילן דעם בנין אויף צוויי: אויף דעם אונטערשטן שטאָק וועלן לער־נען די תלמידים פון בית ספר כללי, אויף דעם אויבערשטן שטאָק וועלן לער־נען די תלמידים פון דעם זרם עובדים בית ספר. וואָס וועט מען טון מיט די איבונגען, ס'איז דאָך דאָ נאָר איין אַטלעטישער פעלד? מילא מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן.

איך בין אוועקגעפאָרן איידער די נייע שולע האָט זיך געעפנט, בין איך נישט קיין עד ראיה וועגן וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט. אָבער אָט איז דער טעקסט פון אַ בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן דעם 14טן פעברואַר 1950 פון רעננה, געשריבן פון אַ תלמיד פון בית הספר, מיין ברודערס יינגל:

„בית הספר של זרם העובדים נפתח ומספר תלמידיו שוה למספר תלמי־די בית הספר העממי (אם לא יותר). שני בתי הספר לומדים בבנין אחד, אלא שאחד לפני הצהרים ואחד אחרי הצהרים. על השולחנות שלומדים עליהם יש כתובות משני מינים כמו „בית ספר זרם העובדים" או „בית־ספר עממי". אבל בקרוב תפתר הבעיה עם בנות בית ספר חדש" שלך, בן ציון.

דער טייטש דערפון: „דער בית ספר פון דעם זרם עובדים האָט זיך גע־עפנט און זיין צאָל תלמידים איז דער זעלביקער ווי די צאָל תלמידים פון בית ספר עממי (און אפשר נאָך מער). ביידע בתי ספר לערנען אין דעם זעלביקן בנין, נאָר איינער לערנט אינדערפרי און דער אַנדערער נאָכמיטאָג. אויף די טישלעך, וואָס די תלמידים זיצן זענען פאַראַן צווייערליי אויפשריפטן: בית־ספר־זרם־עובדים" אָדער „בית ספר עממי". נאָר אינגיכן וועט די פראַגע גע־לייזט ווערן און אַ נייער בנין וועט אויפגעשטעלט ווערן".

צי אַזאַ פּרינציפּן שטייפקייט איז גוט פאַרן ישוב — זאָל דער לייענער אַליין משפטן.

## קאַפּיטל אַכצן

# פּויערים פון גליל און עמק

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן פון תל־אביב אָן אַ צוועק און אַ ציל. איך האָב געוואָלט איינזאַפּן אין זיך דעם טומל, דעם רויש, די פרייליכקייט און קלאַנג פון דער אויסשליסלעך ייִדישער שטאָט. איך האָב געציילט די קאַפעען, די קיאָסקן פון צייטונגען, זשורנאַלן און לייכטער ליטעראַטור און די ביכער־געשעפטן. איך האָב געלייענט די אַפּישן אויף די קיילעכדיקע סלופּעס, וואָס זענען ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם צוועק. איך האָב געזוכט מיט ליכט אַ שענק, אַ באַר ווי מיר רופן עס אין אַמעריקע, און נישט געפונען. איך האָב געציילט און געחשבונט וויפיל ייִדן רעדן העברעאיש, וויפיל ייִדן רעדן ייִדיש און וויפיל ייִדן רעדן אַנדערע שפּראַכן.

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, אָבער די גאַסן זענען געווען פול און רוישיק און איך האָב געשפּאַצירט מיט די הענט אין די קעשענעס, געגאַנגען פּאַמעלעך, נישט געאײַלט זיך און געפּרובירט נישט דורכצולאָזן די מינדסטע קלייניקייט.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל און איך האָב דערהערט אַ פריידיקן אויסגעשריי: — הערט נאָר אַ מעשה! איך קלייב זיך צו פאָרן צו אייך קיין רעננה, ערשט אַט זענט איר! איר שפּאַצירט גאָר אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס אין תל־אביב.

איך האָב זיך אַ קער געטון און דערזען חיימען פון אפיקים, דער איינקויפער פאַרן קיבוץ ביי וועמען איך האָב פאַרבראַכט אַ סוף וואָך. איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים און געפרעגט:

— צוליב וואָס האָט איר געוואָלט פאָרן קיין רעננה?

— יאָ, איר האָט שוין פאַרגעסן — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער

האנט — איך האָב דאָך מיט אייך אָפּגערעדט אין אפיקים, אַז איך וועל שיקן מיט אייך אַ מתנה צו מיין שוויגער קיין אַמעריקע. האָב איך געקויפט אַ חנוכה מנורה, אַן אַנטיקל, זאָג איך אייך. נו, האָב איך געטראַכט צוצופאָרן קיין רעננה און אייך איבערגעבן די מנורה. ערשט איר זענט דאָ. האָט איר דאָך מיר פאַר־שפּאָרט די טרחה.

— ווו איז די מנורה?

— ביי אונדז אין שוק פון תנובה (אין מאַרק פון קאָאָפּעראַטיוו) — האָט ער געענטפערט — קומט מיט מיר, וועט איר אין איין וועג זען דעם הויפּט מאַרק פון תנובה און די איבעריקע לאַגער־שפּייכלערס. אמת טאַקע נישט אַזוי גרויס ווי ביי אייך אין ניו־יאָרק דער „פולטן סטריט מאַרקעט”, אָבער דאָך קאָן מען אונדזער פאַרמעגן נישט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. דערווייל וועט איר זען די פאָרשטייער פון אַלע קיבוצים פון גליל, עמק הירדן און עמק יזרעאל. נאָכדעם אַז מיר וועלן פאַרטיק ווערן, וועלן מיר אַריין אין אַ מסעדה, אין אַ רעסטאָראַציע, כאַפּן אַ ביס און אַ שמועס טון.

איך בין געגאַנגען מיט אים. חיים איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך. אויף דעם רעכטן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע גומענע קישקע, אַ קישקע מיט וועלכער מען באַוואַסערט אַ גאָרטן. איבערן אַקסל איז ביי אים געווען אַריבערגעוואָרפן אַ פּעקל דראָט צונויפגעדרייט ווי אַ רייף. אין דער־רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פלאַכן פּעקל, קאָנטיק אַ מין סחורה, גע־וואַנט, קאָרט אָדער ציץ. אונטערן פּאַכווע האָט ער שטייף געהאַלטן אַ גרויסע ליאַלקע.

איך האָב ביי אים געפּרובירט צונעמען אַ פּעקל, האָט ער עס נישט אַרויס־געלאָזט פון דער האַנט.

— נישקשה, איך בין שוין צוגעוווינט צו שלעפּן פּעקלעך — האָט ער מיר געענטפערט.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ גאַס, וואָס איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון לאַ־גער־קראָמען. די גרעסטע לאַגער־קראָם איז געווען פון תנובה. מיר זענען אַהין אַריין. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ טעלעפאָן, לעבן טיש איז גע־זעסן אַ יונגערמאַן שוואַרץ ווי קויל. ער האָט זיך באַגריסט מיט חיימען און חיים האָט אַ שפּאַס געטון:

— ער איז דאָ דער איינציקער ייד וואָס רעדט נישט קיין יידיש. און ווען מיר ווילן עפּעס זאָגן וואָס ער זאָל נישט פאַרשטיין, רעדן מיר צווישן זיך יידיש.

דער יונגערמאַן האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ פולן מויל גרויסע, ווייסע ציינער און געזאָגט:

— איך איצט מבין יידיש. לא ווי א גלות יהודי, אָבער מבין טוב.

חיים האָט אים א פּאַטש געטון אין פּלייצע:

— ווע סט נאָך ווערן א לייט און רעדן יידיש ווי אַן אַמעריקאַנער „בוי־טשיקל" (יינגל). האָט דער קיבוץ טעלעפאָנירט? — האָט ער אים געפרעגט אויף העברעאיש.

— לא, ניין, — האָט אים דער תימנער יונגערמאַן געענטפערט.

— אויב אזוי איז אונדז גוט, האָט חיים זיך געווענדט צו מיר, איך האָב א גאַנצן האַלבן טאָג פריי.

ער איז צוגעגאַנגען צו א ווינקל פון לאַגער־קראָם און אויסגעלייגט זיינע פּעקלעך. אויף יעדן פּעקל איז געווען אַנגעבונדן א האַרטער שטיקל קאַרטאָן מיטן נאָמען פון קיבוץ. דער אַנטרייבער פון לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס וועט נאָכמיטיק אָפּפאָרן אין דעם קיבוץ וועט מיטנעמען די פּעקלעך.

די פאָרשטייערס פון די קיבוצים האָבן אָנגעהויבן אָנקומען, יעדער איינער איבערגעלאָדן מיט פּעקלעך. דער יונגערמאַן ביים טיר האָט יעדן איינעם אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען און צו א סך פון זיי איבערגעגעבן אָנווייזונגען פון זייערע קיבוצים.

ס'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן א היפּשע צאָל מענטשן. חיים האָט פונאַנדערגענומען א קליין פּעקעלע און געוויזן דעם עולם דעם מנורה־לאָמפּ, וואָס ער שיקט צו זיין שוויגער קיין אַמעריקע מיט אָט דעם אַמעריקאַנער.

ס'איז געווען גאָר א פיינער מנורה־לאָמפּ. איך האָב א פרעג געטון חיימען:

— זאָגט נאָר מיר, ווי איך זע איז דער לאָמפּ ווערט אַרום זעקס פונט. א היפּשע מטבע פאַר א מתנה. נו, ר' חיים, ווו נעמט א קיבוצניק אַזויפיל געלט פאַר א מתנה?

חיים האָט א קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— ס'איז א מעשה אַן אַן עק מיט אייך. וויפיל איך האָב מיט אייך גערעדט אין אפיקים קאָנט איר נישט באַנעמען, אַז דער קיבוץ איז נישט קיין באַלעבאָס, וואָס האַלט אַרבעטער, און מעשה באַלעבאָס וויל ער אַרויסקוועטשן פון זיי וויפיל ער קאָן נאָר.

דער קיבוץ איז א משפּחה. א משפּחה פאַרזאָרגט אירע מיטגלידער. מיין פרוי און איך זענען געווען אין אַמעריקע א פולן יאָר. מיין שוויגער און שוואָגערס האָבן אונדז אויסגעהאַלטן מיט כל טוב. איצט האָבן מיר א געלעגנהייט צו שיקן זיי א מתנה. נו, זענען מיר געקומען צום קיבוץ, צו דעם קאָמיטעט וואָס האָט צו טון מיט די ענינים, און אים דערקלערט דעם ענין. האָבן מיר גע־

קראַגן גענוג געלט אויף אַ שיינער מתנה. דער קיבוץ איז מחויב צו געבן אויף אַזעלכע זאַכן, אַט ווי דער קיבוץ איז מחויב אויסצוהאַלטן געסט ווען זיי קו־מען צו אַ קיבוצניק.

איך האָב געהאַט נאָך עטלעכע פּראַגעס. למשל, איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן, אויב ניט אַזאַ וויכטיקער מיטגליד ווי חיים וואָלט אויך געקראָגן אַ זעקס פונט אויף אַ מתנה. אָבער איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן ווייל חברה איז געווען פאַרטיפט צו באַקוקן די שיינע מנורה, און איך האָב נישט געוואָלט שטערן. אַ קיבוצניק מיט אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר און אַ פּאָר גרויסע, בלויע אויגן האָט באַמערקט:

— אָרעמער חנוכה לאָמפּ, קיין ברכה וועט ער שוין נישט הערן.

חיים האָט שאַרף געענטפערט:

— קוק אים נאָר אָן! אַ נייער צדיק, ער מוז דווקא האָבן אַ ברכה צו די חנוכה ליכטלעך.

חברה האָט זיך צעלאַכט און אָנגעהויבן אונטערצואייַלן חיימען:

— נו, גענוג באַלעמוטשעט, לאָמיר גיין עסן.

חיים האָט אָנגעהויבן צו פאַרפּאַקן די חנוכה מנורה און געווענדט זיך צו מיר:

— איר זענט מיין גאַסט און איר גייט מיט אונדז עסן. דער קיבוץ צאָלט.

מיר זענען אַרויס אין דעם ליכטיקן דרויסן. איך בין געבליבן שטיין אויף די טרעפּ פון לאַגער־קראָם און נאָכגעקוקט זייער גאַנג. רואיקע, שווערע, געמאָסטענע טריט. קיין זכר פון דער שטאָטישער נערוועזער רירעוודיקייט. איך בין זיי נאָכגעגאַנגען און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מקח פון וויינטרויבן, טאָמאַטן, גרינע פעפערלעך און קוקורוזע. נאָכדעם האָבן זיי געשמועסט וועגן וואַסער, וועגן אַקערן, לאַסט אויטאָמאָבילן, בהמות און הינער־שטייגן.

מיר זענען פאַרביי עטלעכע פיינע קאַפעען. איך האָב געחלשט אַריינצוגיין אין אַ קילער גערוימער קאַפע, אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ רעסטאָראַציע, וואָס האָט פאַרנומען אַ לאַנגע און שמאָלע קראָם. די גרויסע וויטרינע איז נישט געווען פאַרשטעלט מיט קיין לייוונטענעם דעכל, דער אינעווייניק האָט אויסגעזען  היים און פאַרשטיקט. ס'איז געווען אַ מסעדה־רעסטאָראַציע, פון סוג אלף, פון די ביליקסטע רעסטאָראַציעס.

דער באַלעבאָס האָט צוזאַמענגערוקט דריי טישלעך און מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם לאַנג־געמאַכטן טיש. זיי האָבן גוט דורכגעקוקט דאָס צעטל פון עסן, זיך דורכגערעדט וועגן יעדן מאכל און דערנאָך באַשטעלט דעם

מאָלצייט. איך האָב באַשטעלט אַ סאַנדוויטש און געפּרווירענע קאַווע. אַ קי־בוצניק האָט זיך אַ ווײַל געטון:

— איר ווילט שפּאָרן אַפּיקים אַ פּאָר פּיאַסטער?

איך האָב זיי דערקלערט אַז אין אַמעריקע עסט מען דעם הויפּט מאָל־צייט אין אָוונט און בכלל ווי אַזוי קאָן מען עסן אַ שווערן מאָלצייט אין אַזאַ היץ? זיי האָבן זיך צעלאַכט:

— נישקשה, דערלאַנגט נאָר, ס׳וועט אונדז נישט פאַרשאַטן. וואָס מיינט איר זענען מיר „ווייסע העגטלעך?״

מען האָט געגעסן שווייגנדיק. אָפּגעגעסן איז דער באַלעבאָס צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך וועגן פּודינג?

— מיר זענען זאַט האָט חברה געענטפערט.

— אָבער ס׳איז היינט אַ טייל פון מאָלצייט, האָט דער באַלעבאָס גע־זאָגט.

— נו, אַז עס קומט אונדז איז דערלאַנגט, האָט חברה געענטפערט, מירן עס נישט איבערלאָזן.

ווען מען האָט געענדיקט דעם מאָלצייט, האָט דער באַלעבאָס דער־לאַנגט דאָס רעכענונג. יעדער איינער האָט פאַרזיכטיק איבערגעקוקט די ציפערן אויף זיין צעטל און פאַרגלייכט די מקחים פון דער רעכענונג מיט די רעגירונגס־פּרייזן, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ פּלאַקאַט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. נאָכדעם ווי יעדער איינער האָט פאַר זיך צוזאַמענגערעכנט זיין חשבון, און אויסגעפונען אַז ס׳איז נישט געווען קיין טעות, האָבן זיי באַצאָלט.

דער באַלעבאָס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויסגערופן מיט פאַרדרוס:

— נו, זאָל זיין אַז איר גלויבט מיר נישט. איך בין דאָך אַ קאַפּיטאַליסט, אַן עקספּלואַטאַטאָר. אָבער גיט צו, אַז איך האָב אַביסל שכל. איך ווייס דאָך אַז מיט קיבוצניקעס הייבט מען זיך נישט אָן. איר היט דאָך די גאַנצע וועלט. איר האָט דאָך, ווי אַלע ווייסן, מצפּון (געוויסן).

איינער פון די קיבוצניקעס האָט אַ בורטשע געטון צו זיך:

— עמעצער דאַרף דאָך היטן. ס׳וועט קיינעם נישט שאַטן צו וויסן, אַז די וועלט איז נישט הפקר.

איך האָב זיך צעזעגנט מיט דער חברה און חיים און איך זענען אַוועק שפּאַצירן. מיר האָבן באַזוכט לאַנדסלייט און באַקאַנטע. שפּעט נאָך מיטיק בין איך מיט אים אַריין אין אַ קאַפע און מיר זענען געזעסן איבער אַ גלעזל טיי און מיר האָבן פאַרבראַכט.

פאַרן געזעגענען זיך האָט ער מיך געפרעגט:

— נו, ווי געפעלן אייך אונדזערע קיבוצניקעס?

— איך האָב אים געענטפערט:

— איר ווייסט, חיים, עס ווערט דערציילט אין אונדזער געשיכטע, אַז אין דער צייט פון קאַליגולאַ, אַ קורצע צייט פאַרן צווייטן חורבן, האָט דער משוגע־נער צעזאַר באַפוילן זיין פּראָקוראַטאָר אין ארץ ישראל, אַז ער זאָל אַריינשטעלן זיין סטאַטוע, דעם קייסערס מירמלשטיינערנע געשטאַלט, אין בית המקדש. קאַליגולאַ האָט זיך דאָך געהאַלטן פאַר אַ גאָט. האָבן זיך אַ לאָז געטון פּויערים פון גליל און פון אַלע עקן פון ארץ ישראל צום פּראָקוראַטאָר אין עכו. טויזנטער און טויזנטער פּויערים האָבן פאַרלאָזן זייערע פעלדער אין מיטן שניט־צייט און באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ פון רוימישן פאַרשטייער און זיי האָבן אויסגעשריגן:

— טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט. טויט אונדז אַלעמען, אָבער פאַרשוועך נישט דעם בית המקדש!

— זע איך, אפשר גאַרנישט אין דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט קומען צו אַ וויכטיקער אַנטשיידונג, וועט איר זיך באַווייזן, איר די יידישע פּויערים פון גליל, פון עמק הירדן און פון עמק יזרעאל. איר וועט אָנקומען מיט אייער זיכערן טראָט און אַנטשלאָסענער רואיקייט און איר וועט נישט צולאָזן צו קיין אומרעכט. ווי אונדזערע אור־עלטערן, וועט איר אויך אַוועקלייגן אייער שטעמפּל אויף דער וועלט־געשיכטע. איך זע איצט אין די קיבוצים די ערשטע אָנדייטן און סימנים: איר האָט אויף זיך גענומען כמעט אַן אַסקעטיש לעבן, אַמווייניקסטן אָן מותרות. אייך איז געלונגען ווי אַ משפּחה מענטשן, באַפרייען זיך אַ היפּש ביסל פון דער טאָג־טעגלעכער רוטין פון צו פאַרזאָרגן בלויז די אייגענע משפּחה. איר האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון אייער אייגענעם לעבן די אומה. ווען די אומה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מלוכה, ווילט איר אַ מלוכה, וואָס זאָל קאָנ־קרעטיזירן אייער תורה. ועל כולם האָט איר אָנגענומען דעם יושר פון די נביאים. אמת דער יושר איז געצילט דערווייל אויף אייגענע... אָבער דאָך שליסט איר אויס עקספּלואַטאַציע פון אייער עקאָנאָמישן לעבן. איך מיין, אַז דאָס אַלץ וואָס איר האָט געטון, איז אַ פועל־יוצא פון אַ גרויסער סאָציאַלער רעפאָרם־באַוועגונג. איר זענט געקומען קיין ארץ ישראל נישט בלויז צו געפינען פערזענ־לעכן גליק און זיכערקייט; איך מיין אַז איר האָט געוואָלט אפילו מער ווי גרינדן אַן אייגענע יידישע מלוכה. איר זענט געקומען צו רעאַליזירן גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד, ברענגען די גאולה שלימה פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אייערע פאָטערס און זיידעס האָבן עס געחלומט אין דער צייט פון שיבת ציון. יאָ, — האָב איך אים נישט געלאָזט איבערשלאָגן די רייד, — איך ווייס, איר לייקנט עס. איר האַלט זיך פאַר וועלטלעכע, פאַר כשרע מאַרקסיסטן. אָבער איך זאָג

אייך: איר נאַרט זיך. ביי אייך איז ליבא לפומא לא גלי — דאָס האַרץ אַנט-פּלעקט עס צומאָל נישט אפילו צום מויל. ס׳איז אַ סוד, וואָס איר האַלט פאַר זיך. אָבער אייערע מעשים פאַראַטן אייך.

ער האָט מיך אַ ווײַלע שאַרף אָנגעקוקט, אַ לאַך געטון און מיר געענטפערט:

— ווען איך דערצייל אין קיבוץ, וואָס איר האָט מיר דאָ געזאָגט, וואָלט מען אייך אויסגעלאַכט ווי אַ ראָמאַנטישן גלות־יידן. אָבער אין האַרצן זענען מיר מסכים מיט אייך. אַנישט צו וואָס האָט זיך געלוינט דער גאַנצער עסק? וואַנ-דערן איבער דער וועלט צוויי טויזנט יאָר און דערנאָך קומען אַהער און דורכגיין אַלע עינויי גהינום כדי צו ווערן פּויערים? אָבער פאַר וועלט־גאולה האָט זיך אַלץ געלוינט. נאָר ווי זאָגט איר? דאָס האַרץ אַנטפּלעקט עס צומאָל נישט אפילו צום מויל. איר, ווי אַ גאַסט, האָט עס באַלד באַמערקט.

חיים, און דיינע חברים פּויערים פון גליל און עמק, הלוואי זאָלן מיר נישט אַנטוישט ווערן פון אייערע מעשים!

## קאַפּיטל ניינצן

# אַ טרער

פאַר דעם מענטשן, וואָס האָט נישט געלעבט אין ארץ ישראל, אין דער צייט פון דער מלחמה קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דער גאַנצער קאַמף צווישן די יידן און די זיבן אַראַבישע פעלקער, איז געווען נישט מער ווי אַ געפעכט צווישן קליינע אַרמייען אויף זייער אַ באַגרענעצטן שטח לאַנד. אָבער ווען מען באַזוכט מדינת ישראל אַפילו אויף אַ קורצער צייט, באַנעמט מען באַלד, אַז דאָס איז געווען אַ טאָטאַלע מלחמה אין וועלכער ס'זענען געווען פאַרוויקלט די לעבנס פון קרוב דריי פערטל מיליאָן יידן. ווען די אַראַבער וואָלטן חלילה געזיגט, וואָלט דער גורל פון די יידן אין מדינת ישראל געווען דער זעלביקער ווי דער גורל פון די יידן אין אייראָפּע, אונטער היטלערס הערשאַפט.

דער נצחון פון די יידן איבער די אַראַבער איז געווען אַזוי גרויס און די זעלבסטשטענדיקייט איז געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז די יידן איז שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק פון אַן אייגענער זעלבסטשטענדיקער מלוכה אָן אַן אַראַבישער מערהייט. זיי גלויבט זיך עס נישט. איך האָב עס געהערט זייער אָפט אין ישוב:

— אַט ערשט זענען געווען דאָ די ענגלענדער די גאַנצע באַלעבאַטים און די וועגן זענען נישט געווען זיכער צוליב די ימח־שמוניקעס די אַראַבער, און אין געציילטע חדשים זענען מיר געוואָרן די באַלעבאַטים איבער אונדזער אייגענעם גורל.

יידן פּעלט נאָך דערפאַרונג אין הלכות מדינה. איך האָב בייגעוווינט אַ סך קאָמישע אינצידענטן אין מדינת ישראל. די פּקידים, באַאַמטע, וואָס זענען נישט

געווען קיין פּקידים אונטער ענגלאַנדס הערשאַפט, באַנעמען נאָך נישט, אַז זיי זענען טאַקע רעגירונגס־באַאַמטע און האָבן אויטאָריטעט.

עס פעלט דער רעגירונג דערפאַרונג און גענויטקייט. דער מיליטערישער פּאַראַד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אויגוסט האָט געזאָלט פאָרקומען אין אָנהייב מאַי, אָבער מען האָט אָפּגעלייגט דעם פּאַראַד נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. ס'איז נישט געלונגען דער פּאָליציי, דער מיליטערישער און ציווילער, צו מאַכן אַ וועג צווישן די צוקוקער, פאַר די סאָלדאַטן צו פּאַראַדירן מיט זייער געווער.

יידן זענען שטאָלץ מיט דער געוווּנענער זעלבסטשטענדיקייט און גרויסן זיך מיט דער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט אין דער מלחמה. אויף שריט און טריט וועט איר אָבער הערן ווי דער ייד וועט פאַרענדיקן מיט אַ זיפץ זיין געשפּרעך:

— הלוואי דאַרף מען נישט אַזאַ העלדישקייט.

ביי די מענטשן איז דאָ אַ געמיש פון דער אַלטער יידישער איינגעוואָרצלטער אַנטיפּאַטיע צו יונים, רעגירונגס־באַאַמטע, און בכלל צו הערשער, און שטאָלץ מיט דער אייגענער מדינה און דרך־ארץ פאַר אָפיציעלע מענטשן.

אינטערעסאַנט איז וואָס דער מיליטערישער פּאַראַד וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויגוסט איז אָפיציעל נישט געמאַכט געוואָרן גלאַט לשם באַווייזן די שטאַרקייט און צוגעגרייטקייט פון דער אַרמיי. די רעגירונג האָט עס פאַרבונדן מיט הערצלס און ביאַליקס יאָרצייטן און דאָס ברענגען פון הערצלס ביינער פון גלות אין דעם טאָג פון זעלבסטשטענדיקייט. דער מיליטערישער פּאַראַד האָט אָבער סוף־כל־סוף אַלץ פאַרשלונגען. די רעדנער האָבן אין יענעם טאָג גערעדט בלויז וועגן דער אַרמיי און ביאַליקס יאָרצייט איז אָפּגעלייגט געוואָרן. דער צערעמאָניאַל אַרום הערצלס אָרון איז אויך פאָרגעקומען אַביסל שפּעטער אין חודש. אין דער פּרעסע פון מדינת ישראל זענען געווען שאַרפע אַרטיקלען וועגן דעם מיש־מאַש. מיר האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז נישט געטון געוואָרן פון צעטומלעניש, נאָר פשוט יידן האָבן ביי זיך לכתחילה נישט געקאָנט פועל'ן צו אָרגאַניזירן אַ מיליטערישן פּאַראַד גלאַט לשם פּאַראַד, אָדער צו ווייזן די גרויסקייט און גבורה פון דער אַרמיי. זיי האָבן אָבער פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאַראַד, און עס איז זיי געפעלן געוואָרן.

אַ גוטן ביישפּיל פון יידישער צוריקגעהאַלטנקייט בנוגע פּאַטריאָטיזם האָב איך געזען, ווען איך האָב בייגעוווינט אַ פּאַטריאָטישע פייערונג אין רעננה. די קאָלאָניע האָט געמאַכט אַ פּלאַן אויפצושטעלן אַ דענקמאָל. אָבער מען האָט נישט גערופן דעם עולם גלאַט צו אַ פּאַטריאָטישער פייערונג און ביי דער געלעגנהייט שאַפן די נויטיקע סומע, נאָר מען האָט פאַרבונדן די אַסיפה פאַרן דענקמאָל מיט דער קבורה פון הערצלס ביינער.

ווען מען האָט געבראַכט הערצלס ביינער קיין מדינת ישראל, האָט די רע־גירונג אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע קאָלאָניעס, מושבים, קיבוצים און שטעטלעך פון לאַנד, אַז יעדער ישוב זאָל שיקן קיין ירושלים אַ דעלעגאַציע מיט אַ זעקעלע ערד. מיט דער ערד, גענומען פון אַלע ישובים אין לאַנד, וועט מען צודעקן דעם אָרון פון דעם טרוימער פון גאולה.

די קאָלאָניע רעננה האָט גערופן אַן אַסיפה פון אַלע אירע איינוווינער: „אין יענעם אָוונט וועט אויך זיין אַ הזכרה נאָך די געפאַלענע סאָלדאַטן און מען וועט קלייבן באַשטייערונגען פאַרן דענקמאָל, אויך וועט מען דורכפירן אַ צערעמאָניע פון אָנפילן דאָס זעקעלע מיט ערד. דערצו וועט מען אויך באַשטימען די דעלע־גאַציע צו הערצלס קבורה, וואָס וועט פאָרקומען אין ירושלים".

עס איז געקומען אַ היפּשער עולם צום אָוונט, אָבער נישט קיין צו גרויסער. ס'איז געווען זייער אַ מאָדנע פּאַטריאָטישע פייערונג. קיינער האָט זיך נישט גע־נומען די מי צוצוגרייטן אַ פּראָגראַם. עס קאָן גרייַלעך זיין, אַז קיינער האָט ניט געוווּסט וואָס פאַר אַ פּראָגראַם צוצוגרייטן. עס זענען דאָרט געווען אונדזערע יידן וואָס זענען געקומען פון מזרח אייראָפּע, און ס'איז אַפּנים זיי נישט איינ־געפאַלן צו באַשטעלן אַ קאַפּעליע צו שפּילן פּאַטריאָטישע לידער, אָדער אַ קינ־דער־כאָר, אָדער אַ צעטל רעדנער, מיט פּאַטריאָטישע רעדעס. קיין פאָרשטייער פון קיין פּאַרטייען זענען דאָרט נישט געווען, קיין הויכע רעגירונגס־באַאַמטע האָט מען אויך נישט געזען. דער סעקרעטאַר פון בית־ספר — פאָלקס־שול — האָט זיך אויפגעשטעלט און מאָנאָטאָן אָנאָנסירט: — „אונדזער חשובער רב וועט רעדן מענינא דיומא".

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן אַ דרשה, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַ מאָדערנער רעדע, אַביסל פּילפּול און מגידישקייט. איין געדאַנק איז מיר געבליבן אין זכרון. ער האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ מדרש, אַז די יידן אין צייט פון שיבת־ציון זענען געווען זינדיק און דערפאַר האָבן זיי נישט זוכה געווען צו באַזיצן דאָס לאַנד מיט דער שווערד. זיי זענען נישט געווען ראוי מלחמה צו האַלטן און גאָט האָט זיי דערפאַר צוגעשיקט אַ מלך חסד, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס לאַנד אָן בלוט־פאַרגיסונג. אָבער אונדזער דור, ווי דער דור פון יהושוע בן נון, שטייט אויף אַ העכער מדרגה און האָט זוכה געווען צו באַזיצן דאָס לאַנד מיט דער שווערד.

עמיצער האָט מיר אַריינגעשושקעט אין אויער: — „אפילו אויב ס'איז דאָ אַזאַ צאַצקעדיקער מדרש האָט ער עס נישט געדאַרפט ברענגען. שפיכות דמים איז שפיכות דמים".

נאָך דער דרשה האָט זיך אויפגעשטעלט דער מנהל פון דעם בית הספר אין

דערקלערט, אַז דאָס זעקעלע ערד וועט מען נעמען פון דער ערד אַרום דעם מוטער בוים, דער ערשטער בוים, וואָס איז געפלאַנצט געוואָרן אין רעננה.

דער עולם האָט זיך אויסגעשטעלט אַרום דעם דיקן און פאַרצווייגטן בוים, און דער רב האָט אָנגענומען אַביסל ערד מיט אַ לעפל און עס אַריינגעשאָטן אין זעקעלע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון ווייס און בלויען טוך. נאָכדעם האָט ער אויסגערופן נעמען פון די עלטסטע איינוווינער פון רעננה. נאָך זיי האָט מען אויסגערופן די נעמען פון די טאַטעס און מאַמעס פון די געפאַלענע זעלנער. מען האָט יעדן איינעם געבעטן נישט אָנצונעמען קיין צופיל ערד אין לעפל, ווייל אבלים זענען דאָ אַ סך און דאָס זעקעלע איז קליין. (אין רעננה זענען געפאַלן פופציק נפשות).

ווען מען האָט געענדיקט מיט דער ערד צערעמאָניע האָט זיך דער עולם געשטעלט אין אַ ריי און יעדער איינער האָט זיך פאַרשריבן פאַר זיין באַשטייער פאַרן מאָנומענט. דער ביישטייערער האָט געקראָגן אַ געדרוקטע קבלה, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: — „און דאָס זאָל זיין אַן עדות, אַ באַשטעטיקונג, אַז דער און דער האָט ביי‌געשטייערט די סומע, ווי אַ ציגל אויפצושטעלן אַן אָנדענק-מאָ־נומענט צו די פופציק נפשות פון רעננה, וואָס זענען געפאַלן אין דער באַפריי־אונגס מלחמה". געחתמעט: „פאַרזיכערונג־ראַט און שטאָט פאַרוואַלטונג פון רעננה".

אַז מען האָט געענדיקט האָט מען זיך אויפגעשטעלט און געזונגען די התקוה. אין דעם געוויינלעכן געזאַנג פון עולם האָבן זיך באַלד אַרויסגעשיילט שטימען איינגעזאַפּט מיט טרערן און ציטער. איך האָב אַ וואָרף געטון מיט די אויגן, פון וואַנען די שטימען האָבן זיך געהערט און איך האָב געזען אַ גרופּע פרויען שטייט אָפּגעזונדערט: די מאַמעס פון די געפאַלענע סאָלדאַטן האָבן געזונגען. דער סקאַר־באָוועער ניגון האָט געקלונגען ווי איך וואָלט עס געהערט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. ווען די לעצטע צוויי שורות זענען איבערגעחזרט געוואָרן:

להיות עם חפשי בארצנו
בארץ ציון וירושלים.

שעם איך זיך נישט צו דערציילן, אַז טרערן האָבן מיך אָנגעהויבן שטיקן. איך האָב זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט. ווען איך האָב נאָך דעם זינגען פאַרגנבע־טערהייט אַ קוק געטון אויף די מאַמעס, האָב איך געזען אַז זייערע אויגן זענען געווען טרוקן, נאָר זייערע ליפּן האָבן געציטערט.

מען איז זיך צעגאַנגען שנעל און שטיל. איך בין געקומען צו מיין ברור־דער, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע און געזעסן ביז טיף אין דער נאַכט און געטראַכט. ניין, די פּאַטריאָטישע פייערונג האָט נישט אָפּגעשפּיגלט דעם

הייסן צובונד פון די יידן צום לאַנד פון די אָבות. עפּעס אַן אָנדייט האָב איך געהערט אין געזאַנג פון די מאַמעס, אָבער וואָס טראַכטן באמת די עלטערן פון די געפאַלענע סאָלדאַטן? איך האָב צופעליק עס אויסגעפונען.

א פּאָר טעג איידער איך בין אָפּגעפאָרן פון מדינת ישראל איז אָריינ־געקומען צו מיר אַ בחור פון אַ יאָר פופצן מיט אַ צעטעלע אויף העברעאיש פון זיין מאַמען, וואָס וווינט נישט ווייט פון רמת גן. אין צעטעלע שרייבט זי מיר, אַז זי וויל איך זאָל זי קומען זען צוליב אַמאָליקע יאָרן. זי וויל איך זאָל אַ קוק טון אויף איר זון. זי קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן אַז שלוימקע (אַזוי האָט מען מיך גערופן אין מיין געבוירן שטעטל) זאָל זיין אין מדינת ישראל און נישט זען איר זון.

דער אונטערגעחתמעטער נאָמען איז מיר נישט געווען באַקאַנט און דאָס לשון פון צעטעלע „אַ קוק טון אויף איר זון", „זיך נישט זען מיט איר זון" איז מיר געווען קשה. איך בין אַרויס צו די הינער־שטייגן, וווּ מיין ברודער האָט געאַרבעט, און אים געוויזן דאָס צעטעלע. ער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס צעטעלע איז פון חנה דער גלער, אונדזערע אַ שכנה פון אַמאָליקן שטעטל. איך האָב זיך באַלד דערמאָנט ווער זי איז. זי איז געווען אַ יאָר צוויי עלטער פון מיר און איז געווען אַ הייסע, איבערגעגעבענע ציוניסטקע. דער טאַ־טע אירער איז געווען אַ גאַרבער. יאָ, האָט מיין ברודער געזאָגט, דאָס איז זי. ס'וואָלט געווען אַ גרויסע מצוה איך זאָל זיך דורכפאָרן צו איר זי זען. איר זון איז דערהרגעט געוואָרן. געווען זייער אַ געראָטענער בחור, אַ יאָר אַכצן. געווען אין פּאַלמאַך (פּלמ"ח) און ער איז אַריינגעפאַלן צו די אַראַבער אין די הענט און מען האָט אים דערנאָך געפונען אַ צעפערטלטן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דעם קערפּער דער מאַמען נישט געוויזן, אָבער זי ווייסט דערפון. איך דאַרף זיין זייער פּאָרזיכטיק ווען איך רעד צו איר; זינט דאָס יינגל איז גע־הרגעט געוואָרן איז זי נאָך אַלץ אַביסל צעמישט. דאָס צעטעלע האָט געבראַכט איר יינגערער יינגל הערשל צבי.

איך בין אַוועק מיטן בחורל. איך האָב זי געטראָפן אין אַ שטיבל פון דריי צימערן, אַ טיפּיש מושבניק שטיבל. זי איז געזעסן אויף דער וועראַנדע מיט צוויי שכנות. איך האָב זי באַלד דערקענט. די געלע האָר זענען נישט אינגאַנצן גרוי געוואָרן.

זי האָט מיר געגעבן די האַנט, אַ קער געטון זיך צו די שכנות און אין אַ רואיקן טאָן געזאָגט צו זיי: — „דאָס איז שלוימקע, ער איז געקומען אַזש פון אַמעריקע אַ קוק צו טון אויף מיין נתנען". דערנאָך האָט זי געזאָגט צו מיר: „ווילסט אים איצט זען, אָדער נאָכדעם ווי דו וועסט אָפּעסן?"

איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע: — עסן וויל איך נישט. איך בין נייגעריק צו באַגעגענען דיין נתנען. ווו איז ער?

— „קום, האָט זי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו מיר, ער האָט אַ גאַנצן צימער פאַר זיך. די חברים האָבן אים געשיקט בלומען פון גליל און ווייץ־זאַנגען פון עמק הירדן, האָב איך עס פאַר אים אַוועקגעשטעלט".

מיר איז געוואָרן אומהיימלעך און קאַלט פון אירע רייד און איך בין איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ. מיר זענען אַריין אין צימער. אויף אַ טישל איז געשטאַנען אַ גרויס בילד אַריינגערעמלט אין אַ פיין געשניצטער ראַם. איך האָב געקוקט אויפן בילד: נאָך גאָר אַ קינד, אויפן טישל לעבן בילד איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט פאַרטריקנטע בלומען, לעבן דער וואַזע איז געלעגן אַ בינטל ווייץ־זאַנגען.

זי האָט מיר אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ ביכער שראַנק: „דאָס זענען זיינע ביכער און זיינע זאַכן הענגען אין דער שאַפע". זי האָט אַ לאַך געטון שטיל: — „ער האָט ליב געהאַט צו פוצן זיך ווי אַ מיידל, ער איז געווען געראָטן אין מיין ברודער אַהרן דוד. איך היט אָפּ זיינע קליידער, זיינע ביכער און זיינע שיך. ווייסט, שלמה, איך האָב ליב אָפט צו זיצן דאָ און קוקן אויף אים. ער איז אַלעמאָל געווען אַ שוויגער, אַז איך זיץ דאָ און קוק אויף אים, איז ער דאָך דאָ. פון זיינע קליידער שמעקט מיט אים".

איך האָב פון איר נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן. זי האָט גערעדט מיט אַזאַ רואיקייט און געלאַסנקייט, אַז עס איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַן אומהיימלעכקייט און אַ ציטערדיקע שרעק. איך האָב מורא געהאַט אַז עפּעס אין איר זאָל פּלוצים נישט פּלאַצן. איך האָב געטראַכט: מען מוז זי אַרויסנעמען פון צימער. האָב איך צו איר געזאָגט: — איך בין געוואָרן דורשטיק. קום, חנה, גיב מיר אַ קאַלטן טרונק. וועסט מיר דערציילן וועגן אים זיצנדיק ביים טיש.

זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון צימער און זי האָט געזאָגט צו מיר:

— „ס'וועט דיר נישט העלפן, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן ביז דו וועסט עסן. אַ שיינע מעשה, קומען אַהער אַזש פון אַמעריקע און אַוועק אַ הונגעריקער".

איך האָט געקייט געדולדיק מיינע ביסנס און זי האָט גערעדט: — „ער איז געקומען צו מיר און האָט געזאָגט: — „מאַמע, איך בין אַריין אין פּלמ"ח". האָב איך געזאָגט: דו ביסט דאָך קיין זיבעצן יאָר נאָך נישט אַלט. דאַרפסט זיך נאָך לערנען. ענטפערט ער מיר: — „אַוודאי דאַרף איך זיך לערנען, אָבער אַז די אַראַבער וועלן געווינען וועט נישט זיין, ווו זיך צו לערנען און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיך לערנען. מיר וועלן אַריינגעטריבן ווערן אין ים אַריין". פאַרשטייסט, שלמה, ער האָט געהאַט אַן אַלטן קאָפּ אויף זיך. זאָג

איך צו אים: — אָבער דו ביסט פאַרט צו יונג. טויגסט נישט פאַרן פּלמ"ח. ענטפערט ער מיר: — „דאָקטוירים האָבן מיך באַקוקט. זיי זאָגן אַז איך טויג. זיי ווייסן בעסער". נו, זאָג איך צו אים: — „ווי אַזוי אַן אומגליק וועט געשען מיט דיר? ענטפערט ער מיר ווי אַן אַלטער, זאָג איך דיר, האָט ער גערעדט, וועסט ליידן. מיר איז אויך נישט גוט צו שטאַרבן יונג". מיר האָבן אָפּגערעדט און געבליבן זיצן שווייגנדיקע. וואָס האָב איך אים געקאָנט זאָגן? ער מוז פאָלגן טאַטע מאַמע? איך האָב דאָך אויך נישט געפאָלגט טאַטע מאַמע. איך בין גע־קומען אַהער, אַנטלאָפן פון אַ פאַרמעגלעכער היים, אַט אין דער וויסטעניש און געהאַקט שטיינער, געליטן פון קדחות, און געגעסן מכות. האָב איך זיך נישט פאַרשריבן אין השומר און געווען אויף גאַנצע נעכט מיט פאַרווונדעטע חברים און אַליין אויך געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט? איז ווי האָב איך אים געקאָנט דעות זאָגן? און ער איז דאָך מיינער אַ זון, ער וועט נישט פאָלגן. אַן עקשן ווי איך.

אין אָוונט, פאַרן אָפּפאָרן, זאָג איך צו אים, שוין נישט ווי אַן אַלטע ציוניסטקע, נאָר ווי אַ צעקראַכענע מאַמע: אויף וועמען לאָזטו מיך איבער? ענט־פערט ער מיר שאַרף: — „וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד?" איך זאָג דיר, ער האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַן אַלטן אויף זיינע פּלייצעס. — „האָסט דעם טאַטן און צבי בלייבט". צבי איז מיין יינגערער, אַ נאָמען נאָך מיין טאַטן הערשל. זאָג איך ווייטער: — אַזוי יונג דאַרפסטו זיך נישט מקריב זיין. — ענטפערט ער:

— „טאַקע, איך בין יונג און ס'איז נישט גוט, אָבער וואָס ווילסטו, עמע־צער אַנדערש זאָל פאַרגיסן בלוט, כדי עס זאָל זיין אַ מולדת (מוטערלאַנד) פאַר מיר? צבי בלייבט. ער וועט שוין אפשר זיך נישט דאַרפן שלאָגן. און דו וויין נישט, מאַמע, עס וועט נישט העלפן. אַ לאַנד פאָדערט אַלעמאָל בלוט, טרערן און שוויים. איך זאָג דיר, ער האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַן אַלטן אויף די פּלייצעס. זאָגט ער צו מיר: יוגנט גיט דאָס בלוט, דער טאַטע דעם שוויים און די מאַמע די טרערן. אָן טרערן קאָן מען אָבער אויסקומען. — ערשט שפּע־טער, זאָג איך דיר, האָב איך זיך געכאַפּט, וויי צו מיינע יאָרן! מיר ביידע האָבן דאָך גערעדט ווי מיר וואָלטן געווען זיכער אַז ער וועט נישט צוריק־קומען. איך האָב זיך געשלאָגן מיט די קולאַקעס אין קאָפּ: ווי רעדט עס אַ מאַמע צו איר קינד אַזעלכע רייד, איידער ער גייט אַוועק אין מלחמה? איך האָב דאָך אַנדערש געדאַרפט רעדן. אַנדערש. אָבער ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַנ־דערש רעדן, ווען איך האָב געוווּסט און ער האָט אויך געוווּסט אַז ער וועט פאַלן אין איינע פון די שלאַכטן? ווי אַזוי האָבן מיר עס געוווּסט? זעסט דאָך מיר האָבן געוווּסט. אָבער אַז מען וועט אים צעפּערטלען, דאָס האָב איך נישט

געוואוסט. זיי האָבן מיר נישט געוויזן זיין קערפּער, האָב איך עס באַלד פאַר־שטאַנען. אָבער איך האָב נישט געוויינט. ער האָט דאָך מיר געזאָגט:

— „מאַמע, וויין נישט, עס וועט דיר נישט העלפן. אַן טרערן קאָן מען אויסקומען".

אָבער עס איז מיר נישט גוט. איך ווייס טאַקע, אַז ערד מאַנט בלוט, אַלעמאָל אַזוי געווען, אָבער, אַז דאָס בלוט וואָס די ערד זאַפּט איין איז דאָס בלוט פון דער קרוין פון דיין קאָפּ איז דיר נישט גוט. האָסט דאָך אַ זון ווייסטו. אָבער וויינען נישט. אַן טרערן קאָן מען אויסקומען, האָט ער גע־זאָגט, און ער איז געווען גערעכט. עס וועט נישט העלפן קיין טרערן ווייל מיר זענען געקומען ירשענען אַ לאַנד. און איידער ערד זאַפּט נישט איין דיין בלוט איז די ערד נישט דיינע!

אין אָוונט בין איך געזעסן און גערעדט מיט מיין ברודער:

— ווען זי וואָלט געוויינט, געוואָרן היסטעריש, האָב איך געזאָגט, וואָלט מיר געווען אַ סך גרינגער אויסצוזיצן און אויסצוהערן איר שטראָם רייד. אָבער אירע טרוקענע אויגן און שטילע רייד אירע, איר רואיקייט, האָבן מיך דערשי־טערט. פאַרוואָס וויינט זי נישט?

— דער ישוב וויינט נישט, האָט געענטפערט מיין ברודער, מען טראָגט דעם יאָך שווייגנדיק. מען האָט דאָך עס פרייוויליק גענומען אויף זיך. די זין זענען נישט געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, ווייל די גוים האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך, נאָר ווייל מיר האָבן געוואָלט ירשענען אַ לאַנד. ערד פאָדערט בלוט. וויסן מיר עס און מיר וויינען נישט. אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין. דער אומגליק איז גרויס אין אַ סך הייזער, אָבער ס'איז אַלץ נישט קיין פאַרגלייך קעגן דעם וואָס עס האָט געטראָפן מיט אונדזערע ברידער אונטער היטלערן. מיר האָבן געקראָגן שכר פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט. אַן אייגן לאַנד. דאָס איז אַ טרייסט.

די טרוקענע אויגן פון די מאַמעס, וואָס האָבן געזונגען התקוה, די רייד וואָס האָבן זיך נישט איינגאַנצן געקלעפּט, פון דער אומגליקלעכער מאַמע און מיין ברודערס רייד האָבן איצט געשאַפן פאַר מיר אַ גאַנץ בילד פון יידישן איינגאַרטיקן פּאַטריאָטיזם.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# יידיש אין מדינת־ישראל

מען רעדט יידיש אין מדינת־ישראל. איך בין אונטערן איינדרוק, אַז יידיש ווערט גערעדט אַזוי פיל וויפיל עס ווערט גערעדט העברעאיש, און אפשר נאָך מער. זיכער רעדט מען מער יידיש אויף דעם אויטאָבוס פון תל־אביב קיין רעננה, ווי אויף די טראַליבוסן און אויטאָבוסן פון אַזעלכע יידישע געגנטן ווי בראָנזוויל און איסט פלאַטבוש.

מע שטערט אויך קיינעם נישט צו האַלטן לעקציעס אויף יידיש. איך האָב געהאַלטן פאָרטראַגן אויף יידיש אין קיבוץ עין־חרוד און אין מושב־עובדים גבעת ח"ן. אַ סך פון עולם האָבן נאָך דער לעקציע געשטעלט פראַגעס אויף יידיש, אַנדערע אויף העברעאיש.

דאָך איז די מערכה פון יידיש אין מדינת־ישראל נישט קיין גוטע. איך האָב דאָרטן נישט באַגעגנט קיין איין יידן, וואָס זאָל האַלטן, אַז יידיש דאַרף געלערנט ווערן אין די שולן, זאָל זיין אפילו אין די העכערע קלאַסן פון מיטל־שול. איך האָב נישט געפונען קיין איין יידן (און איך האָב געזוכט), וואָס זאָל נישט זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס דער יונגער דור, די סאַבּרעס, קאָנען נישט קיין יידיש, וואָס איז אָבער נישט אין גאַנצן אמת. פאַרשטייט זיך, די עטלעכע געציילטע פּראָפעסיאָנעלע יידישיסטן זענען דער אויסנאַם.

צו וואָס קאָן מען פאַרגלייכן דעם גורל פון יידיש אין מדינת־ישראל? צו דעם גורל פון אַן אַלטער קראַנקער פּראָווינציעלער מאַמע, וואָס רייכע, גע־בילדעטע און אַריסטאָקראַטישע קינדער האַלטן אויס. אַוודאי קאָן מען זי נישט אַרויסוואַרפן אין גאַס, מ'וועט זי אפילו חלילה נישט פאַרשעמען. אָבער זי טאָר זיך נישט מישן אין דער באַלעבאַטישקייט. מ'זעט, אַז זי זאָל זיך נישט

ווייזן, ווען אין הויז זענען דאָ געהויבענע געסט. און אוודאי און אוודאי ברענגט נישט דער קאָפּ ביי די קינדער זי צו פאַרזאָרגן מיט אַ צוקונפט. און אַלטע קראַנקע מאַמע שטאַרבט דאָך סוף-כל-סוף. אָבער בעטן אויף איר דעם טויט בעט מען נישט.

ווי אין די אַלטע צייטן פון י. מ. דיק וויל מען אויסבעסערן די מאַניערן פון דער אַלטער מאַמע. אין די ביוראָס פון דער רעגירונג, אין קראָמען און בכלל ווען איר רעדט צו אַ „געבילדעטן" מענטשן, רעדט מען צו אייך האַלב „דאַטש" מיט פּאַסעכן. געוויס שפּילט דאָ אַ ראָל די דייטשישע אימיגראַציע און, ביז אַ געוויסן גראַד, דער פּאַסעכדיקער העברעאיש, אָבער קאָוונער יידן, ווילנער יידן האָבן צו מיר גערעדט „דאַטש", ביז איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער משונהדיק לשון, אָדער ביז זיי האָבן זיך צעהיצט אין געשפּרעך. דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן אַ זאַפּטיקן געשמאַקן יידיש.

אין מדינת־ישראל גייען אַרויס טאָג־צייטונגען אין אַ סך לשונות. איך האָב געזען און געהאַלטן אין האַנט טאָג־צייטונגען אין פּויליש, דייטש, אונגאַריש, רומעניש און ענגליש. קיין יידישע טאָג־צייטונג גייט נישט אַרויס.

אין אַמעריקע האָב איך געהערט, אַז די רעגירונג פון מדינת־ישראל האָט נישט געגעבן קיין דערלויבעניש פאַר אַ יידישער צייטונג. איך גלויב עס נישט. דער, וואָס איז געווען אין מדינת-ישראל בלויז אַ קורצע צייט, ווייסט, אַז אונטער דעם איצטיקן דעמאָקראַטישן רעזשים וואָלט די רעגירונג נישט געוואַגט צו טון אַזאַ זאַך. דער, וואָס וואָלט געבעטן אַ דערלויבעניש און נישט געקראָגן, וואָלט גרינג געקאָנט אויפהייבן אַ טומל, אַ ליאַרעם, און בלויז פאַר בושה אַליין וואָלט די רעגירונג געמוזט נאָכגעבן.

די פּשוטסטע דערקלערונג אפשר איז, אַז עס האָט זיך נישט געפונען אין דער איצטיקער מדינת־ישראל קיין יידישיסטישער ענטוזיאַסט און עקשן, וואָס זאָל האָבן די פּאָר צענדליק טויזנט פונט און עס וועלן אינוועסטירן אין אַרויסגעבן אַ יידישע טאָג־צייטונג. די אַטמאָספערע איז דאָ אַזאַ, אַז קיינער האָלט נישט פון „זשאַרגאָן" און קיינער איז נישט פאַראינטערעסירט צו פאַרשפּרייטן אַ יידישע טאָג־צייטונג, אָדער וועלכע ס'איז יידישע אויסגאַבע. דער אַרויסגעבער וואָלט געדאַרפט קעמפן קעגן דער עפנטלעכער מיינונג און קעגן דער אָנפירערשאַפט פון די קיבוצים און מושבי־עובדים, וואָס פאַרשפּרייטן די צייטונגען. אַזאַ קאַמף קאָן אויפהייבן נאָר אַ פּרינציפּיעלער איינגעקשנטער יידישיסט. האָט זיך נישט געפונען אַזאַ פאַרמעגלעכער יידישיסט אין איצטיקן ישראל. נו, דאַרף אַזאַ צייטונג אַרויסגעבן אַ פּאַרטיי. אָבער קיין פּאַרטיי אין מדינת ישראל וועט נישט וואַגן אַרויסגעבן אַ טאָג־צייטונג אויף יידיש.

צוליב דעם, וואָס העברעאיש איז אָנגענומען ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז דער גרעסטער טייל פון מיטליאָריקן דור אין מדינת־ישראל שפּראַכלעך שטום, און נישט קיין קלענער טייל פון דעם דור איז עם־הארציש. דער דור פון די ערשטע עליות, לאָמיר זאָגן ביז „גראַבסקים עליה", האָט אפילו געקאָנט העברעאיש. אָבער דאָך איז עס אַן אויסגעלערנטע שפּראַך. עס פעלט נאַטיר־לעכקייט אין דעם רעדן פון דעם מיטליאָריקן דור. ער רעדט העברעאיש אָט פּונקט ווי אונדזער אימיגראַנטן־דור רעדט ענגליש. ווערט מען אין כעס, הייבט מען אָן רעדן יידיש. וויל מען אויסדריקן צאָרן, ליבשאַפט, נוצט מען יידיש. רעכענען רעכנט מען אויף יידיש. ס'איז אַ היפּש ביסל קאָמיש צוצוזען ווי מען רעכנט אויף יידיש. איר גייט אַריין אין אַן אויטאָבוס. פאַרשטייט זיך, דער שאָפער רעדט העברעאיש, סיידן איר ווענדט זיך צו אים אויף יידיש. אָבער אויב איר גיט אים פּאַפּיר־געלט און ער דאַרף אייך געבן אויסגאַב, ציילט ער אייך אין האַנט אַריין אויף יידיש.

ווי ווייט דער איצטיקער דור איז שטום, קאָן מען זען פון דער הומאָריסטישקייט פון די יידן אין מדינת־ישראל. די יוגנט איז פול מיט הומאָר, אָבער דער מיטליאָריקער דור ווילט זיך נישט. אין אויטאָבוס, אין גאַס ווערן אָנ־געפירט היציקע דעבאַטעס, אָבער קיינמאָל ווערן זיי נישט באַווירצט מיט אַ וויץ אָדער אַ ווערטל. דערציילט מען אַ וויץ, איז עס מיינסטנס אויף יידיש.

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן פון תל־אביב, ירושלים, חיפה, רעננה און האָב זיך צוגעהערט ווי דאָס פאָלק רעדט. ווען עס קומט צו עפּעס געדיכטס, הייבט מען אָן רעדן יידיש. אַזוי אויך אין די קיבוצים.

איך געדענק אַ פרימאָרגן אין תל־אביב. פון מיין פענצטער האָב איך גע־הערט ווי אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, אָנגעלאָדן מיט מעבל, איז צוגעפאָרן. דער אָנטרייבער און זיינע צוויי אַרויסהעלפער זענען אַראָפּ פון וואָגן און האָבן אָנ־געהויבן אויסצורעכענען ווי אַזוי אַרויפצוטראָגן אַ שווערע שאַפע אויפן דריטן שטאָק. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָב איך געהערט אַז עס רודערט זיך. איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און כ'האָב דערזען, אַז זיי האָבן באַפעסטיקט אַ ציי־רעדל און האָבן אָנגעהויבן אַרויפציען די שאַפע. איין אַרבעטער האָט גע־צויגן דעם שטריק, דער צווייטער האָט רעגולירט און דער דריטער האָט געהיט, אַז אַלץ זאָל גיין כשורה. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט ווי דער אַרבעטער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אַז אַלץ זאָל צוגיין גלאַט האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אַ זאַפטיקן בעסאַראַבער יידיש מיט „קאָמעצן":

— אַ בראַנד דיר אין די קישקעס, מאַטעלע גנב, וואָס ווילסטו? דיין יפהפיה זאָל בלייבן אַ יונגע אַלמנהטשקע? טו זיך אַ טרייסל! פאַרזיכטיק מיטן קנופּ:

— לאַט, לאַט (פּאַמעלעך, פּאַמעלעך)! לאַפּקעלעך האָט עס! פון לייִם אויסגעקנאָטן!

דער אַרבעטער אונטן האָט אויך נישט געשוויגן און געענטפערט מיט אַזעלכע פּעפּערדיקע ווערטער, אַז מ'קאָן זיי נישט אַרויפברענגען אויף פּאַפּיר. אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז ווי נאָר די סכנה איז אַריבער, האָט מען ווידער אָנגעהויבן רעדן העברעאיש:

— ימינה! שמאלה! לאט, לאט! הכל בסדר! (רעכטס, לינקס, פּאַמעלעך, אַלץ אין אָרדענונג!)

אויב אָבער דער עולם, לאָמיר זאָגן ביז די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, זענען געווען באַוווסטזיניקע ציוניסטן און העברעאיסטן, זענען שפּעטער געקומען סתם יידן, וואָס האָבן נישט געקאָנט רעדן קיין העברעאיש. דער עלעמענט איז געבליבן גאַנץ היפּשלעך פאַרגרעבט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט העברעאיש רעדן, און אַ העברעאיש, וואָס איך וואָלט געזאָגט אַ „בייסיק העברעאיש" (באַזישן), אָבער קיין בוך אָדער צייטונג קאָנען זיי נישט לייענען. לויט מיין מיינונג, לייענט מען בכלל די פּרעסע זייער אויבערפלעכלעך. זעלטן ווען איך האָב געהערט צווישן עמך דיסקוטירן אַן אַרטיקל אָדער ליד. און אוודאי און אוודאי נישט קיין בוך.

מיינע רייד וועלן אפשר קלינגען מאָדנע. מ'וועט מיך פרעגן: סטייטש? עס גייען אַרויס אין ישראל צען צייטונגען (ביז נישט לאַנג צוריק עלף העברעאישע צייטונגען). איין נאָכמיטאָג צייטונג האָט זיך מיט צוויי חדשים צוריק צוגעמאַכט) און זשורנאַלן פאַרפלייצן דעם מאַרק! און ביכער!

מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז בלויז צוויי פון די מאָרגן־צייטונגען באַצאָלן זיך, און בלויז איינע פון די מאָרגן־צייטונגען ווערט אַרויסגעגעבן טיילווייז פון אַ פּריוואַטן מענטשן. פון די דריי נאָכמיטאָג־צייטונגען זענען צוויי בלויז צונויפגעלייגטע פּראָקלאַמאַציעס, גוט רעדאַקטירט, אָבער טיפּישע בולוואַר־צייטונגען. די דריטע נאָכמיטאָג צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פון מפא"י.

אַלע צען צייטונגען האָבן אַ צירקולאַציע פון 150 טויזנט. די זיבן פרימאָרגן־צייטונגען — אַכציק טויזנט און די דריי נאָכמיטאָג־צייטונגען — אַרום זעכציק־זיבעציק טויזנט. ס'וואָלט געווען טשיקאַווע צו זען וויפל צייטונגען וואָלטן אַרויס זעלבסטשטענדיק. ס'איז דאָך קיין חכמה נישט צו נוצן פּאַרטייגעלטער, וואָס מ'קלייבט איבער גאָר דער וועלט, און אַרויסגעבן צייטונגען.

ערגער איז נאָך מיט זשורנאַלן. אַלע אָן אַן אויסנאַם ווערן אַרויסגעגעבן פון פּאַרטייען. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, באַצאָלט זיך בלויז דער שבועון

מצויר (אילוסטרירטע וואָכנבלאַט). אַנדערע לייקענען עס אויך. ביכער ווערן אַרויסגעגעבן, מיט קליינע אויסנאַמען, פון די פּאַרטייען. עס וואָלט געווען וויכטיק צו וויסן, וויפיל ביכער און זשורנאַלן דער ישוב קאָן אַליין אַרויסגעבן, אָן דער הילף פון פּאַרטיי-געלט.

דעם טאָן פון ישוב גיבן אונדזערע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, יידיש־רעדנדיקע. די פירערשאַפט ליגט אויך ביי זיי אין די הענט. ביז נישט לאַנג צוריק זענען די אָריענטאַלישע יידן געווען גאָר אַ קליינער מיעוט. עס וואָלט געווען אַ סך גרינגער אויסצולערנען אָט דעם מיעוט יידיש, איידער אויסצולערנען אַלעמען העברעאיש. ס'איז אויך נישט אמת, אַז די תימנער יידן קאָנען העברעאיש. זיי רעדן אַן אַראַבישן דיאַלעקט, און גאָר ווייניק פון זיי קאָנען העברעאיש, ווען זיי קומען אָן אין לאַנד. דעם אמתן שליסל, פּאַרוואָס מען האָט אָנגענומען העברעאיש, האָט מיר געגעבן אַ ייד, מיט וועמען איך האָב דיסקוטירט. ער האָט מיר געזאָגט:

— ס'איז אמת, וואָס איר זאָגט, אָבער וועלכער ייד, וואָס קאָן נישט קיין זשאַרגאָן, וואָלט זיך גענומען די מי אויסצולערנען זשאַרגאָן?

די פאַראַכטונג צו יידיש נעמט זיך פון דעם, וואָס די, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד, האָבן פיינט געהאַט דעם גלות און זענען אַנטלאָפן פון אים. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט האַלטן ביי דער שפּראַך, וואָס איז צוגעוואַקסן צום גלות. זיי האָבן געוואָלט אַ טאָטאַלן איבערבראָך מיטן גלות, צוריק צום אַמאָל זיי זענען געווען גרייט אויף אַלערליי קרבנות און האָבן טאַקע געבראַכט קר־בנות. זיי האָבן אויף זיך אויך גענומען טיילווייזע שטומקייט און שפּראַכלאָזי־קייט. די קינדער וועלן שוין קענען, און זיי קענען טאַקע. דערציילט איינער פון די ערשטע ציוניסטן:

—היינו צעירים ורצינו להתבטא פשוט, והעברית היתה זרה קצת, מגומגמת, לא מתבטאת בדיוק. והילדים עוד היו תינוקות. זחלו בחול. התחבטנו, התלבטנו, ולבסוף החלטנו ק'צורטו (לעזאזל בעברית, אבל זה לא מבטא בדיוק). כשיגדלו והם יקבעו מה שיקבעו. אצלם תהי השפה חיה באמת, ואנחנו נמצא לנו פורקן במה שאצלנו בפה ובלב (אלף, אויגוסט 1949).

— מיר זענען געווען יונג און האָבן זיך געוואָלט אויסדריקן, און דער העברעאיש איז געווען פרעמד, שטאַמלענדיק, נישט געקאָנט פּינקטלעך אויס־דריקן. און די קינדער זענען געווען עופעלעך, געפּויזעט אין זאַמד. האָבן מיר זיך געצאַפּלט, געראַנגלט, און צום סוף באַשטימט „ק'טשאַרטו" — צום טייוול! ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי איינשטעלן וואָס זיי וועלן וועלן איינ־שטעלן. ביי זיי וועט די שפּראַך זיין אַ לעבעדיקע אויף אַן אמת. און אונדזער

דערלייזונג וועט באַשטיין אין דעם, וואָס ביי אונדז איז אין האַרצן און אין מויל.

מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז מען האָט געדאַרפט האָבן גבורה נישט נאָר אויסצוטריקענען זומפּן און צו פאַרפלאַנצן וויסטענישן און צו זיין גרייט צו שטאַרבן פון מאַלאַריע, נאָר אַז ס'איז פאַראַן גבורה און איבערמענטשלעכע עקשנות אין אויפלעבן אַ לשון. אויפלעבן אַ שפּראַך, און דערצו נאָך אָננעמען אַ נייע אויסשפּראַך, איז נישט קיין קלייניקייט. די אירלענדער מאַטערן זיך אויפצולעבן אירלענדיש אַזוי לאַנג, ווי די יידן אין מדינת-ישראל ראַנגלען זיך מיט העברעאיש, און די אירלענדער איז נישט געלונגען אויפצולעבן זייער לשון. פאַר זיי האָט עס געדאַרפט זיין גרינגער, ווייל זיי האָבן דאָך אַ טייל פון פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זיין שפּראַך. דאָך רעדט מען אין איר־לאַנד כמעט אויסשליסלעך ענגליש. זיי האָט געפעלט די יידישע עקשנות. די וועלשער איז נאָך ווייניקער געלונגען ווי די אירלענדער. פאַרשטייט זיך, אַז מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ עקשנות אויפצולעבן אַ שפּראַך, האָבן געמוזט אַנטוויקלען ביי זיך אַ געוויסע שנאה און פאַראַכטונג צו דער מוטער־שפּראַך יידיש. מיר קאָנען צו זיי קיין טענות נישט האָבן. ווי האָט מיר געזאָגט אַ לערער אין ישראל:

— איר יידישיסטן האָט טענות צו אונדז? איר דאַרפט באַגראָבן אייער פּנים אין בלאָטע פון חרפּה און בושה (אויף העברעאיש פאַלן אַריין מליצות אין מויל אפילו אין טאָג־טעגלעכן געשפּרעך). מיר האָבן זיך געמאַטערט און אויפגעלעבט אַ טויטע שפּראַך. מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ געקינצלטע צונג אין מויל, און איר האָט אַרויסגעריסן אַ לעבעדיקע צונג פון מויל. אייך איז געווען גרינגער צו רעדן מיט אייערע קינדער יידיש ווי פאַר אונדז העברעאיש. אָבער איר האָט געבראַכן די צונג דווקא אויף ענגליש. מיר האָבן געזיגט מיט אונדזער עקשנות. נו, ווילט איר, אַז מיר זאָלן וויינען אויף אייער דורכפאַל? ניין, מיר ווילן נישט קלאָגן אויף אייער בראָך. נאָך מער, יידיש איז נאָך נישט טויט, דאַרפן מיר זיך היטן. אַמאָל האָבן מיר געבראָכן פענצטער אין דרוי־קערייען פאַר דרוקן אַ יידישן זשורנאַל. איצט טוען מיר עס נישט, ווייל מיר זענען שוין זיכער מיט זיך. זאָלן אַרויס אַ פּאָר זשורנאַלן לפּנים וועגן. אָבער מיר זאָלן אַרויסגעבן אַ טאָג־צייטונג און לערנען יידיש אין די שולן? לא מיט אַ גרויסן אלף. ווען יידיש וועט זיין אין גאַנצן טויט ווי אַ געראָדטע שפּראַך, אַזוי ווי אַראַמייאיש, וועלן מיר זי לערנען און שטודירן אין אוניווערזיטעט. און אפילו אין מיטלשול.

דערפאר הגם מ׳רעדט דא א סך יידיש, ווערט אין מדינת־ישראל כמעט נישט ארויסגעגעבן קיין ביכער אויף יידיש. פאראיארן, ווי מען האט מיר איבערגעגעבן, זענען ארויס נישט מער ווי א צוויי־דריי ביכער לידער אויף יידיש אין מדינת־ישראל.

יא, ס׳איז אפילו פאראן א יידישע פראגראם אויף דער ראדיא. א פערטל נאך צען אין אוונט גיט מען איבער די טאג־נייס אויף יידיש. דער אנאנסירער זאגט פארן איבערגעבן די נייס:

— דאס איז א פראגראם פאר דעם גלות.

יידישע פאלקס־לידער ווערן געזונגען אויף העברעאיש. נאר איין מאל אין די דריי חדשים, וואס איך בין געווען אין ישראל, האב איך געהערט א יידיש ליד: חזן גלאדסטאן איז געווען אויף א באזוך אין לאנד, האט ער געזונגען א יידיש ליד.

מ׳רעדט יידיש, מ׳וויל אבער נישט לייענען קיין יידיש. פאראן אין עטלעכע ביבליאטעקן אלטע יידישע ביכער, אבער קיינער נעמט נישט ארויס קיין בוך. און אוודאי און אוודאי קויפט מען ווייניק יידישע ביכער. איין ביישפיל: לעבן מיין ברודערס הויז וווינט א ייד א קרעמער, נישט קיין ארעמאן. ער האט ליב צו לייענען יידיש. חברים פון ארגענטינע און אמעריקע שיקן אים צו ביכער אויף יידיש. זאגט ער צו מיר:

— אפשר האט איר מיטגעבראכט מיט זיך יעפרויקינס „חשבון הנפש״? איך האב געהערט, אז ס׳איז זייער א גוט בוך, און איך וואלט עס געוואלט לייענען.

— פאר איין פונט, דריי טאלער — האב איך אים געענטפערט — קאנט איר קריגן דאס בוך. איך ווייס, אז איר קאנט זיך פארגינען דעם לוקסוס.

דער ייד האט מיר געענטפערט:

— פאר א פונט קאן איך דאך קויפן א פיין בוך אויף עברית.

דאס איז די באציאונג צו יידיש פון די ותיקים, וואס זענען פרינציפיעלע העברעאיסטן. די עולים, וואס קומען איצט אן, נעמען זיך נישט צום הארצן וועגן דעם גורל פון יידיש. דאס איז בכלל אן עלעמענט, וואס איז נישט איבעריקס פאראינטערעסירט אין קולטורעלע ווערטן. די טראגעדיע איז מיט דעם עלטערן דור, וואס קומט קיין ישראל. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דעם אלטיטשקן אין קיבוץ ר־ה:

דער פראטאקאל־סעקרעטאר, דער שוסטער־שרייבער פון קיבוץ, האט מיר געזאגט, אז זיין טאטע איז דא אין קיבוץ. ער איז נישט מער ווי צוויי יאר אין

מדינת־ישראל. ער, דער זון, האָט אים אַריבערגעבראַכט פון דייטשלאַנד. דער אַלטער איז אַ מערקווירדיקער ייד. אויף דער עלטער האָט ער אָנגעהויבן אויס־קלעפּן פיגורן פון ליים. אים איז אָבער דאָ זייער אומעטיק. ער וועט זיך דער־פרייען מיט אַ יידישן שרייבער. ער וועט הערן אַ יידיש וואָרט.

איך בין אַוועק זען דעם יידן. באמת אַן אויסערגעוויינטלעכער טיפּ. איך בין נישט קיין מבין אויף סקולפּטור, אָבער די פיגורן, וואָס ער האָט אויסגע־קלעפּט, האָבן מיר אויסגעזען זייער קינסטלעריש געמאַכט.

ער האָט געוווינט אין אַ נישט שלעכטן צימער, אין אַ גוטן צריף. אויפן טיש זענען געלעגן עטלעכע נומערן פון דער דריי־מאָל־אַ־וואָך יידישער צייַ־טונג, אַ פיר־זייטיק בלעטל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון די לינקע ציוניסטן, אַ באַנד שלום עליכם, אַ סידור, אַ באַנד פּרץ און מענדעלעס קליאַטשע. אַ מאָדנער אומעט איז געלעגן אויף דעם יידנס פּנים. איך האָב אים געפרעגט:

— נו, איצט דאַרפט איר דאָך זיין אין זיבעטן הימל. נאָך אַלע צרות זענט איר אין מדינת ישראל ביי אייער זון. וואָס פעלט אייך דאָ?

ער האָט שווער אַ זיפץ געטון:

— אוודאי, אוודאי. מיר איז אָבער דאָ שווער צו לעבן, זייער שווער. אָפט קומט מיר אַרויף אַ שרעקלעכער געדאַנק: איז כדאי געווען זיך צו ראַטעווען?

— וואָס איז, עס פעלט אייך דאָ עפּעס?

— חלילה. מען האַלט מיך אויס בכבוד. און איך פאַרדין נאָך מיין שטיקל ברויט. איך בין אַ שניידער. קאָן נאָך אַרבעטן עטלעכע שעה אַ טאָג. אָבער אויף דער עלטער קריכן נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ. מ׳טאָר טאַקע אַזוי נישט רעדן. מיר איז גוט, אָבער ווען איך קאָן זיין צווישן אונדזערע יידן...

מער האָב איך פון אים נישט געקאָנט אַרויסקריגן. דעם אמתן זין פון זיי־נע רייד האָב איך ערשט געכאַפּט אין אַן אַנדער קיבוץ, אין עמק הירדן, ווען איך האָב זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַן אונדזעריקן יידן.

דער ייד איז אַ ברוקלינער. ער איז געקומען אין קיבוץ צו זיינע זין. ער איז געווען אַ מיטגליד אין יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער איז אַ הייסער ציוניסט. ער איז געזעסן מיט מיר און האָט מיר איבערגעגעבן דעם וווּנדער פון קיבוץ, די ניסים פון דער לעצטער מלחמה און די שיינקייט פון לעבן אין מדינת־ישראל. צום סוף האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ:

— פאַר אונדזערן אַ יידן איז דאָ שווער צו לעבן. ווען איך דערהאַלט נישט דעם „יידישן קעמפער" אַלע וואָך, וואָלט איך דאָ נישט אויסגעהאַלטן.

איך האָב אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאַר פאַרוווּנדערטע אויגן. ער האָט דערזען מיין איבערראַשונג און מיר דערקלערט:

— אַ ייִד ווי איך איז צוגעוווינט צו אַ ייִדישער צייטונג, צו אַ ייִדישן זשורנאַל. דאָ קאָן איך קוים מיט צרות דורכקריכן די קעפּלעך פון די צייטונ־גען. בסוף זאָל עס בלייבן, מיט אַ סך פון די ייִנגערע פון מיר איז אויך דאָס זעלביקע. אין דער היים בין איך געגאַנגען צו מיטינגען, זיך געהיצט, געהאַט אַ דעה. דאָ בין איך אַ שטומער. פאַרשטייט מיך, מ'לאָזט מיך רעדן ייִדיש אויף די פאַרזאַמלונגען. אָבער ערשטנס, איז זייער נישט אַנגענעם צו רעדן ייִדיש, ווען אַלע רעדן עברית. און צווייטנס, פאַרשטיי איך נישט אַלע מאָל וואָס זיי רעדן, איבערהויפּט ווען די סאַברעס רעדן. ביי זיי אין מויל קלינגט העברעאיש נישט ווי קיין ייִדיש לשון. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, זייער עברית קלינגט מער ווי איטאַליעניש. פאַר אַזאַ ייִדן ווי איך וואָלט געווען בע־סער, ווען איך לעב אויס מיינע יאָרן אין ברוקלין צווישן מיינע חברים פון פאַרבאַנד. אָבער מיינע קינדער זענען דאָ. וואָס טוט נישט אַ טאַטע, וואָס וויל זיין לעבן זיינע קינדער?

ייִדיש לעבט אין מדינת־ישראל, אָבער ס'איז אַ בעל־כרחו לעבן. קיינער וויל די שפּראַך נישט און קיינער זאָרגט זיך נישט פאַר איר. ווען מ'מוז, נוצן זי די פּאַרטייען אויס, ווי אין דער צייט פון וואַלן. די מדינה האָט זי גענוצט אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען מ'האָט געמוזט צושטעלן לייען־מאַטעריאַל פאַר דער אַרמיי. אויך איצט נוצט זי די מדינה, ווען מ'דאַרף רעדן צו די עולים. אָבער מען האָט שוין מער נישט קיין מורא פאַר ייִדיש. העברעאיש איז פעסט, טיף פאַרוואָרצלט אין לאַנד. אין גאַנץ מדינת־ישראל האָב איך נישט געהערט קיין אַגיטאַציע פאַר העברעאיש. בלויז אין דער „ייִדישיסטישער" צפת האָב איך געזען אַ שילדל אויף דער אויטאָבוס־סטאַנציע: „דבר עברית". אָבער אפילו דאָרטן האָט מען מיר געענטפערט אויף ייִדיש, ווען איך האָב גערעדט צו זיי ייִדיש.

מוסר זאָגן עמעצן? נישטאָ וועמען. די, וואָס זענען געקומען בויען דאָס לאַנד, האָבן לכתחילה זיך אָריענטירט אויף העברעאיש. וואָס פאַר אַ טענות קאָן מען איצט האָבן צו זיי? אָבער איך וויל, אַז עס זאָל ווערן קלאָר, אַז אַלע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַרום, אַז איצט איז דאָ אַ בעסערע באַציאונג צו ייִדיש, זענען פאַלש.

דער ישוב ווייסט כמעט גאָרנישט, איך חזר איבער, כמעט גאָרנישט פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון אַמעריקע און פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט געבליט אין פּוילן, און פון די רעשטלעך אין סאָוויעט רוסלאַנד. אונדזע־רע גרעסטע גדולים קאָנען קומען אין מדינת־ישראל און קאָנען דורכגיין דעם ישוב אין דער לענג און אין דער ברייט מיט זייערע אייגענע נעמען, און כמעט

קיינער וועט נישט וויסן ווער זיי זענען. פאַרשטייט זיך, עס וועט טרעפן אַמאָל, אַז אַ נײַ־אַריבערגעקומענער וועט דערקענען דעם נאָמען, אָדער עמעצער וועט זיי געדענקען פון אַמאָל, אָבער מ׳קאָן אָננעמען ווי אַ כּלל, אַז וואָס לענגער איינער וווינט אין מדינת־ישראל, אַלץ לענגער האָט ער נישט געלייענט קיין יידיש בוך אָדער יידישע צייטונג. און נישט נאָר איז עס אַזוי מיט עמך. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די העברעאישע שרייבער האָבן שוין יאָרן נישט געעפנט קיין יידיש בוך. אָט ווי ביי אונדז אין אַמעריקע האָט זיך אַמאָל, ביי די אַלטע משכּילים, אָפּגעשטעלט די העברעאישע ליטעראַטור מיט יל״גן אַזוי האָט זיך אין מדינת ישראל אָפּגעשטעלט פאַר יעדן איינעם די יידישע ליטעראַטור אין דעם טאָג, וואָס ער איז געקומען אין לאַנד.

דאָס איז די לאַגע. קיין טענות צו זיי קאָנען מיר נישט האָבן כּל זמן די מערכה פון יידיש ביי אונדז אין אַמעריקע איז נישט קיין געהויבענע. ס׳איז נאַריש צו דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן אויפלעבן יידיש אין מויל פון זייערע קינדער כּל זמן דער לשון איז טויט אין מויל פון אונדזער יוגנט. ווען יידיש וועט ווערן אַ גרויסער קולטורעלער פאַקטאָר אין דער יידישער אַמעריקע, וועט אפשר (און איך זאָג: אפשר) אויך דאָרטן יידיש ווערן חשובער. מיר קאָנען אויף זיי ווירקן מיט מעשים, נישט מיט טענות.

דאָס איז די אמתע לאַגע, און לאָמיר זיך נישט נאַרן. זאָגן, אַז איצט איז דאָרטן אַ בעסערע באַציאונג צו יידיש איז נישט אמת. יידיש איז אַ נחות דרגא אין מדינת־ישראל. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז ווייל זי האָט נישט קיין בעסערע מערכה ביי אונדז און ביי אונדזערע קינדער.

נ א כ ב אַ מ ע ר ק ו נ ג. לעצטנס זענען אָנגעקומען באַשטעטיקונגען, אַז די מלוכה גיט נישט קיין דערלויבעניש אויף אַ יידישער טאָג־צייטונג. אָבער אויף דריי מאָל אַ וואָך אַ צייטונג גיט מען יאָ אַ דערלויבעניש. חזר איך איבער: אויב עס וואָלט זיך געפונען אַ פאַרעקשנטער יידישיסט, וואָס וואָלט געוואָלט איינשטעלן אַ פּאָר צענדליק טויזנט פונט וואָלט ער די זעלביקע דריי מאָל אַ וואָכעדיקע־צייטונג אַרויסגעגעבן דריי מאָל אין וואָך אין דער פרי און דריי מאָל אין וואָך נאָכמיטיק און עס וואָלט געווען אַ טאָג־צייטונג. העברעאיסטן, אונטער די זעלביקע נישט גינסטיקע אומשטענדן, וואָלטן זיך אַן עצה געגעבן. ס׳איז טרויעריק וואָס מען וואָלט געדאַרפט אָפּנאַרן די שררות פון אַ יידישער מדינה. אָבער די שטעלונג פון דער יידישער מלוכה צו יידיש קאָן זיין אַזאַ אַנטאַגאָניסטישע, ווייל די מלוכה ווייס, אַז סיי די יידן אין גלות און סיי די יידן אין מדינת ישראל ווילן נישט קעמפן פאַר יידיש ווען העברעאיש פאַרנעמט איר אָרט.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# שאלות און תשובות

אין תל־אביב איז דאָ אַ ספּעציעלער קוואַרטאַל, וווּ עס וווינען פּאַרטיי־פונקציאָנערן און רעגירונגס־באַאַמטע. דאָרטן שטייען עטלעכע הייזער, איינע לעבן די אַנדערע, וווּ עס וווינען זשורנאַליסטן, לערערס און שרייבערס. דירה־געלט איז דאָרטן ביליק. די הייזער זענען נישט לאַנג צוריק אויסגעבויט געוואָרן און פאַרמאָגן אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן.

אין דער קאַפע פון תל־אביב, וווּ איך האָב געגעסן, פלעג איך אָפט באַגעגענען אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטשריפט. ער האָט מיך עטלעכע מאָל איינגעלאַדן אים צו באַזוכן. סוף־כל־סוף האָב איך אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן, און איך בין צו אים געקומען אין אַ נאָכמיטאָג.

ער האָט געוווינט אין שיינע דריי צימערן מיט אַ גרויסער וועראַנדע צום הויף. די צימערן, לויט אונדזער סטאַנדאַרד, זענען געווען קליין און זייער באַשיידן אויסגעמעבלירט. אָבער עס איז געווען אַ באַקוועמע דירה און מיט פיינעם געשמאַק אויסגעפּוצט.

איך האָב דאָרטן געטראָפן נאָך צוויי זשורנאַליסטן, איינגעלאַדן אויף מי־טאָג. באַלד נאָך מיטאָג זענען אַרויפגעקומען נאָך פינף שרייבערס: אַן אַמע־ריקאַנער יידישער שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, אַ גרויסער קענער פון העב־רעאיש, אַ למדן, אַ תלמודישע אויטאָריטעט און ענציקלאָפּעדיסט. דער צווייטער איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין העברעאישן אוניווערזיטעט, דער דריטער — אַ באַרימטער תנ״ך פאַרשער, און צוויי באַרימטע דערציילער.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע וועגן מדינת־ישראל, גלות, העברעאיש, יידיש, אַראַבישע פראַגעס, משיחיזם און אַלע ברענענדיקע יידישע

פראגעס. כמעט אלע האבן געלייענט דאס בוך „יידן צווישן פעלקער", און מיין קליין ספרל איז געווען די סיבה און דער סטימול פון דער דיסקוסיע. שפעטער איז די דיסקוסיע אריבער די גרענעצן פון ספרל. איך גלויב, אז דער תוך פון יענעם וויכוח גיט איבער בעסער פון אלץ די טענות פון די קעגנער פון מדינת־ישראל און די ערלעכע תשובות פון די אנהענגער פון מדינת-ישראל.

איך דערמאן בכיוון נישט קיין נעמען, ווייל ערשטנס, איז דאס געווען א פריוואטער וויכוח און איך האב נישט קיין רעכט צו זאגן דברים בשם אומרם. אויב זיי וואלטן געוואלט זיך ארויסרעדן עפנטלעך, האט יעדער פון זיי די צייטשריפט, וווּ ער קאן שרייבן וואס ער וויל. צווייטנס, קאן איך נישט גא־ראנטירן די פינקטלעכקייט פון יעדנס רייד. איך גיב איבער דעם וויכוח ווי איך האב אים אויפגענומען, ווי ער האט אויף מיר געווירקט. עס קאן גרייליך זיין, אז איך טייטש אריין אין זייערע רייד מיינע געדאנקען. זיכער איז, אז א דער שארפער געשפרעך איז א טייל פון מיינע איינדרוקן פון מדינת־ישראל, און גיט א סך־הכל פון מיינע שטימונגען און שלוסן.

דער אמעריקאנער יידישער שרייבער האט אנגעהויבן און צוויי פון די איבעריקע האבן דערנאך אים ארויסגעהאלפן.

— איך האב איבערגעלייענט „יידן צווישן פעלקער". איך בין נישט מסכים מיט אייער שלום. איר שרייבט: „א יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל איז נישט מער ווי די באפרייאונג פון א קליינעם טייל יידן פון פרעמדן שעבוד־מלכות. דאס איז א הצלה פורחא און א גרויסע נחמה אין דער איצטיקער צייט פארן יידישן פאלק". ניין, איר זענט אומגערעכט. מדינת־ישראל איז נישט קיין הצלה־פורחא און נישט קיין טרייסט. עס איז אן אוואנטורע, וואס קאן פירן צו דער גרעסטער קאטאסטראפע. לאמיר נעמען די פראבלעמען פון איצ־טיקן מדינת־ישראל איינע נאך די אנדערע.

— די אראבישע פראגע. אלע מיינען, אז די אראבער־פראגע איז שוין גע־לייזט געווארן. אויס אראבער און פארטיק. אנטלאפן, ארויסגעטריבן, און מדינת־ישראל איז אראבער־ריין. אויס אראבער־פראגע. איך זאג אייך, אז די אראבער־פראגע איז נאך מער פארשארפט געווארן. הונדערטער טויזנטער ארא־בער פליטים שטייען ביי אונדזערע גרענעצן. אין וועלכן יידישן ישוב איר וועט קומען, קאנט איר ארויף אויף דעם וואסער־טורעם און זען אראבישע דערפער. דער שונא איז מיט דער האנט צו דערלאנגען. דערווארט איר, אז די אנטלא־פענע אראבער זאלן שוין פארגעסן זייער היימלאנד?

— מ'שרייט, אז די אראבער זענען אנטלאפן. מען אנטלויפט נישט אומ־

זיסט פון אן אייגענער היים. אפשר האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל „כי נפל פחד היהודים עליהם”? דיר יאסין איז נישט געווען קיין איזאָלירטער פאַל. צווייטנס, אַז זיי זענען שוין יאָ אַנטלאָפן, באַרעכטיקט עס דען די שיינע מעשים, וואָס מיר האָבן אָפּגעטון צו זייער האָב און גוטס? איר אַלע, וואָס זענען דאָ געווען, ווייסט ווי די יידן האָבן זיך אויפגעפירט. נאָט אייך אַן עדות שווארץ אויף ווייס. משה סמיליאנסקי שרייבט אין הארץ פון יום ה׳ ד׳אלול תש״ט:

„אַ מגפה פון „כאַפּן” איז אָנגעפאַלן אויף אַלע בירגער. יחידים, קיבוצים, מענער, פרויען און קינדער — אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צום רויב. טירן, פענצטער, ביישטידלעך, ציגל, דאַכלקעס, דיל־באַלאַטן און טיילן פון מאַשינען... רואינירט הייזער, קאַליע געמאַכט מאַשינען, אַזוי זאָגן עדות די, וואָס האָבן געהאַט די אויפזיכט אַכטונג צו געבן אויף די פאַרלאָזענע גיטער. אַנדערע זאָגן, אַז די הענט פון די אַפּוטרופּסים זענען אויך נישט געווען ריין”.

— ס׳איז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט נאַריש און מיר שפּילן זיך מיט פייער. די אַראַבער קאָנען זיך פאַרגינען צו פאַרלירן נישט איין מלחמה, נאָר עטלעכע. זיי האָבן וואוהין צו אַנטלויפן. מיר קאָנען זיך נישט פאַרגינען צו פאַרלירן אפילו איין שלאַכט. וואוהין וועלן מיר לויפן?

— און די אַראַבער פאַרגעסן נישט! זיי ווילן אפילו נישט זיצן מיט אונדז אַרום איין טיש. אָט איז געווען אַ שמחה אין די צייטונגען: מצרים האָט איינגעלאַדן די יידן צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ וועגן געזונט, וואָס דאַרף פאָרקומען אין אַלעקסאַנדריע. שוין הייגט האָט עס דער אויסערן־מיניסטער אָפּגעלייקנט. די דערקלערונג פאַרשאָטנט אַלע אונדזערע מיליטערישע נצחונות. מ׳קאָן נישט לעבן צווישן שכנים, וואָס זענען פערציק מאָל אין צאָל גרעסער פון אונדז, אין אייביקער שנאה.

— סכנה נומער צוויי: די גרינגשעצונג פו די יידן צו די אַראַבער. איר הערט ווי די זיגער רעדן וועגן די באַזיגטע: זיי זענען באַרבאַרן, פיזיש־שוואַך, מיליטעריש אומפעאיק, אונטערן יאָך פון פריצים, עקאָנאָמיש הינטערשטעליק, קולטורעל אין זעכצנטן יאָרהונדערט, און וואָס נישט. זאָל זיין, אַז הייגט איז עס אמת, וואָס איז אין גאַנצן נישט אמת. אָבער וואָס קאָן זיין אין צוואַנציק, דרייסיק יאָר אַרום? אָט האָבן די יאַפּאַנעזער צעקלאַפּט רוסלאַנד מיט פערציק יאָר צוריק. אָבער רוסלאַנד האָט דאָך געהאַט אַ באַפעלקערונג דריי מאָל אַזויפיל די גרויס, און דאָס איז געווען דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר. עס קאָן דאָך אויך טרעפן דאָ מיט די אַראַבער צוואַנציק יאָר שפּעטער.

— און איצט וועגן גייסטיקע ענינים. די מעשה יידיש. איך בין נישט קיין יידישיסט. אָבער קאָנען מיר זיך פאַרגינען בידים אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ פאָלקס־

פּאַרמעגן? וואָס מיינט איר עפּעס, אַ שפּראַך קאָן מען שאַפן איבער נאַכט? עס וועט נעמען הונדערטער יאָרן ביז העברעאיש וועט קריגן די בייגזאַמקייט, וווייכקייט, רייכקייט און רעדעוודיקייט פון יידיש. איצט איז העברעאיש אַ סינ־טעטיש, ראַציאָנאַל־געמאַכט לשון. דער נאַציאָנאַלער פאַרלוסט דורך אָפּזאָגן זיך פון אַ רעדעוודיקער שפּראַך קאָן נאָך איצט נישט אָפּגעשאַצט ווערן. ערשט דורות און דורות שפּעטער וועט מען באַנעמען דעם גרויסן פאַרלוסט.

— און דאָס אָננעמען די ספרדישע אויסשפּראַך? טויזנטער יאָרן האָבן יידן געדאַוונט, געלערנט, געבענטשט און געזונגען אויף דער אשכנזישער אויס־שפּראַך. יעדער וואָרט האָט זיין אייגענע אינטאָנאַציע און אויסדרוק. וויפיל צער און עלנט עס ליגט אין דעם וואָרט „יתום"! פּלוצים האָט איר געמאַכט אַ גיי וואָרט „יאַטאָם" — אַן אויסגעלייידיקט וואָרט. און די נעמען! אברם איז אַ יידישער נאָמען: נאָך אברם אבינו. שרה — אַ נאָמען נאָך דער מוטער שרה. אָבער אווראַם און סאַראַ זענען צוויי נישט־יידישע נעמען. נאָר די, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּטרייסלען און אָפּרייסן זיך פון דעם גאַנצן יידישן עבר, האָבן געקאָנט אָננעמען די אָריענטאַלישע אויסשפּראַך.

— מדינת־ישראל איז נאָך קליין, סיי אין איכות און סיי אין כמות. ווייניק מענטשן אין פאַרגלייך מיטן גלות, און גייסטיק־אָרעם. דאָך פאַרמעסט זיך שוין מדינת־ישראל צו קריגן די העגעמאָניע אין יידישן לעבן. מ'קוקט דאָ מיט ביטול אויף כל תפוצות ישראל. נישט נאָר פאַרלייקנט מען דאָס גייסטיקע לעבן פון גרויסן קיבוץ יידן — אַמעריקע, נאָר מען האַלט אין סטראַשען אים מיט אונטערגאַנג. איר הערט אויף שריט און טריט: אויך ביי אייך אין אַמעריקע וועט קומען אַ היטלער, אַנטלויפט. שטעלט נישט אויף קיין אינסטיטוציעס, מאַכט זיך נישט נאַריש מיט קינדער־דערציאונג, ווייל אייער לעבן איז נישט זיכער. אַט היינט־מאָרגן וועט אויפשטיין אַ נייער היטלער און אייך אויסקוי־לענען.

— וואָס פאַר אַ בייזע שמחה אויף אייך? פון וואַנען זענט איר אַזוי זיכער, אַז אויב נאָך אַ היטלער וועט קומען און די יידן פון אַמעריקע וועלן אויסגע־ראָטן ווערן, וועט דער ישוב אין מדינת־ישראל געראַטעוועט ווערן? ס'איז דאָך אין איצטיקן אומגליק בלויז געווען אַ צופאַל, וואָס די רוסן האָבן נישט אָפּ־געשטעלט היטלערן ביי ביאַליסטאָק, און די ענגלענדער האָבן יאָ אָפּגעשטעלט די דייטשן ביי אַלאַמיין. דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט זיך דאָך נישט גע־ראַטעוועט מיט זיין אייגענעם כוח.

— און אַט דאָס סטראַשען אַמעריקאַנער יידן מיט אַ נייעם היטלער איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער עולים פראַגע. גייט איבער די בתי־עולים און אין די דערפער, ווו די עולים האָבן זיך באַזעצט, און רעדט מיט זיי. איר וועט

הערן, אַז מען האָט זיי צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. מען האָט גאָר אַ גרויסן טייל, אפשר דעם גרעסטן טייל, פשוט אָפּגענאַרט מיט צוזאָגונגען. מען איז געווען נישט איבערקלייבעריש, ווען מען ארויסצונעמען פון אַנדערע לענדער, חוץ דייטשלאַנד, כדי עס זאָל געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער דרוק. מען האָט פון רומעניע אַרויסגענומען טאַטע־מאַמע און געלאָזט די קינדער; אַרויסגענומען אַ סך קינדער און געלאָזט טאַטע־מאַמע.

— מילא, דעם מאָראַלישן און עקאָנאָמישן דרוק, וואָס מען האָט אויסגענוצט ארויסצונעמען די יידן פון די דייטשישע לאַגערן, קאָן מען נאָך אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקן. אָבער אָט האָט מען אַרויסגענומען די יידן פון בולגאַריע. די בולגאַרישע יידן האָבן נישט געליטן פון אַנטיסעמיטיזם. איז מען געקומען און מען האָט זיי אָנגעשראָקן מיט דער אָנקומענדיקער עקאָנאָמישער ענדערונג. זענען זיי אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז עס וואַרט אויף זיי אַ בעסער לאַנד. אין גרונט גענומען, איז עס אַ שרעקלעכער פּרעצעדענט. דאָס מיינט, אַז יידן, ווו זיי זענען, זענען נישט קיין איינגעוואָרצלטע. עס וואַרט אויף זיי ערגעץ אַ היימלאַנד. ביי דער ערשטער שוועריקייט קאָנען זיי אַנטלויפן. ווי קאָן מען מיט אַזאַ געפיל בויען פּערמאַנענטע אינסטיטוציעס? ווי קאָן מען מיט אַזאַ געפיל פון צייטווייליקער אָנגעהעריקייט זיך איינוואָרצלען אין אַ לאַנד? אין ערשטן גלות, גלות בבל, האָט ירמיהו אָנגעזאָגט די גולים:

„בויט הייזער און וווינט אין זיי. פלאַנצט גערטנער און עסט זייער פרוכט. נעמט ווייבער און האָט מיט זיי זין און טעכטער. נעמט ווייבער פאַר אייערע זין, און גיט אויס אייערע טעכטער צו מענער און זאָלן זיי האָבן זין און טעכטער, און מערט אייך און ווערט נישט ווייניקער".

— אָבער וואָס טוט איר? איר שרייט: אַ היטלער וועט אויף אייך קומען! בויט נישט קיין הייזער, ווייל מ׳וועט זיי ביי אייך צונעמען! זאָלן אייערע קינדער דאַרטן נישט חתונה האָבן, און קיין קינדער זאָלן זיי נישט האָבן, ווייל מ׳וועט אייך סוף־כל־סוף אויסהרגענען! ראַטעוועט זיך כל זמן ס׳איז דאָ צייט! קומט אַהער צו אונדז באַצייטנס, ווען איר האָט נאָך אייערע פאַרמעגנס, און מ׳לאָזט אייך אַרויס, אַז נישט וועט איר קומען צו אונדז, ווען מ׳וועט פאַר אייך דאַרפן אויפשטעלן בתי־עולים. קאָן אַ פאָלק געדייען צווישן פעלקער מיט אַזאַ קאַטאַסטראָפע־געפיל? מיר וועלן דאָך חלילה אָנשטעקן די גאַנצע וועלט מיט רשעות. מיר וועלן איינרעדן אפילו די בעסטע צווישן גויים, אַז די אַנטיסעמיטן זענען גערעכט: מיר זענען פרעמדע אומעטום.

— איצט די פראַגע פון אימיגראַציע. כל־זמן די אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל איז געווען אַ קליינע און דער מאָטיוו איז געווען אַן אידעאַליסטישער,

האָבן די שוועריקייטן פון איינוואָרצלען זיך אין לאַנד נישט געשפּילט קיין ראָל. איצט, ווען ס'איז געוואָרן אַ מאַסן־אימיגראַציע, און נאָך נישט פון דעם אי־דעאַליסטישן מענטשן־מאַטעריאַל, וועלן זיך באַלד אָנהייבן די אמתע צרות פון צופאַסונג. קיין פאָלק איז נישט געלונגען צו באַזעצן אַזאַ צאָל מענטשן אויפן לאַנד. קיין פאָלק האָט נישט געקאָנט דערוועקן קיין פּיאָנערישקייט ביי אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן. און דאָ איז אַ פראַגע פון באַזעצן דעם נגב און אַנדערע וויסטע ערטער. קיין אינדוסטריע איז אין לאַנד נישטאָ, און עס זענען נישטאָ די רוי־מאַטעריאַלן צו אַנטוויקלען וועלכע ס'איז גרויסע אינדוסטריע. די מערק פון די שכנישע לענדער זענען געשלאָסן. וואָס וועט מען טון מיט די אַלע אימי־גראַנטן, נאָך דעם ווי דער טומל וועט זיך איינשטילן? אַ פאָלק קאָן דאָך נישט לעבן שטענדיק אויף צדקה.

— פאַר דעם גלות איז אויך אַ גרויסע סכנה אין דעם איצטיקן באַנעם פון ישראל, אַז יידיש פאָלק דאַרף זיין איינהייטלעך, מעור אחד, ווי אַלע אַנ־דערע פעלקער, וואָס זיצן אויף זייער לאַנד, אַ מלוכה־פאָלק. מיר זענען במשך פון צוויי טויזנט יאָר, און נאָך מער, נישט געווען קיין פאָלק אין דעם אָנגע־נומענעם זין פון וואָרט. מיר זענען געווען צוגעבונדן צו אַן אַבסטראַקציע, נישט צו קיין ערד. דאָס געמיינשאַפטלעכס צווישן באַזונדערע טיילן פון פאָלק איז אָפט געווען מינימאַל. צווישן יחידים איז אָפט געווען אַ כמעט נישט קאָנטיקע געמיינשאַפטלעכע שייכות. וואָס פאַר אַ גייסטיקע בשותפותדיקייט איז געווען צווישן דעם פראַנצויזישן יידישן פילאָזאָף בערגסאָן און דעם אַלטן ליובאַווי־טשער רבין? וואָס פאַר אַ געמיינשאַפטלעכקייט איז פאַראַן, למשל, צווישן אַ תימנער „חכם” און אַ סעקולאַרן יידישן יוניאָן־טוער אין ניו־יאָרק? דאָך האָט די וועלט זיי געהאַלטן פאַר יידן און זיי אַליין האָבן זיך געהאַלטן פאַר יידן. עפּעס אַ דינער גייסטיקער פאָדעם האָט זיי אַלעמען פאַרבונדן. אין דער הינ־זיכט איז פאַר יידן געווען זייער שווער צו ווערן אויס יידן. אָפט איז ער געבליבן אַ ייד צוליב זיינע נעגאַטיוון, ווייל ער האָט זיך נישט דערקלערט אָפיציעל פאַר נישט קיין ייד.

— אָט דער דינער גייסטיקער פאָדעם איז אָבער נישט גענוג שטאַרק צו האַלטן יידן איצט, ווען מיר ווערן אַ מלוכה־פאָלק. אין לאַנד גופא קאָן מען דאָך נישט דערלאָזן קיין קאָנגלאָמעראַציע פון שבטים: תימנער און מאַראָקאַנער, וואָס רעדן אַראַביש; בולגאַרישע יידן, וואָס רעדן לאַדיניש; מזרח־אייראָפּעאי־שע יידן, וואָס רעדן יידיש און קורדיסטאַנער יידן, וואָס רעדן אַ קאַווקאַזער דיאַלעקט — באַזונדערע שבטים מיט זייערע מנהגים, און באַגריפן און באַזונ־דערע שפּראַכן. מ'מוז די אַלע פאַרשידענע יידן צונויפשמידן אין איין איינ־

היטלעבער מאסע, וואָס זאָל האָבן מער אָדער ווייניקער איין פּנים, אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, מיט אַן אייגענער שפּראַך, איינהייטלעכע מנהגים, צוגעבונ־דנקייט צו לאַנד־פּאַן און שפּראַך. ווי באַלד דער באַגריף וועט איינגעבירגערט ווערן ביי אונדז דאָ, וועלן די גלות־יידן אויטאָמאַטיש ווערן אויס יידן. דער עיקר פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק איז געווען דאָס געפיל, אַז עפּעס אַן אַבסטראַקציע פאַרבינדט יעדן איינעם פון אונדז מיט כנסת־ישראל. וועט אָט דאָס געפיל אָפּגעטויט ווערן, דעמאָלט וועט דאָס יידישע פאָלק איינשרומפּן און איינדאַרן כמעט אויטאָמאַטיש.

— דער רוקנביין פון ישוב זענען די קיבוצים. אָט די דעמאָקראַטישע קאָאָפּעראַטיוון קאָנען מיט זייער איינשטעל פון אמתער דעמאָקראַטישער עקאָ־נאָמישער און געזעלשאַפטלעכער גלייכקייט באַאיינפלוסן די וועלט. אָבער די הויפּט־חסרונות פון די קיבוצים זענען, וואָס זיי זענען געבויט אויף נזירות און אויף אַלגעמיינער פאַרלייקענונג פון יחידישן לעבן. נזירות און פאַרלייקע־נונג פון יחידישן לעבן איז געווען גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צו די אידעאַליסטן, וואָס זענען געקומען אַהער צו בויען אַ לאַנד און אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות. זיי זענען אָבער נישט צוגעפּאַסט צו די נייע עולים, וואָס זוכן גליק און אַ פול פערזענלעך לעבן נאָך יאָרן צוואַנג פון אַ קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. וועט איר זאָגן, אַז בלית ברירה וועלן זיי מוזן ווערן קיבוצניקעס. ניין, איר קאָנט בויען אַ קיבוץ מיט נײַנציק פּראָצענט אידעאַליסטן און צען פּראָצענט לית־ברירהניקעס, אָבער נישט מיט נײַנציק פּראָצענט לית־ברירהניקעס און צען פּראָצענט אידעאַליסטן. מען האָט אַריינגעבראַכט אַ פערטל מיליאָן יידן אָן אַ חשבון און אָן אַ פריערדיקער אויסרעכענונג, אָן אַ פּלאַן ווי זיי איינצואָרדענען און נישט טראַכטנדיק, אַז זיי זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר פּיאָנערישער אַגרי־קולטור־אַרבעט. מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט און אויף דער שטי־צע פון אַמעריקאַנער יידן. יהיה בסדר — עס וועט זיין גוט, איז ביי אייך דאָס באַליבטסטע ווערטל. ניין, עס וועט נישט זיין בסדר, אין אָרדענונג. עס וועט אַוועק דער האָניק־חודש און עס וועט קומען דער טערמין צו צאָלן דאָס וועקסל.

— און נאָך איין עיקר זאַך. מדינה מוז זיין סעקולאַר. קיין מדינה קאָן זיך נישט אויפפירן צו יושרדיק. עס מוז זיין אַ מאָס רשעות צו שכנים. עס מוזן אָפט פאַרקוקט ווערן די עלעמענטאַרסטע רעגעלן פון יושר, צדק און גערעכ־טיקייט, ווען עס פאָדערן עס די אינטערעסן פון דער מדינה, אמתע צי פאַלשע אינטערעסן. הייליקייט און ירשרדיקייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן וועלן מוזן ווערן אַ פּריוואַט־זאַך אין מדינת־ישראל, ווי ביי אַלע פעלקער. עס וועט געמאָלט זיין ביי יידן, ווי ביי גאָר דער וועלט, אַז עס וועט קומען אַ סאָלדאַט אין שול,

לאָזן זיין ביקס שטיין ביי דער טיר און אריין מתפלל זיין. רבנים וועלן רעדן וועגן גאָטס גערעכטיקייט אויף דעם שלאַכט־פעלד. ווי ביי די גויים, וועלן זיין געוויסע שעהן פון קדושה און גאָטס־גערעכטיקייט, אָבער דאָס טעגלעכע לעבן וועט אָנגיין מיט זיין רשעות. שבתים און יום־טובים וועלן ווערן סעקולירט. נאָכן דאַווענען וועט פסיכאָלאָגיש מעגלעך זיין צו גיין אויף יאַגד. די גרויס־קייט פון יידישקייט איז געווען דאָס, וואָס זי איז שטענדיק געווען קעגן קאָמ־פּראָמיסלעכקייט. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן ר׳ ישראל סאַלאַנטער אָדער דעם חפץ־חיים אין דער ראָל פון מיניסטאָרן? איצט, אין מלוכה, וועט די גאַנצע הייליקייט פון יידישן לעבן ווערן נישט מער ווי אַ טפל צום סעקולאַרן לעבן. מיר וועלן ווערן ווי אַלע אַנדערע קליינע פעלקער אין נאָענטן מזרח, אָדער אין די באַלקאַנען. האָבן מיר געוואַרט אויף אַזאַ גאולה טויזנטער יאָרן? האָט עס זיך געלוינט? לא מינה ולא מקצתה.

איך וויל נישט פּאַרטייטשן די לעצטע פיר ווערטער, ווייל אויף יידיש וועלן זיי קלינגען זייער שאַרף. אָבער נאָך שאַרפערע רייד ווי די, וואָס איך האָב געבראַכט, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. איך וויל, אַז עס זאָל זיין קלאָר, אַז זיי זענען נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דעם סדר, וואָס איך האָב זיי געבראַכט. אויך זענען זיי נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון איין מענטשן אין אַ פּשטעל. איך האָב זיי נאָר אַזוי אויסגעשטעלט, כדי עס זאָל אַרויסקומען קלאָרער די קעגנערשאַפט. אויך וועלן זיין קלאָרער די תשובות אויף די אַלע האַרבע שאלות, ווען איך וועל זיי געבן בסדר, אין אין אַפּשטעל.

דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע האָט גערעדט פריער און דערנאָך האָבן די אַנדערע אַרויסגעהאָלפן:

— איר מיט אייערע טענות מאַכט דאָ איין גרונט־טעות. לויט אייערע רייד קומט אויס, אַז יידיש לעבן האָט זיך גאָר נישט געענדערט אין די לעצטע הונדערט יאָר, און איר מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון דער לעצטער קאַטאַס־טראָפע. נאָך אייערע רייד קומט אויס, אַז יידן האָבן געלעבט רואיק, בשלום צווישן די גויים, און עס זענען געקומען עטלעכע משוגענע ציוניסטן און האָבן באַשטימט ביי זיך צו פאַרכאַפּן אַ לאַנד. ס׳איז דאָך נישט געווען אַזוי. דער איצטיקער טאָטאַלער איבערברוך אין יידישער געשיכטע איז דאָך געקומען צו־ליב דעם צוזאַמענברוך פון יידישן גייסטיקן לעבן און צוליב די רדיפות פון די גויים.

— לאָמיר נעמען פריער פון אַלץ די אַראַבער־פראַגע. איר רעדט גלייך ווי איר וואָלט ערשט איצט אַנטדעקט, אַז די יידן זענען געקומען קיין ארץ־ישראל צו באַזעצן דאָס לאַנד און ווערן די מערהייט. מיר האָבן עס קיינמאָל נישט גע־לייקנט. דאָס איז געווען די פּראָגראַם פון די בילוצעס, פון די ערשטע חלוצים

און פון אחד־העמען אויך. מיר האָבן זיך אָבער קיינמאָל נישט געריכט, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן ווי עס איז איצט געשען.

— די ערשטע פּיאָנערן אין לאַנד האָבן געוווּסט וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן געוואָלט איינגעמען דאָס לאַנד דורך קאָלאָניזאַציע. ש. בן־ציון, ווען ער שילדערט די ערשטע חלוצים, דערציילט ווי זיי האָבן געאַרבעט עבודת־פּרך און געהונגערט, און דאָך געהאַט אַ ווייטן ציל פאַר די אויגן. די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע האַלב־הונגעריקע יידן האָבן אין די אָוונטן געזונגען. וואָס האָבן זיי געזונגען?

> על גדות הירדן ובשרון
> שם מחנות ערביים חונים,
> לנו תהי זאת הארץ
> ואתה תהיה בין הבונים.

— הערט זיך גוט צו צו די ווערטער: „אויף די ברעגעס פון ירדן און אין שרון, דאָרטן רוען מחנות אַראַבער. צו אונדז וועט געהערן דאָס דאָזיקע לאַנד, און דו וועסט זיין צווישן די בויער". איר הערט: אפילו דאָס ליד פון „געצנדי־נער" טשערניכאָווסקי זאָגט נישט: ואתה תהיה בין הכובשים — און דו וועסט זיין צווישן די באַזיגער. ניין, נאָר צווישן די בויער, איינעמען דאָס לאַנד מיט אַרבעט.

— און יידן האָבן טאַקע געוואָלט דורכקומען מיט די אַראַבער. וועט איר זאָגן: די אַראַבער האָבן נישט געוואָלט די נייע שכנים, אָט ווי אויסטראַליע וויל נישט קיין נייע אימיגראַנטן, ווי קאַנאַדע האַלט דאָס לאַנד פאַר זיך? נו, פרעג איך אייך, זענען אויסטראַליע און קאַנאַדע גערעכט צו לאָזן פּוסטעווען מיליאָנען דונאם ערד, ווען אייראָפּע שטיקט זיך? די אומגערעכטע האַנדלונג פון די צוויי לענדער טאָר דאָך נישט אָנגענומען ווערן ווי אַן עטישער חוק.

— האָבן יידן אָפּגעקויפט פאַר גוט געלט (וואָס קיין פאָלק האָט עס נישט געטון) פּוסטע שטרעקעס לאַנד, בלאָטעס, זיי באַאַרבעט און געגרינדעט אייגע־נע דערפער און שטעטלעך. זיי האָבן גלייך פון אָנהויב איינגעפירט אין זייער ישוב אַן אייגענע רעגירונג בזעיר אנפין (מיניאַטור). זיי זענען נישט געקומען צו לעבן אין שכנות, נאָר זיי האָבן געוואָלט אַ גאַנץ יידיש לעבן, און זיי האָבן עס אויסגעפירט. נו, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן אויסקומען מיט די אַראַ־בער. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געהאַט אַן אַלטערנאַטיוון פּלאַן, טאָמער ניט דאַרפן זיי האָבן אַ יוגנט, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן. האָט זיך אויסגע־לאָזט מיט אַ מלחמה, און די אַראַבער זענען אַנטלאָפן. מסכים, אַז מיר האָבן זיי טיילווייז פאַרטריבן. איר וועט דאָך אָבער צוגעבן, אַז מיר האָבן ביז דער לעצטער מינוט געוואָלט דורכקומען מיט זיי מיט גוטן. זיי אָבער זענען גויים.

זיי האָבן געוווסט וואָס זיי וואָלטן מיט אונדז געטון, ווען זיי זיגן. האָבן זיי אַנגענומען, אַז מיר וועלן טון דאָס זעלביקע. זיי האָבן נישט געגלויבט אונדזערע הבטחות און זענען אַנטלאָפן. בדעיבד זענען מיר צופרידן. סוף־כל־סוף האָבן מיר איצט אַ מדינה, וווּ עס וועט כמעט נישט זיין קיין מינאָריטעטן־פראַגע.

— צוריקנעמען די אַראַבער? ווו וועלן מיר זיי אַהינטון? איר וועט אפשר אונדז הייסן צוריקשיקן די פּליטים, פון וואַנען זיי זענען געקומען? די געשיכטע טוט אָפט אָפּ אַזעלכע שפּיצלעך און קאָמפּליצירט ענינים אַזוי, אַז קיין מענטש קאָן עס נישט פונאַנדערפּלאָנטערן. אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז יושרדיק צו באַזעצן די אַראַבישע פּליטים אין די אַראַבישע לענדער, און נישט אין מדינת־ישראל.

— איר טענהט, אַז עס שמעקט מיט סכנה. אונדזער האַנדלונג קאָן געבן אַ פּרעצעדענט להבא. נו, קיינער קאָן נישט פאָרויסזאָגן, וואָס עס וועט זיין אַ דור אָדער צוויי שפּעטער. און בכלל, איך בעט אייך, דאַרפן דען די גויים האָבן פּרעצעדענטן צו שלאָגן יידן?

— איצט די פראַגע וועגן יידיש. אמת, דאָס וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידיש איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרלוסט. דאָס אָננעמען דעם ספרדישן דיאַלעקט איז אַ קאַפּריז. אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען קיין פאַרשווערונג פון אַ פּאָר יחידים. יידן האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאַר יידיש. ס'איז אַ שאָד. אָבער ס'איז פּאַרט אַזוי. דער טייל יידן, וואָס איז געקומען אַהער, האָט פאַרבונדן דעם יידישן רענעסאַנס, תחיה, מיט העברעאיש. דאָס פאָלק האָט הפּנים מסכים געווען מיט אונדז. אַ סימן האָט איר, אַז די יידן בכל תפוצות הגולה האָבן נישט אַרויסגעוויזן די זעלביקע עקשנות אויפצוהאַלטן יידיש ווי מיר, דאָ, אין ארץ־ישראל, האָבן אַרויסגעוויזן אויפצולעבן העברעאיש, וואָס איז אַ סך אַ שווערערער ענין. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז דער העברעאישער לשון איז אַ גרויסער פאַראייניקונגס־פאַקטאָר צווישן די פאַרשיידענע יידישע „שבטים” פון דער וועלט.

— בכלל, וואָס פאַר אַ טענות האָט איר צו אונדז? רייסט פאָסן פון זיך אַליין. לעבט אויף יידיש אין דעם מויל פון אייערע קינדער. וואָלט דער גאַנצער אַמעריקאַנער יידישער ישוב גערעדט יידיש, וואָלטן מיר געווען געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט אייך. אייערע קינדער רעדן דאָך ענגליש. אונדזערע קינדער, צי זיי וועלן רעדן העברעאיש, צי יידיש, וועלן זיך אַלץ איינס נישט קענען צוזאַמענרעדן מיט אייער אָפּגעפרעמדטן יונגן דור.

— איר שרייט, אַז מיר סטראַשען אייך מיט אַ היטלערן. איר פרעגט: וואָס פאַר אַ בייזע שמחה אויף אייך? פון וואַנען זענט איר זיכער, אַז אויב נאָך

א היטלער וועט אויפקומען, וועלן די יידן פון אַמעריקע אויסגעראַטן ווערן און דער ישוב אין מדינת-ישראל וועט געראַטעוועט ווערן? נו, איר פרעגט אָפּ די הויפּט-עיקרים פון ציוניזם. סיי פּינסקער, סיי הערצל זענען געקומען צום געדאַנק פון ציוניזם צוליב אַנטיסעמיטיזם. די בילוצעס זענען געקומען אַהער צוליב די פּאָגראָמען אין אַמאָליקן רוסלאַנד. כמעט אַלע איצטיקע איינוווינער פון מדינת-ישראל, אפשר מיט גאָר אַ קליינער אויסנאַמע, זענען געקומען אַהער, ווייל זיי זענען אַנטלאָפן פון רדיפות און רשעות. איר טענהט, אַז ביי אייך אין אַמעריקע איז די לאַגע אַן אַנדערע. איר האָט אמתע דעמאָקראַטיע. מיר גלויבן אייך נישט. מיר מיינען, אַז די גויים האַלטן אייך נישט פאַר קיין אמתע בירגער. איר נאַרט זיך. ס׳איז נישט וויכטיק, וואָס איר מיינט, אַז איר זענט גלייכע מיוחסים דאָרטן מיט די גויים. מיר גלויבן באמונה שלמה, אַז סוף-כל-סוף וועט אייער סוף זיין ווי דער סוף פון אַלע יידישע קיבוצים פון דער וועלט — אונטערגאַנג. דער עצם פאַקט, וואָס איר זענט אַ באַדייטנדיקע מינאָריטעט וועט פאַרשטאַרקן די שנאה צו אייך. און טאָמער מאַכן מיר אַ טעות און איר זענט גערעכט? איז דאָך אוודאי גוט. אָבער מיר שרעקן זיך. דאָס מעגן מיר.

— בכלל, וואָלטן מיר געוואָלט, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז מדינת-ישראל איז טאַקע גאולה, אָבער גאולה געבראַכט פון סעקולאַריסטן. ס׳איז אַ רעוואָ-לוציע אין יידישער געשיכטע. ס׳קומט אויף אין גאַנצן אַ נייע יידישקייט און אַ ניי יידיש פאָלק. וואָס שרייט איר אַזוי? ערשטנס, זענט איר אַליין סעקו-לאַריסטן, און צווייטנס, פאַרוואָס זאָל יידישקייט בלייבן סטאַטיש? די אומ-שטענדן אויף דער וועלט זענען אַנדערע פון אַמאָל. יידן זענען אַנדערש ווי אַמאָל, איז די גאולה אויך אַן אַנדערע.

— יאָ, מיר ווילן זיך איצט באַגרענעצן, מיר ווילן איינשרומפּן די כנסת-ישראל און זי צובינדן צו אַ שטיקל ערד. ס׳איז איצט אַזאַ צייט, וואָס מיר קאָנען נישט בלייבן אַ פאָלק, ווען מיר זענען צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אָט ווי אַמאָל האָבן יידן דערפילט, אַז לאַנד איז נישט נויטיק כדי אויפצוהאַלטן זייער גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, אַזוי האָט איצט, גלויבן מיר, דאָס פאָלק דער-פילט, אַז עס דאַרף צוריק האָבן אַ לאַנד, כדי צו בלייבן לעבן.

— זאָל זיין, אַז עס איז אַ ירידה. אַ גייסטיקע ירידה. אָבער אַמאָל מוז מען אַביסל צוזינדיקן, כדי צו בלייבן לעבן, אַז מ׳זאָל שפּעטער קאָנען שטייגן העכער. אָבער דער עיקר פון אַלע עיקרים איז: דערוואַרט נישט, אַז מיר זאָלן אויפהאַלטן אייער פאָרמע פון יידישקייט. אויב איר ווילט אונדז אָפּפרעגן, פרעגט אונדז אָפּ מיט מעשים. אייערע חקירות וועלן ווירקן אויף אונדז זייער ווייניק. מיר זענען צו פאַרנומען מיט טאָג-טעגלעכע זאָרגן צו חקירען זיך איצט.

איך חזר איבער: די אַלע טענות און ענטפערס, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, זענען נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף אַזאַ סיסטעמאַטישן אופן. אויך זענען די געדאַנקען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ סך מער חריפות און לומדות, ווי איך האָב זיי איבערגעגעבן. די הויפּט־זאַך, וואָס האָט מיך באַווירקט, איז געווען די ערנסטקייט, אָפּנהאַרציקייט און די ערלעכקייט פון ביידע צדדים. קיינער האָט קיינעם נישט גערופן אַסימילאַטאָר. קיינער האָט חלילה קיינעם נישט באַשולדיקט אין אומאַויפריכטיקייט. יידן זענען געזעסן און האָבן דיסקוטירט דברים העומדים ברומו של עולם, און יעדנס האַרץ איז געווען פול מיט אהבת־ישראל, מיט ספקות און מיט אמונה. איך האָב גלייך, נאָך דעם זעלביקן אָוונט, פאַרשריבן דעם וויכוח. איך גלויב, אַז אין די רייד פון אַ סך פון זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אמתער געדאַנקען־גאַנג פון יידישן ישוב פון מדינת־ישראל, און די שטימונג פון גרויסע קרייזן אין תפוצות־הגולה.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# צוריק אין דער היים

איך בין אריין אין פּאָסט-ביוראָ צו שיקן אַ טעלעגראַמע, אַז איך קום אַהיים. דער אָנגעשטעלטער האָט איבערגעלייענט דעם קורצן טעקסט און האָט זיך אַ קרים געטון:

— איר מעגט זיך שעמען. פון ישראל טעלעגראַפירט נישט אַ ייד צו זיינע קינדער „כ'קום אַהיים". איר קערט זיך בלויז אום צו אייער צייטווייליקן וווינאָרט. דאָ איז די היים פון יעדן יידן.

איך האָב נישט געענטפערט. איך האָב זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט קריגן אין מיין לעצטן טאָג אין מדינת-ישראל.

מיר האָבן פאַרבראַכט אין ישראל וואָכן לענגער, ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, און איך האָב געבענקט אַהיים. איך האָב געבענקט נאָך די קינדער, נאָך די אייגענע פיר ווינקלען. איך האָב שוין געוואָלט שלאָפן אין מיין אייגן בעט. איך האָב געבענקט נאָך די גאַסן פון ברוקלין, איך האָב געוואָלט אַ קוק טון אויף מיין אַמעריקע. איז עס אמת, ווי זיי זאָגן דאָ, אַז מיינע נישט-יידישע שכנים פון גאַס קוקן אויף מיר מיט פאַרבאָרגענער שנאה? איז עס אמת, אַז די יידן פילן זיך נישט זיכער אויף די גאַסן פון ניו-יאָרק? זיי האָבן דאָ אַזוי פיל אריינגערעדט אין מיר וועגן דער אוממעגלעכקייט פון יידן צו לעבן צווישן נישט-יידן, אַז איך הייב שוין באַלד אָן זיי צו גלויבן. ווייניקסטנס, בין איך אַ היפּש ביסל דערשראָקן.

מיר זענען געפאָרן צום לופט-פעלד. מיין ברודער און שוועגערין זיצן לעבן אונדז אומעטיקע, פאַרטראַכטע. איך כאַפּ אַ באַהאַלטענעם קוק אויף מיין

ברודער: אַ מיטליאָריקער ייד. איך פּרוּוו אים צונויפפּאָרן מיטן אַכט־יאָריקן יינגעלע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט מיט אַכט און דרייסיק יאָר צוריק אין אַמאָליקן רוסלאַנד, און עס פּאַרט זיך נישט. איך בין דאָ געווען קרוב צו דריי חדשים, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך נאָך נישט גוט דורכגערעדט מיט אים. ווי אַ שאָטן זענען אַריבער די פינף און אַכציק טעג. יאָ, ווי דער מדרש זאָגט: ווי אַ שאָטן וואָס פליט פאַרביי, נישט ווי דער שאָטן פון אַ וואַנט, נאָר ווי דער שאָטן פון אַ פויגל, וואָס פליט פאַרביי.

מיין ברודער טוט אַ זיפץ:

— וועלן מיר זיך נאָך ווידער זען?

איך ענטפער נישט. איך ליג נאָר אַוועק מיין האַנט אויף זיין אַקסל. אָבער איך בין נישט טרויעריק. איך טראַכט איצט וועגן דער היים. איך וויל שוין דאָרט זיין. די פרייד פון פאָרן אַהיים שטייגט אַריבער דעם טרויער פון שיידן זיך מיטן ברודער און שוועגערין. די טאַקסי פליט איבער דעם פלוין פון שרון. ס'איז אַ וואָלקנדיקער טאָג. עס הייבט אָן גיין אַ רעגן. מיין ברודער טוט אַ זאָג:

— איך בין שוין אַכט און צוואַנציק יאָר אין ארץ־ישראל און עס האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעגנט אין חודש אלול. איצט רעגנט גאָר און די פעלדער קוקן אויס נאַס און טרויעריק, ווי ביי מיר אויפן הארצן.

מיין טעכטערל טוט אַ זאָג צו מיר מיט פרייד:

— שטעל זיך פאָר! אין קאָרגע צוויי טעג וועלן מיר זיין אין דער היים. איך וואָלט געוואָלט אַ קוק טון ווי די ווענט פון שטוב זעען אויס.

מיין ברודער פרעגט מיך:

— טאַקע אַזוי שטאַרק בענקט איר נאָך אַמעריקע?

איך האָב אים געענטפערט:

—וואָס מיינסטו? מ'פאַרגעסט אַכט און דרייסיק יאָר לעבן אין איינע דריי חדשים?

מיין שוועגערין האָט געווישט די אויגן:

— ס'וואָלט געווען גוט ווען דו בלייבסט דאָ, אין יידן־לאַנד.

איך האָב איר נישט געענטפערט. מיר האָבן אָפט אַזוי לאַנג גערעדט וועגן אַמעריקע און מדינת־ישראל. וואָס וועלן העלפן די דערקלערונגען אין די לעצטע מינוטן?

מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אַ צוויי שעה ביז דער עראָפּלאַן איז אָפּגע־פלויגן. די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך. ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך גערירט פון אָרט האָב איך דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג. איך האָב זיך

געמאַכט באַקוועם אויף מיין ווייכן שטול, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין ווענטל און בין באַלד אַריינגעפאַלן אין א שלאָף, ווי נאָך א טיפער צעטרייסלונג.

***

א גרויסע פרייד איז מיך באַפאַלן ווען מיר האָבן געלאַנדעט אין ניו־יאָרק, און איך האָב דערזען די ליבע פריילעכע פּנימער פון מיינע קינדער, חברים און פריינט, וואָס זענען געקומען אויפן פלי־פעלד אונדז מקבל פּנים זיין. מאָד־נע זיס האָט געקלונגען דאָס יידיש לשון אין זייער מויל. באַקאַנט און היימיש האָט מיר אויסגעזען די לאַנג־איילענדער לאַנדשאַפט.

איך בין געלעגן אין מיין אייגן בעט און האָב זיך צוגעהערט צו דעם גע־רודער פון די פּאַרטאַגיקע שעהען. איך האָב זיך געפילט רואיק און זיכער — איך בין צוריק אין דער היים.

איך בין אויפגעשטאַנען פרי און בין אַוועק און קאַבינעט. ס'איז נישט איבערצוגעבן די וואַרעמקייט און דאַאיקייט, וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך האָב דערזען דאָס באַקאַנטע מעבל, מיין שותּף און מיינע קראַנקנשוועסטער אַלץ האָט אין מיר געזונגען: צוריק אין דער היים!

אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ארץ־ישראל אָנגעהויבן מיך פאַר־פאָלגן. אָט איז זונטיק אינדערפרי. איך בין געזעסן אויף דער גרינער באַנק לעבן מיין הויז. די גאַס איז געווען פול מיט קינדער, וואָס האָבן געשפּילט באַל. קיינער פון זיי איז צו מיר נישט צוגעגאַנגען. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך באַגריסט: הא־יו! און באַלד זיך פאַרטון אין זייער שפּילן. יאָ, דער יתומים־צווילינג, אַל און ריטשאַרד, וואָס האָדעוועט זיך ביי מיין שכן מעקרי־ווי, איז צוגעקומען צו מיר בעטן קיי־גומי. איך האָב זיך געריכט אויף זיי און גענעבן יעדן פון זיי א גאַנץ פּעקעלע. אַל האָט קינדעריש א פרעג געטון:

— ווו ביסטו געווען א גאַנצן זומער?

עס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט:

— אין יידן־לאַנד.

איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס איך האָב נישט געזאָגט „אין פּאַלעס־טינע” אָדער אין „מדינת־ישראל”, נאָר „אין יידן־לאַנד”.

יידן־לאַנד, יידן־לאַנד. דאָרט איז אַנדערש. אָט זיץ איך שבת אויף דעם ברוערס ווערענדע. א גרופּע יינגלעך, אָנגעפירט פון א יונג מיידל, לויפט פאַר־ביי אין רעגימענטירטער אָרדענונג. זיי באַגריסן מיך אַלע אין איינעם: שלום! און קוקן מיט דערוואַרטונג אויף דעם פּאַק ציימונגען און זשורנאַלן וואָס ליגט ביי

מיר אויפֿן טיש. שפּעטער וועלן זיי צוקומען און זיך אָנהייבן ראַיען אין די אַלע צייטשריפֿטן. דערווייל זענען דאָ בלויז צוויי קינדער לעבן מיר, מיין ברו־דערס מיידעלע אביבה און דעם שכנס מיידעלע אילונה. זיי האָבן שוין איבער־געבלעטערט דעם „דבר לילדים", דעם „המשמר לילדים", „הצופה לילדים" און די אַנדערע קינדער־זשורנאַלן. זיי פּראַקטיצירן אַ טאַנץ „מים". זיי זינגען דאָס ליד וועגן וואַסער און באַגלייטן עס מיט אַ טאַנץ. מיין פֿרוי באַמערקט:

— איי, ווען מיר קאָנען זיי ברענגען אויף אַן אָוונט אין אונדזער שלום עליכם שול. דער עולם וואָלט משוגע געוואָרן.

באַלד וועלן קומען די קינדער פֿון זייער „פּעולה". די אָנפֿירערין וועט קומען אויף אַ באַזוך צו מיין טאַכטער, זיי רעדן זיך גאַנץ גוט צוזאַמען. מיין טאַכטער רעדט יידיש און וואַרפֿט אַריין אַן ענגליש וואָרט, וואָס די סאַברעכע וועט באַלד געפֿינען פֿאַר דעם אַ העברעאישן אויסדרוק, און דאָס ארץ־ישראל־דיק מיידל וועט רעדן העברעאיש און אַריינוואַרפֿן אַ יידיש וואָרט, וואָס מיין טאָכטער וועט וועלן געפֿינען דעם העברעאישן טייטש. מיין טאָכטער וועט רעדן וועגן קיבוצים, און דאָס ארץ־ישראלדיק מיידל וועט זיך נאָכפֿרעגן וועגן אַמעריקע. אַביסל שפּעטער וועלן אָנקומען די איבעריקע פֿון דער חברה לייענען די צייטונגען און זשורנאַלן. עס וועט נישט לאַנג דויערן און זיי וועלן זיך אָנ־הייבן קריגן. דריי, פֿיר וועלן דווקא וועלן די זעלביקע צייטונג אין דער זעלבי־קער צייט. איך וועל דאַרפֿן שלום מאַכן צווישן זיי.

אַ באַל האָט אַ פֿלי געטון און זיך אָנגעקלאַפּט אין דעם דראָט, וואָס באַ־שיט די פֿענצטער פֿון מיין הויז. איך האָב זיך ווי אויפֿגעכאַפּט און בין אַוועק שפּאַצירן.

איך האָב באַגעגנט מיין אַלטן פּאָליציי־מאַן פֿון אונדזער געגנט. ער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן מיך אויספֿרעגן וועגן מדינת־ישראל. עפּעס גאָר אַן אַנדער פּאָליציי־מאַן איז מיר אַרויף אויפֿן זינען. ס'איז געוועזן אין רעננה. איך בין געשטאַנען אין בוך־געשעפֿט. איך בין געקומען אָפּנעמען אַ בוך, וואָס איך האָב באַשטעלט. דער מוכר־ספֿרים האָט מיר געמאַכט אַ חניפֿהלע:

—איך האָב געבראַכט בלויז צוויי עקזעמפּלאַרן פֿון דעם „פּירוש הגיוני לספֿר איוב" פֿון אהרן קאַמינקאַ. איינעם פֿאַר אייך און איינעם פֿאַר אונדזער תנ"ך־לערער פֿון מיטלשול. מילא, ער דאַרף דאָס בוך, ווייל היי־יאָר וועט ער לערנען מיט די קינדער איוב. אָבער איר האָט מסתמא טאַקע באמת ליב תנ"ך.

אַ פּאָליציי־מאַן איז אַריין אין קראָם, אַ פּאָליציי־מאַן מיט אַ רעוואָלווער

און מיט אַלע קלאַפּער־געצייג. ער האָט געפרעגט דעם מוכר־ספרים צי ער האָט אַ באַנד ישעיה מיטן פירוש פון ש. ל. גרדון. ס'איז ביי אים פאַרפאַלן געוואָרן דער ספר. איצט איז דער גאַנצער גאַנג תנ"ך ביי אים אַ צעבראָכענער.

דער מוכר־ספרים האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פאַר אים קריגן. דערווייל זאָל ער זיך באַקענען מיט אַ יידן פון אַמעריקע, וואָס האָט אויך ליב תנ"ך. דער פּאָליציימאַן האָט צוערשט גערעדט צו מיר העברעאיש, דערנאָך אריבער אויף יידיש:

— נו, אַז איר קומט פון גלות און איר זענט פאַראינטערעסירט אין תנ"ך, זענט איר מסתמא דער אמתער קענער פון „שוואַרבע". איז אדרבה, ווי פאַר־טייטשט איר פּסוק י"ג אין קאַפּיטל ו' אין ישעיה? וויפיל איך האָב נישט נאָכ־געזוכט פירושים, קלעפּט זיך נישט דער פּסוק.

עס ווערט ערגער און ערגער. טאָג איין, טאָג אויס שטויסן זיך צוזאַמען די רעאַליטעטן פון דער היים מיט די פאַקטן פון מדינת־ישראל.

אָט בין איך געקומען אין „סיטי־האָל" פון ברוקלין, און באַלד קומט מיר ארויף דער „בית המועצות" פון רעננה. איך בין געגאַנגען זיך זען מיטן מעיאָר פון שטאָט. ער האָט מיך אויפגענומען מיט פרייד און גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף די לערערס פון די יידישע שולן. ער איז דאָ געווען אין אַמעריקע צענדליקער יאָרן. באַלד באַפעלט ער זיין סעקרע־טאַרין אָפּצוראַייניקן דעם שרייב־טיש און הייסט איר ברענגען טיי מכבד צו זיין די געסט. נאָכן טרינקען טיי האָט ער מיר געוויזן ווי מ'זעט גאַנץ רעננה דורך אַ פענצטער פון דריטן שטאָק. מיט שטאָלץ הייסט ער מיר ארויסקוקן און באַ־טראַכטן די גרויסע חנוכה־מנורה, וואָס שטייט אויפן שפּיץ טורעם פון „בית המועצות". ער דערקלערט מיר:

— ווען מיר צינדן אָן חנוכה די מנורה, זעט מען זי צוועלף קילאָמעטער ווייט.

ס'זענען מיר נישט ניחא די יידישע שולן. איך פאַרגלייך די ענגע צימער־לעך, די אויבער־שטיבלעך מיט די שול־בנינים פון רעננה, עין־חרוד, גבעת־חן און אַנדערע ישובים אין מדינת־ישראל.

עס שלאָגט זיך נישט ביינאַכט. עס עגבערן אין קאָפּ צענדליקער פאַרוואָסן.

— פאַרוואָס האָבן זיי געקאָנט איבערברעכן זייער לעבן, און מיר האָבן אַלץ געוואָלט מאַכן אונדזער לעבן באַקוועמלעכער?

— פאַרוואָס יאָגן מיר זיך אַזוי צו מאַכן אונדזערע קינדער פאַר קאַריע־ריסטן, און זיי יאָגן זיך, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן קיבוצניקעס, אָדער

מושב־עובדניקעס? מיר אַלע, זיי און מיר, זענען דאָך געקומען פון די זעלביקע שטעטלעך, ווו מיר האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף מענטשן, וואָס האָבן אין זינען בלויז זייער קאַריערע?

עס ענגבערט מיר אין קאָפּ:

— אַנטלויף. דו קאָנסט גרינג אָנקומען אין אַ קיבוץ. דו האָסט אַ פּראָפעסיע אין האַנט, ביסט אַ גוטער מויל־כירורג און ביסט נאָך נישט צו אַלט. דו וועסט לעבן צווישן יידן. וועסטו אָנהייבן רעדן העברעאיש. דער לשון איז דאָך אַ יידיש לשון. אין זעקס חדשים וועסטו שרייבן העברעאיש אַזוי גוט ווי יידיש רעדן אוודאי און אוודאי. וועסט אַליין איבערזעצן דיינע קינדער ביכער אויף העברעאיש. ס'אַראַ טייערן לייען־עולם וועסטו קריגן!

אָבער דאָס מיינט דאָך אַנטלויפן, ווידער אַנטלויפן פון אַ היים, פון פאָלק, אַנטלויפן פון שוועריקייטן, ווידער עמיגרירן. און נאָך מער, איך וועל דאָך מיט מיין אַנטלויפן צוגעבן, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג פאַר יידן מיט זייער יידישקייט דאָ, אין אַמעריקע. איך בין נאָך נישט גרייט אויפצוגעבן אַזוי גרינג אַ פינף־מיליאָניקן קיבוץ. און איך קאָן נישט אַרויסרייסן די יידישע צונג פון מיין מויל.

אָבער מיר איז קלאָר, אַז מיר קאָנען נישט אָנגיין אַזוי מיט אונדזער לעבן דאָ, אין אַמעריקע. מיר קאָנען זיך נישט צופרידנשטעלן בלויז מיט אַ צוגאָב יידישקייט. אַזאַ יידישקייט איז אַ גרינגע יידישקייט, אָבער זייער שווער צו טראָגן. מיר דאַרפן אָנהייבן לערנען זיך און דעם עולם, אַז מיר מוזן איבערברעכן אונדזער לעבן, צופּאַסן די אַלטע יידישקייט צו אונדזערע באַגריפן און גרינדן יידישע שטעטלעך דאָ. נו, האָט מען געפּרוווט און מ'איז דורכגעפאַלן. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז מ'טאָר נישט פּרווון נאָך אַמאָל.

אוודאי איז איצט אַ סך שווערער אָנצוהייבן זיך איבערברעכן. מיר זענען אַלע אַלטע לייט, און דער יונגער דור יידן איז אפילו נישט אַנטאַגאָניסטיש צו אונדז. ער איז פרעמד. דאָך איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער מיטליאָריקער דור און אַ קליינע יוגנט.

איין זאַך דאַרף זיין קלאָר: וועט דער גלות אָנגיין מיט זיין נישט־שעפערישקייט, מיינט עס אַ טאָטאַלער איבערברוך אין יידישער געשיכטע. אַ נייַ יידיש פאָלק וועט איצט אויפשטיין. אַ פאָלק, וואָס וועט האָבן די אויסערלעכע פאָרמע פון יידישקייט, אָבער אין תוך וועט עס זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, אַ קליין פעלקעלע אין נאָענטן מזרח. די, וואָס ווילן זיך באַנוגענען מיט דעם לעת־עתה און האָפן, אַז דאָס איז נישט מער עד יעבור זעם, האָבן אַ גלייכן וועג. די אָבער, וואָס ווילן נישט מסכים זיין, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל איינ־

שרומפן, זאָל אומעטום אונטערגיין און בלייבן בלויז אין מדינת־ישׂראל, די דארפן פארשטיין, אַז מיט אַ צונאָב־יידישקייט קענען זיי איצט נישט אָפקומען. אָדער זיי וועלן איבערברעכן זייער לעבן און צוריק אויפבויען אַן אייגנ־אַרטיקע יידישקייט אין תפוצות ישראל, אָדער אויב נישט דארפן זיי מסכים זיין זיין צו קאָנצענטרירן אַלע כוחות אויף דעם אויפבוי פון מדינת־ישראל און אפילו פארנאַכלעסיקן אַלע היגע יידישע אינסטיטוציעס און יידיש לעבן. זיי דארפן אויפהאַלטן בלויז יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האַלטן, אַז מיר זענען בלויז באַ־מיסטיקונג פאר מדינת־ישראל. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ, סיידן זיי ווילן זיך אַליין נאַרן און צעטומלען דעם עולם מיט פּוסטע רייד.

דאָס זענען הארבע רייד. זיי וועלן אָבער נישט ארויסגעזאָגט מיט אַ גרינג הארץ. דאָס איז דער אמת ווי איך האָב אים געזען. מ׳דארף זאָגן דעם אמת אפילו ווען עס טוט וויי זיך און אַלע נאָענטע און טייערע.

ס ו ף

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| אריינפיר | 5 |
| ווער וואָלט עס געגלויבט | 9 |
| קינדער | 16 |
| טאַטאַלע מלחמה | 23 |
| עולים און תושבים | 32 |
| אַ טיול אין נגב | 47 |
| ירושלים | 61 |
| אַ מיליטערישער פּאַראַד און אַן הזכרה | 75 |
| ד"ר הערצל אין זיין אויסגעטרוימט לאַנד | 81 |
| כפר הגלה | 90 |
| אַ הכשרה־קיבוץ און אַ קינדער־דאָרף | 101 |
| צוויי קיבוצים אין שרון | 107 |
| אין עמק יזרעאל | 119 |
| דער באַרג גלבוע | 135 |
| אין עמק הירדן און גליל | 147 |
| אין אַ פרומען קיבוץ | 160 |
| שאַ, אַ פאָלק ווערט געבוירן | 173 |
| צוליב אַ קוצו של יוד | 183 |
| פויערים פון גליל און עמק | 190 |
| אָן טרערן | 197 |
| יידיש אין מדינת־ישראל | 205 |
| שאלות און תשובות | 215 |
| צוריק אין דער היים | 227 |

# פון זעלבן מחבר דערשינענע ביכער:

אין פארלאג „מתנות" בײַם שלום עליכם פאלק-אינסטיטוט — ניו-יארק:

שמערל נאר — 1931 דריטע אויפלאגע 1949

דאס קלוגע שניידערל, 1933 — צווייטע אויפלאגע 1949

קינדער יארן פון יידישע שרייבער, בוך איינס 1936, צווייטע אויפלאגע 1945

קינדער יארן פון יידישע שרייבער, בוך צוויי, 1945

ראבערטס ווענטורעס 1938

די העלדן פון כעלם — 1942

אין די טעג פון די נביאים — 1947

נביאים ראשונים, יהושע און שופטים פאר יוגנט — 1951

אין אנדערע פארלאגן:

ה. לייוויקס קינדער־יארן, פארלאג „נייע יידישע שול", ווילנע 1938.

לייוויקס גולם — 1927, פארלאג „יידיש לעבן".

חומש פאר קינדער לויט יהואש, „יהואש פארלאג געזעלשאפט" 1940
דריטע אויפלאגע 1949.

מעשות פון אגדתא פון חיים שויס און שלמה סיימאן, 1936,
ארויסגעגעבן פון די מחברים.

יידן צווישן פעלקער, 1949, פארלאג „יידישע עטישע געזעלשאפט".

דער אדרעס פון מחבר:

**Dr. SOLOMON SIMON,**

**215 EAST 43 St.,**

**Brooklyn, 3, N. Y.**

פארלאג
אונזער בוך
בוענאס-איירעס

Este libro se terminó de imprimir el 14 de septiembre, Año del Libertador General San Martín, 1950, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires.